STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09978

DOS TEGLEKHE BROYT

Aaron Jacob Krisofsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן יעקב קריזאָווסקי

דאס טעגלעכע ברויט

פאַרלאַג — „חורבן-שלישי"
הונדערט-ניינציק-פינף
צווייטע עוועניו, ניו-יאָרק, נ. י.

DOS TEGLECHE BROYT

(DAILY BREAD)

Copyright 1946

By A. J. KRISOFSKY

195 Second Ave.

NEW YORK, N. Y.

דערשינען:

הארציקע געזאנגען, 1919

בלוט־ווײַן, 1933

(אין גיכן דערשיינען נאך 2 בענדער)

Printed by

GRENICH PRINTING CORP.

151 W. 25th St., N. Y. 1, N. Y.

166

נחמו, נחמו, עמי

געטרייסט, געטרייסט! מיין פאָלק זאָל זיין געטרייסט!
איז דאָך דיין טרייסט דיין אײנציק וועלט־פארמעג,
דיין מארטיר־גאַנג, געבייטשט, וואו נאָר דו גייסט —
דעם נביא'ס ליכט, באַלייכט, באַגלייכט דיין וועג.

דיין פּיין צינדט־אָן מיט צער דעם נביא'ס ליכט,
וואָס לייכט „פון פלאם — אין ים!" דיין מארטיר־וואָגלען;
ווען דיר — וואָס טראָגט וועלט־שווערן סיני־פליכט,
פילט־אָן די וועלט מיט פּיין־גיפט דיינע לאָגלען.

דאָך, וואויל צו דיר, אַזש לייכט וועלט שנאה־בארג,
צום וואָג פון נביא'ס סיני־באַרג־טרער־טראָפּ;
דו שוועבסט פאַרביי דעם שווערדן־געצנווארג,
טראָגסט זון־און שטערן־שטאָלץ דיין וואונדן־קאָפּ.

כאָטש וויי, אָ, וויי צו דיר, גאָט־שכינה־ציר!
אָ, קלאָג, אברהמס לייכט־הויז — אלוועלט־טירן!
קאָלט האַרט־פארשפאַרט פאַר דיר שטומט וועלט־האַרץ־טיר,
צום אומוועג־אומגליק, אַלוועלט־וועגן פירן.

דאָך, וואויל צו דיר! דו צאָלסט דעם העכסטן פּרייז,
פאַר זיין דו — דו! דו — דו! נאָר דו — אַליין.
מיט דיר שוועבט־מיט קלאָר־ווייז דער נביא־גרייז,
צום שפּיל פון פעלקער־אויפגיין־און פאַרגיין.

געטרייסט, געטרייסט! מיין פאָלק זאָל זיין געטרייסט!
עס בלוטעט־מיט דיין וועג, דער נביא־טרייסטער;
דיין מארטיר־ברעג, אַהין, וואו דו דערגייסט,
שטראַלט פון דער וויַט, אין זון — אַן אויסגעלייזטער.

1933

דאָס וואָרט פון גאָט וואָטאַן

בערלין! מיין מקדש! וועלט־און פעלקערס שחיטה־הויז!
באוואכט פון שוחט היטלער, דייטשלאנד שלאָף בארוט:—
מיין היטלער מיט זיין חלף ווי די וועלט איז גרויס,
ער שטעקט פאַרקאטשעט ביז די וואָנצעלעך אין בלוט

זאָל יום־טוב זיין! טו אָן דעם הייליקן האַקנקרייץ,
און טו זיך אָן פאר גאָט וואָטאַן אין משוגעת;
נאָר ניט פאַרגעס פאר גאָט וואָטאַן, די האק און בייטש,
און לויף אַרויס פון היטלער־מאַרק אין היטלער־גאס.

און זינג דעם בלוטיק לאנגן מעסער היטלער־ליד
אַף אידן קעפּ צעשוויגען, זינגען, זאָל די האק!
יאָג־אָן, אָט לויפט אין אַנגסט־שרעק אַן אלטער איד,
ער שלעפּט אַף זיך זיין אייביק־שווערן שלעפּער־פּאק;

דעם פּאק מיט תורה־שמאטעס פלוך־פאַר'עפּוש'ט בוך,
פון אידן־שוואכע היינעס און לאַסאַלס און מאַרקס —
פיל אָן דיין גאַל מיט ראַסן־גיפט, מיט האס און פלוך,
צינד אָן מיט זיי די וועלט צום שלאכט, אַף היטלער־מארק.

נאָר מיטלייד האָב מיט ראצן, לייז, מיט ווילדע מייז,
און אַלע היטלער־קרובים ביזן געלן האָז;
און וואש די הענט אין מענטשן־בלוט — גיס טייכנווייז!
מאך קידוש הויך, אַף אידן־בלוט — דעם היטלער־כוס ——

1933

הילף

טראָפּ־אָפּ! טראָפּ־אָפּ! ביזן לעצטן טראָפּ,
צום שארפן קעגן שלאנג די שווערד
אויך ניט צו טייער איז דער קאָפּ,
כל־זמן דער קאָפּ טראָגט וועלכן ווערט,
צושטייער פאַר דער מאמע ערד.

שפּרינגט־אויף, פּלאצט־אויס פון הויט, איר קנעכט.
וואָס וואַרטן מיר? צום היטלער־העל?
זיין, ווי די וועלט גרויס מעסער־רעכט,
זיין „לאנגער מעסער" — טרעפט אונדז, שעכט!
וואו וועלט נאָר ווארפט אים אונדזער פעל.

וואָס צעגערן?! וואָס ווארטן מיר?!
מיר לעמאכן, מיר לעמערן,
די חיה לויערט ביי דער טיר,
פון אויפגאנג ביז נאָך דעמערן,
און מיר — מיט גראָשנס קרעמערן.

דער קרעמער, ביז דער בלוט־מינוט,
בייסט איין אין גראָשן שאַרף די ציין,
און גיט נאָר אָפּ צום רוט און קנוט,
און טראָפּעט אָפּ דעם טראָפּן בלוט,
ביז וואָלף צעבראָמסקעט זיין געביין.

טראָפּ־אָפּ! טראָפּ־אָפּ! דעם לעצטן טראָפּ,
צום שארפן קעגן שלאנג די שווערד,
אויך ניט צו טייער איז דער קאָפּ,
כל־זמן דער קאָפּ האט וועלכן ווערט,
צושטייער פאַר דער מאמע ערד — — —

1933

דער בלוט-בעדער

עס דונער־בליצט ! עס קייקלט זיך גאָטס פייער־קללה,
עס פליט די שלאַנג אויף פליגל־בראנד, אויף פייער־רעדער,
עס שפּייט די טאַנק־עגלה בלוט־באָט וועלט־יללה,
און אויף די קעסלען בלוט־דאַמף־גלאָריע — שוועבט דער בעדער.

ער שוועבט, ער קעפּט, זיין מאָנסטער־לאפּע אויסגעצויגן,
אויף אלוועלט דעכער פלייצט מיט טויט זיין וואנזין־יויכע.
ס'האָט גאָט צום שפּיל פון שטערן, זון, און רעגנבויגן,
זיין צאָרן־שטראָף, אויף וועלט־פאַרראַט — אראָפּגעפלויכעט

עס קלאָגט פאַריז, איר יאָמער חורבן־ירושלים,
עס וואַלגערט זיך אין גלאָז־גלאָק־ברוך די קורטעזשאַנע,
און פראנקרייך'ס שטאָלץ, ליגט ווי יהודה און אפרים,
צו שאַנד, פאַרקויפט ! צום ווילדן שווין פון וועלט־מזנה

און וואַרשע ברענט, אין געטאָ־זוענט, פון וועלט פאַרמויערט,
פון געטאָ־באַנק קלאָגט פוילנס זעל־צעפוילטקייט,
ווי אידיש ליד אין גרויס־ניו־יאָרק פאַרשטעלט, פאַרטרויערט
פון שונד־ראָמאַן צעווערימט שענדליך־הוילסטער בולטקייט.

עס דונער־בליצט עס קייקלט זיך גאָטס פייער־קללה.
עס פליט די שלאנג אויף פליגל־בראנד, אויף פייער־רעדער,
עס שפּייט די טאנק־עגלה, בלוטבאָד, טויט־יללה,
און אויף די קעסלען בלוט־דאַמף־גלאָריע, שוימט דער בעדער —

1939

איצט, די שווערד פונם אַקער

איצט, מיט אונדז רייסט דער נביא זיין האַרץ דורך דער אייביקייט,
און זיין נביא־בלוט שרייט איבער חורבן־ וועלט'ס פלאַקערן;
פאַר דעם שווערדן־צעשטויס, צום וועלט־אַקערן הייליקייט,
זאָלן הייליג געשמידט זיין די שווערדן, פון אַקערן.

טעג פון קידוש־השם! גרויס—מיט אויפאָפּפער־וויליגקייט,
באַם געבורט־ווייַ באַחרית־הימים אומדערליכער;
איצט אין טעג כולו חייב, פון בלוט־ים'עך־ביליגקייט —
טעג פון שפּאַרבער מאַסקירט אין דער טוב—ווייסער, פרידליכער.

איצט, אין פעלשונג־צייט, היטלערשער־אָנפאַל אויף סטאַלינשער
אין משיח־בן־יוסף־צוואַנג־קייטן־געקאָוועטע קלאַנג,
איצט, אין צייט פון וועלט לענדער — אין חורבן געפאַלענער.
שאַרפט די שווערד פון דערהויבונג משיח־בן־דוד־גאַנג.

איצט, אין קריג גוג־ומגוג'שער לעצטער, אָן ספק'קייט;
אָט דער קריג, פאַר דעם וועלט־פרידן, נביא־באַטייליקטער,
קען גיפט פון דעם וועלט־שלאַנג־געריגנגל—גרויס אָפּפערקייט,
מיר צום שלאַנג דער געוואָרפענער קרבן—געהייליקטער.

מיר דער קרבן, צום וועלט־דערלייז לויכטיקער קינפטיקער, —
זינט בראשית נאָך קיינמאָל אַזוי ניט פאַרראַטענער!
צום צעשטויסן דעם קאָפּ פון דער וועלט־שלאַנג, דער גיפטיקער,
מיר, פאַר וועלט פון פורעניות, דער אייביק געמאַטערטער.

וואַרפט דער נביא זיין האַרץ, איצט, מיט אונדז דורך דער אייביקייט,
און זיין נביא־בלוט שרייט, איבער וועלט־חורבן־פלאַקערן,
פאַר דעם שווערדן־צעשטויס, צום וועלט אַקערן־הייליקייט —
זאָלן הייליק געשמידט זיין די שווערדן, פון אַקערן — ——

1939

צווישן ערד און הימל

גערמאניע — וויל אונדז ניט אויף דרערד,
בריטאניע — באַט אונדז אָן דעם הימל.
שרייט אונדזער בלוט — מיט וועלט — פון שווערד
און, וועלט־געוויסן — כאַפּט א דרימל.

מיט וועמעס בלוט וואָלט דאלאדיע
געהיילט די פראנצן פון פראנצויזן?
מיט וועמעס בלוט וואָלט דער לאקיי —
דער טשיימבערליין — זיין וועלט דערלויזן?

וואָלט טשערבערליין באַם היטלער־וואָלף,
אָן אונדזער בלוט געקויפט זיין „פרידן"?
ווי וואָלט דער ו ו ע ג ע ט א ר אדאָלף
דערהאלטן זיך אָן בלוט פון אידן?

„דער פליענדיקער ענגלענדער"
אויף וועמעס בלוט וואָלט ער געפלויגן?
דער טיטוס־פליג־באוואָנצלטער,
אויף וועמעס בלוט וואָלט ער געשטויגן?

מיט אונדזער בלוט געקויפט זיין טראָן
דורך־וועלט־געוויין־געביין „ט ע א ט ע ר",
מיט אונדזער בלוט געפארבט זיין פאָן
אויף וועלט־סקעלעטן־בארג־שפּיץ — פלאטערט.

גערמאניע — וויל אונדז ניט אויף דרערד,
בריטאניע — באַט אונדז אָן דעם הימל;
און אונדזער בלוט טריפט אָפּ פון שווערד —
„לא־תרצח" — כאַפּט זיין שיינקייט־דרימל — — — —

1939

„דויטשע פינקטלעכקייט"

די בייטש, טייטשט — דייטש־גענויקייט,
לויט דייטש־פילאזאפישן סיסטעם!
בייטשט — דייטש־פארטייטשטע זיטלעכקייט,
לויט וואנזין־ניטשע־קאנט־פארנעם! —
ווי ס'פאסט צום האקנקרייץ־עמבלעם.

דאס מאטערן פיין־איינגעטיילט!
לויט דייטש־קונסט־ספעציאליטעט:
האנט — האקט נאר קעפ און פריץ — ער ציילט!
און פראנץ — באם זייגער, זעט: ווי שפעט: —
„מער ארבעט! — ווייניקער גערעדט!"

און קורטן גייט'ס גאנץ גוט!..גאנץ וואויל!
צום וועלט־געשריי־וואלקירן־כאר —
ער בייטשט די פרויען, נאקעט־הויל,
באם שערן זייערע כוואליעס־האר —
אין גאנג פון גאז — צו אש און קויל.

און ווענצל, — בלוטיק־רויט, באלייבט,
מיט היטלער־געלע וואנצעלאך, —
מיט עופעלאך קאטאוועס טרייבט:
ער קנייפט, צערייסט פיצמאנצעלאך,
באלעקט די בערשטל־וואנצעלאך.

פאר צופיל גליק טאנצט זיגפריד רויט,
מיט גרויס־טוטאניש־ביר־בויך־פאס,
ווען קינדערלאך אין גאנג צום טויט,
פאר די העמטלאך, מיט שמייכלען בלאס,
מארשירן דורך, דורך מארק און גאס.

און מיכל — אייז־קאַלט, בלאָנדע טויב —
נעמט־אַכט, דויטש־גרינטליך, צום געפּעק,
צום גאָלד־און־זילבער־דימענט־רויב,
אזש פּלאַצן זאָלן דייטשלאנדס זעק,
און ס'בלוט — פאַרווישט! דויטש־ריין די העק!

ס'פאָלק פון ביבל און „ס'ביבל־פאָלק"

אָ, זאלבונג! באלזאם־פלייץ — אין אייער זעל,
דאָס אייביק „אידן־בלוט, וואָס שפּריצט פון מעסער",
דאָך ניט געקאַרגט האָט אויך מיט אייער פעל,
מיליאָנען־פעלן־שינדער, שונד־„האָרסט־וועסל".

רעכט, גאָטהייט, נביא־וואָרט — וועלט־פעסטגעשטעלט,
אין אייך — וויסט אויסגעטריקענט — אָן א סימן.
געהאַלדזט האָט איר זיך בלינד, און מיט־געטרעלט,
מיט טאָר, וואָטאַן — דעם „בלוט־אויף־מעסער"־הימן.

די האנט געשטרעקט האָט איר צום רוצחים־האנט,
וואָס ווערגט מיט טייוולס שפּאָט־געבאָט, די גאָטהייט,
געוויטעוועט די האנט פון בלוט און בראנד,
פאַר רויטקייט־שרעק באַגילדט דעם עק פון שטן,

מיט אָפּשפּרוך־ווערימקרויט, אים אויפגעבויט,
מיט גאָלד, געפּלאנצט אין קופּער־שטערן, הערנער
געפּלאנצט געזייט האָט איר אויף טייוועלס־קויט,
און איצט, אָ, האַרבסט־צייט, האַרבסט און שניידט די דערנער

ווי דיכט־קונצט־פעלשונג — דיפּלאָמאטיע־קונצט
פרעסט אונדז, דעם וועלט־יסורים פאָלק פון ביבל;
צום וואָלפס פארצוק, האָט איר געוואָרפן אונדז,
פון אייער וועלט־צעפּלאָנטערטן צעדריבל.

מיט אונדזער בלוט געשמידט זיין דונער־בליץ,
מיט אונדז „פונט פליישׂ", זיך אויסקויפן פון שׂרפה.
און בלינד און טויב צום ליד פון שעלי, קיטס,
אַז אונדז, ווי אייך, אונדז קאָשעט—איין מגפה.

פון יענער זייט דער אַקאדעמיע־טיר,
רינט־אויס, מיט אייך, דאָס ליכט פון אַקאדעמיע,
וואו ס'לערנט ביבל בייראָן, לאָר שעקספּיר,
אַז אַלעם גלייך פרעסט אונדז — איין עפּידעמיע.

און איצט, אָ, גרויס־בריטאַניע — „ס'ביבל־פאָלק!"
דער טייוול קייכט מיט „בערטאַס", טאַנק־געלעכטער,
די ביבל, יאָמערט—שד־דערפאָלג־פארפאָלגט,
פון „פלאַם—אין ים", מיט דיינע זין און טעכטער.

און מיר, דאָס פאָלק פון ביבלס טעכטער, זין,
אברהם'ס בראָך, זינט ברוך פון תרח־געטער,
מיר ביבל הום און זשום, וועלט־האָניק־בין,
מיר קוועקזילבער, פון וועלט־הארץ־טערמאָמעטער;

אַז מעסער פידלט אונדזער פידל־האַלדז,
מוז וועלט־הארץ־סטרונע מיט פורעניות שלאָגן,
שניידט שד דורך נאכט שטילט איין די וואונד—מיט זאַלץ,
דאָך, נאָך זיין שווארצסטער נאכט—מוז ווידער טאָגן!

און מיט דער באַלזאַם־זון אין אייער זעל
רייצט אייביק־„אידן־בלוט אויף לאנגן מעסער".
דאָך קלאָגט היסטאָריע: אויך אויף אייער פעל
שטייט אייביק־נעגל־צייכן־וואָלף — שונד־האַרסט וועסל — — — —

1940

דער טייוול פרעסט דיך גאָטהייט

אָ, גאָטהייט, גאָטהייט, קראַנקער פויגל, ווינקלדיק־פאַרשאָטנט,
די ציטערסט אויף איין פוס, אין פליגל רעזיגנירט דיין שנאָבל,
דער טייוול שפּאַט מיט שטאָל באַשטיוולט־טראָט, צעטרעט דיך גאָטהייט,
ער ברענט און בראָט דיך אויף זיין פלאַם און פרעסט דיך אויף זיין גאָפּל.

און דיין באַשאַף — געשענדעט, פוילט פאַרבלאָטיקט און צעטראָטן;
אין טרויער וויקלט זיך פאַר שאַנד איר פּנים, מאַמע ערד.
אויף באַרג און טאָל מיט פּעך־און שוועבל אָטעם, פרייכט דער שטן,
און וואָס די גאָטהייט האָט געבויט, קומט טייוול און צעשטערט.

ער קייקלט זיך מאָטאָר־געלעכטער, בייטשט ווערזאָוויס־לאַווע;
זשעני זאָל אויפקלערן — ווי פון זשעני זאָל מאָנסטער ווערן!
ניט לא! נאָר: תרצח! תגנב! שנאה! קעגן סיני־לאַוון!
צום העכסטן פלי זאָל לעבן — טויט! זאָל זיין געבויט — צעשטערונג.

און די — אין מיר — קראַנק פויגל, גאָטהייט, ווינקלדיק, פאַרשאָטנט,
די ציטערסט, אויף איין פוס, אין פליגל רעזיגנירט דיין שנאָבל,
און טייוול שפּאַט מיט שטאָל־באַשטיוולט טראָט, פאַרטרעט דיך גאָטהייט,
און ברענט און בראָט אונדז אויף זיין גיהנום פייער־צוואַנג און גאָפּל.

אלע נסים

אלע מאָל, אלע מאָל מאָלט פּורעניות אונדז בילדער
וואכן־אויף ביינער טרוקן, אין טאָלן־סימבאָלן,
מאָלט אונדז, מאָלט אונדז געמעלד, וואונדער־וואונדן געשילדער,
אַלע מאָל, זינט די מענטש־געביין־מיל האַלט אין מאָלן.

איז דער ים און דער ירדן אנטלאָפן — אויף היינטער,
האָט אונדז פייערזייל־וואָלקן אויף פליגל געטראָגן,
מן פון הימלשן אייטער — זויגט, אידישע קינדער,
שלאָגט דער שטעקן פון דורשט — קוואל פון שטיין, זאָל פריש שלאָגן,

נסים, וואונדער — אויף היינט־צייט, אזױ־שיר צו זינגען,
נאָר — פאַרקערטוועגס! צוריקוועגס פון שלעכטס צום נאָך ערגער.
יאָגט דער פלאַם, שמאָל דער וועג — בלייבט דער ים ברייט
צו שפּרינגען,
יאָגט די האק פון דעם העקער, צום שטיוול פון ווערגער,

נסים, וואונדער, אויף היינטצייט! מן קלעפּ — אומגעריכטע,
גרויס בריטאַניע וויל הייס־בלוט־אראַביע ניט רייצן,
זינקט די אידן־שיף „וואָגל" — אין בלוטיים געשיכטע —
ברויזט דער ים אונדז אַנטקעגן — מיט באַלפור־פאַרפּלייצונג.

און צום עלעקטרישן רעדל — אָן ארבעט — פאַרזשאווערט,
אין אַ קעלער, פון אינדזל מאַנהעטן־ניי־בבל,
וואו די טרער פרירט אין אויג, מיט א קלאָג צו מענטש־חבר,
מיט א האַרץ פול מיט זשאַווער גייט אוים שטיל דער נביא — — — —

1939

וויי־נאכט

.1

גלאָקן זינגען־אויס זיין הימן, קלינגען.
העכער הימל־הויך, זיין רוהם צעטראָגן.
זיבע מיידל־כאָרן זינגען, זינגען —
ביז די נאכט טיף בלאָ אין גראָ נעמט טאָגן.

טויבן־מילדקייט וואָרקען וואָרקען, אָרגלען.
וואקס־ליכט, אויגן גלאָצן: ניינצן הונדערט
ניין און דרייסיק... מיידל־זיסקייט גאָרגלען,
שניידן איין אין הימל־האַרץ זיין וואונדער.

וואונדער־וואונדן. קונסט־געמעלדן, בילדער.
שילדער: שטאַל און שעפּעלע און אייזל . . .
הייליק, הייליק, מילדער שטילער שילדער;
שטראַלט פון שטרויִ אַרוים, קינד־גאָט, גאָט—יעזל . . .

טויבן־מילדקייט וואָרקעט זיס דורך אָרגלען
ביז די נאַכט טיף בלאָ, אין גראָ נעמט טאָגן . .
ימען בלוט, פון יעזוס־שטאַם (דורך חלף גאָרגלען)
אויף דער נאַכט־פולם חלל־סטרונעס שלאָגן — — —

.2

גלעקער קלינגען, קלינגען, קלינגען.
גרויס זיין נאָמען, גרויס זיין זאָמען,
כאָרן הייליק, הייליק זינגען,
בלישטש־פּרעזענטן — מאַניען קראָמען.

ראָגן — שיינקען, קאַפּעס־שיינקען,
טרינקט מען, זויפט מען — זויפן, זויפן . . .
העלדזער — נעצט מען, גאָרגלען — שווענקט מען,
מ'גיסט — מען גיסט! — ווי אויף אַן אויוון!

האַקט מען, האַקט מען — יאָלקעס, בוימער.
קינדיש בלישטשעט מען צעפּרידן!
ס'האָבן צוגעשלאָגן רוימער,
צו א קרייץ — א בלאַסן אידן — — — —

.3

אָ, וועלט! בלוט־בלאָטיקע! מיט זנות־רעספּעקט צו מעלדן,
אָ, חצופה, וועלט! האָסט ליב דעם בלוט־טראַנק, פּעטן ביסן!
אין פרייליך־ליכט פון יאָלקעס, טראָלדן זיך באַטרעלדן
וואו ס'הענגט און צאַפּלט זיך דער בלאַסער וועלט־געוויסן.

האָסט ליב דעם פייער־אָפּפער אָקס־געשריי אין חגא
צעברויזט, אין שווערע מאַסן, טרעטן סקווערן, גאַסן,
אין אומשולד־ליכט פון איין איד יעזוס־מארטיראָלאָגיע.
צו האקן אומשולד־בוימלאך מיל־מיל־מילאָן־מילאָסן.

וועלט כאפּ די האק האק אויס פון גאָרער וועלט די וועלדער,
פאַר אלדע בערג מיט אש — פון יעזוס־אידן בלאסע,
פאַר קיינעמס לאנד געקרייציקטע, און פראָסט־גאנג פעלדער, —
מיט יאלקעס־פוץ שטעל אויס — פאַר גאָר דער יעזוס־ראסע.

אָ, וועלט, פארבלאָטיקט־בלוטיקע, אין זנות פארשמוצטע
וועסט טרינקען זיך אין טראנק, דערווערגן מיטן ביסן, —
אין פריילאך ליכט פון יאָלקעס, זילבער־פרענדז באפוצטע,
וואו ס׳הענגט און צאפּלט זיך דיין קראנקער וועלט־געוויסן.

1939

די האַנט פון קאַלך־אויוון

און ווער — צו אלדע „קיינעמס לענדער"! בלוט־גירושים! —
האָט אויסגעהאָדעוועט די היטלער־שלאנג־גערמאניע?
האָסט פראנקרייך, דו געטוליעט אים, צום „בתולה"־בוזים!
זיין האָקן־קרייץ געשמידט האָסטו דאָך — לייב־בריטאניע!

האָט אייער שרעק געשארפט זיין נעגל־שרעק־היסטעריע,
האָט איר מיט איהם — צו אלדעם וועלט־פיין — דופּט געפּעכלט,
פארבלאָטיקט, בלוטיק, בלאט היסטאָריע, וועלט־אימפעריע.
איר, בלוט־זויגער — מיט אונדזער זויגלינג־בלוט — האָט אים געקעכלט.

אונדז — אידנפלייש — געוואָרפען צו דער נאצי־חיה!
פארהפקרט אונדז — צום שליאכטשיטש־פויל מיט זומפ־שווייך־זיטן.
און איצט — מאָנט אייביק־ליד־חד־גדיא, וועלט־אלט־נייע — :
„צאָלט, בלוט — פאר בלוט! איר טעכטער, זין, פון גאַליע! בריטן"

לויט צעזאר־שניט, געבערט איר אייער וועלט־קאָמערציע
מיט קרעמער־חניפה — וואו דעם פונט לוינט — חבר לאבער!
לויט העץ און זעץ! — געזעץ: צעטיילן און — באהערשן!
און אָנרייצן אנטקעגן אידן, דעם אַראבער.

דזשאַן־בול — וועלט־קאָנטינענטן־קראָם — דעפּארטמענטן,
דורך דיינע מיסיאָנער־משרתים, ספּעקולאנטן;
שוין שאָקלען זיך און קראכן דיינע פונדאמענטן,
צו דיין מאָנאָקל־פּינטל־אויג פון טאָרעם פראנטן.

בלוט, מאָנט: דעם וועקסל — צאָל אין פול — בלוט— פולע שיפן!
צאָל „ביבל־פאָלק"! פאַר דיין פארראַט — צום „פאָלק פון ביבל".
ביז ס'וועט דזשאַן־בול שעקספּיר־ים, ביבל־ים זיך טיפן,
אַז אויף בריטאנען אויך קאָן קומען דער פּאָהיבל

ווייל אייביק שרייען בלוט און טרערן פון די קוואלן,
דעם „בלוט־פאר־בלוט" געזעץ — צום אייביקן באצאָלן.
אַזוי אָן א סוף, מוז איינס פון אנדערס שווערד — צעפאלן!
ביז מענטשען־ביינער־באַרג, וועט אויפבערגן די טאָלן.

די נביא־זעהונג פון דניאל, מוז דערפינדן,
די אייזן־חיה מיט מיליאָנען פייער־הערנער.
וואָס מוז די וועלט פון אַלע ווינקלען אונטערצינדן,
דורך פלאם־געלייטערט צום פאַרזיי, פון אמת־קערנער.

און אויפשטיין וועט דער דור פון מדבר־טרוקן־ביינער,
פון אונטער בערג מיט פאלשקייט ווערטער פויל־באַנאַלע.
ביז פאַר דעם איין־מענטש וועלן אַלע שטיין ווי איינער!
מיט ליד־אמונה — וועלט־געזאנג־גאנג־חתן־כלה — — — —

1939

א י ד ן ז י י ף

בן־אדם, דו פון אונדזער עמק־הבכה,
לאַך! פּלאַץ מיט פּאַליִצעס קאַנט־העגעל־חכמה!
און האַרץ — צעפּלאַץ און קראַך אין וואַנזין־לויף! —
מיר זיינען — לויפּעדיקע שטיקער — זייף.

מיר זיינען ניט קיין שניידער, שוסטער, בעקער,
נישט מער קיין קוימען־קערערס, דעכער־דעקער,
לויף! לאַך! כאַפּ־אַן די וועלט פאַרן עק, לויף, לויף!
מיר זיינען — שווידער וועלט! — מיר זיינען — זייף!

מיר זיינען נישט קיין זייגער־מייסטערס, שמידן,
ביים פרידן־טיש ווייס קיינער נישט פון: „אידן";
מען ווייס — גאָר גרויס! אין גרויסן וועלט־פאַרקויף,
מיר זיינען — וועלט־געוויסן אָפּצוואַשן — זייף!

אַ גרויסער איד — אַ גרעסערס, צען־סענט שטיקל,
אַ קלענערער — אַ קלענערס, פאַר אַ ניקל;
לויף, לאַך! — ביז צענטן דור געטבל־טויף! —
אַלץ איינס — אַ שאַכטל פיין פאַרפּאַקטער זייף.

לויף, קויף! — אין צעלאָפאַן־פאַרפּאַקט — אין קרעמל,
אַ שטיקל זייף — אַ יאַנקל! אַן אַווּרעמל!
לאַך! פּלאַץ! פון וועלט־טון, משוגעת־רייף!
מיר זיינען — געצלם, ברוכם — שטיקער זייף.

צום וואַשן דיך — פון אונדזער בלוט — גערמאַניע!
כאַ־כאַ! — מיט וועלט־געוויסן — דורך בריטאַניע!
לויף! לאַך! און קרעי! דו ניט־דערקוילעט עוף,
ביים פרידן־טיש — אין וועלט־בלוט־רינע — זייף!

זייף — געגדזון־טראָט פון „דייטשלאנד איבער אַלעס".
אויף דער אימפעריע „וועלט־געוויסן־דלות",
לויף! זייף זיך, טויף זיך, כשר זיך אין טרייף!
לויף! לאך! גאָט? וועלט? — טראגי־געוואשן — זייף.

אָ, וועלט! פארזייסט זיך טויט! — און טויט וועסט ארבן!
כא כא! אויף „איד־זייף" אויסגעגליטשט — וועסט שטאַרבן!
דו שווייגסט! דו וועלט־מזנה, וועלט־פאַרקויף, —
וועסט זיך נישט אָפוואשן פון „אידן־זייף" — — —

„דעם גאנג"

ברודער, ברודער! איך גיי מיט דיר איצטער „דעם גאנג",
אונטער בליק־באיאָנעטן, שאַרף — צווישן די ריפּן;
שוועסטער, ברידער! איך גיי מיט אייך אַלע, אין צוואנג,
מיט פארגלעזערטע אויגן, פאַרשטיינערטע ליפּן.

איצט, פארטאָג, מיט אייך אַלע, פארשלעפּטע פון שטוב,
צום באַפעל! — פון איין בלוטשריפט — פון זעלביקן צעטל;
מיט אייך אַלע, מיט ווייב און קינד, גראָבן די גרוב,
באַרג־ארויף, מיט די רידלען, צום מארק־פלאץ פון שטעטל.

גייט אויך מיין לייב מיט אייערע לייבער — אויף זייף! —
אונטער היטלער־פעל, פעל־שינדער שטיינער־ליטווינער!
זיינען מיר, פאַר הארן־פאָלק, דאָך נאָך ניט טרייף,
ריין צו וואשן די אונטער־דען־לינדען בערלינער.

אך אומשטיינס געזאָגט, וויפל ס׳איז דאָ אויף אונדז שמאלץ!
מיר צעבראָמסקעט פון האָקן־קרייץ־נעגל־ציין־געטאָם;
... ניט גענוג שמאלץ אויף זייף! אך דער יודע איז פאלש!"
רעווען גרימצאָרן־גרין העגעלס זין געטעם גרעטלס.

װעט זײ בײשטײן באם פרידן־טיש הױך אױבן־אָן,
פון פראנצן־יושר־צעפרעסענע רוצחים און הורן;
אונדזער שמאלץ װאָס טוט טאָן פֿאַר דער סװאַסטיקא־פאָן,
גרױס — לױט זײף־סכום־„קולטור" — צװישן פעלקער־„קולטורן".

װעט באװאונדערן זײ, באצילענדערטע אַף,
די אָן זעל און אָן האַרץ, די — מיט אַל־אַלע אָנען,
װי דער װאונדער־געבױ אױף די װאונדן פון שקלאַף
רױמס געװײן־קאַליסעאומס, געבײן־פאנטעאָנען.

ארום פרידן־טיש־ראָד־געדרײ — אײביק צום קריג —
באַ'אָקעגאַט און באַ'אינדזלט, באַ'ים'ט און באַלענדערט;
זשומט מענטש־רעטעניש־פליג, מיט „קאָפּ קרױט, װאָלף און ציג",
באַמונדירט — פײן צום סטאַן געבאַקט הױך באַצילענדערט.

װעט זײ בײשטײן, מיט סװאַסטיקא־ראָד, אױף דעם אַקס,
אױף צעמאָלענע פעלקער, מיט זיג־פעסטיװאַלן;
שרײט פון פלאַם, נאָך, דער לעבעדיק־געבראָטענער אָקס,
פון גערמאַניען־װאַלד טאָר־װאָטאַנס גװאַלד־ריטואַלן.

צום װאַלקיר־געברױז טאַנהױזער הערשאַפט־בלוט דורשט,
מיר — די לעבעדיק־געבראָטן — װאָטאַן־פײער־שעפסן:
װעט זײ בײשטײן, באַם ביר־פאַס מיט שװײן־לעבער־װאורשט,
פילאָזאָפיע־סיסטעמען, דורך זױער־קרױט־גרעפצן.

אין דעם בלוטזומפּ, ביז האַלדז, אין געקראַכמאַלטן העמד,
ריעט שװײן — טיף־געשנוקט אין דער ניטשע־ירושה;
אומפאַרשעמטקײט, מענטש־שװײן, האָט דעם מענטש־מין פאַרשעמט
ברענט דער צלם־אלקים, מיט דעם װעלט־בראַנד, פאַר בושה.

ברידער, ברידער! איך גײ מיט אײך איצטער, דעם גאַנג,
אונטער בליץ־באַיאָנעטן, שאַרף — צװישן די ריפּן;
גײט דער ברענגער, דער נביא, מיט אײך אין געפאַנג,
טראָגט דעם בלוט־פליװן, אױף װעלט־פלוך־פאַרשטײנערטע ליפּן —

„ניט אומזיסט" . . .

. . . מען האָט זיך אָנגעזעצט אויף אייערע אידן!
מסתּמא מוז זיין „ד ע ר מ ע ר" וואָס? — ניט אומזיסט?"
—ניין, ניט אומזיסט — איך זעה דיין בליק, צופרידן — :
מ'נעמט־צו דאָס בלוט, דאָס לעבן! ליבער קריסט.

מ'האָט אויך זיך אָנגעזעצט אויף אייך זשענטילן,
און אויך מסתּמא מוז זיין אומזיסט;
ביסט ניט צופרידן — לויט דיין בליק לאָזט פילן — :
מ'נעמט צו דאָס ברויט, דאָס לעבן! ליבער קריסט.

מ'האָט אויך זיך אָנגעזעצט אויף מאַכעדאָנער,
אלא! באוואָר! מסתּמא ניט אומזיסט;
שטאַרק שולדיק! שוואך און קליין שיינט טערק, אַלבאַניער,
גרויס, גרויס, באַצאָלט זיין בלוט — צעמישט אין מיסט.

נאָר ס'אייביק בלוט, אז מ'הויבט זיך אָן מיט אידן,
צאָלט טשעכיע — מיט! און פוילן — ניט אומזיסט!
צאָלט האָלאנד, בעלגיע, פראַנקרייך — גאָט זאָל היטן!
נאָרוועגיע, דענעמאַרק, פאַרווישט — פאַרוויסט.

מ'האָט גרויס זיך אָנגעזעצט אויף גרויס־בריטאַניע,
איר שטאָלץ — ווי ירושלים — קלאָגט פון מיסט;
ביז — ס'וועט צעזעצט ווערן דער ז י ך — גערמאַניע!
וועט נערן דעם דזשענטיל — פון לוחות־בריסט.

יאָ! מ'האָט זיך אָנגעזעצט! און יעזוס אויפן צלם
אַרויפגעזעצט מיט האַמער — ניט אומזיסט!
נאָר, פאַר די זינד פון אייביק עולם־גולם,
מיט טשוועקעס, פון די אבות פון פאַשיסט.

איז מער פון מער, „דער מער" נאָך מיט אונדז אידן —
זינט זעץ, פון וועלט־געזעץ, האָט אָנגעזעצט —
לא תרצח־וועקסל אין פּראָטעסט פאַרביטן
אויף צלם־שווערד — מיט אַלוועלט־בלוט פאַרנעצט.

„ואהבת״ — — —

גרויסער גאָט, זינט באַוועלטיקט האָסט אונדז מיט דיין וועלט און געבאָט,
ווי צו פירן דיין וועלט,
זינט דיין שטערן־לבנה־זון־שריפט: „ואהבת״ צום וועלט־גרויסן האָבן
זיך פיינט,
זינט דיין שכינה, דיין רו, רוט ניט־איין אין דער שנאה בא אונדז,
אין דיין תחתון־געצעלט.
האָט מיט אייזערנע פלעדער־לייז ה א ס , נאָך די ערד, ניט פארלייזיגט
די הימלן, ווי היינט.

מ א ד א ם פלוי וויל איר שפרונג זאָל פארשפרינגען דער אַנדערער,
מיס זשאבע וויל ווערען צע'אָקסט,
מאָנסיו גריל, וויל פאַרגרילצן דעם אַנדערן העכער! ..הער מילב, —
פון דעם אַנדערען גרעסער!
און גוסטירט ניט סינאַראָן מיין גוסט — מיין „געוויין דורך געלאך״
וואָס דו זינגסט מיר און זאָגסט,
בלישטשעט־אויף מיין גרויס האַרץ, פאר לבנה־זון־שטערן, אין בלוט
אויף סינאַראָ'ס שאַרף מעסער.

און כ'האָב מורא! אָ, גאָט, וואָס קאָן האָבן געווען זיין געטראָפען,
זאָל טרעפן דיין שטראָף,
אין א שבייסצענאכט אפשר, צו גאָר אין א מיטן א זון־צעגלאָקט
מיטוואָך בייטאָג,
פון דיין אַלץ מיט אַנאַנדערלם ווייסינקע וואָלקנדלאַך־שאָף,
קאָן נאָך קומען דער סוף,
עס קאָן פאָרקומען באלד — אָט־אָט־אָ! צו „די שעה זאָל ניט זיין״ —
אפשר איבער אכטאָג?

מ׳עט זיך אויסטראָלדן פיין — ווי א פויער אום זונטיק — פילפארביק־ווײ
שמעטערלינג־שיין!
מיט אויף רעדעלאַך שלעפ־שווערדן — ביז טראָטואר! מיט פון־זיך־אַליין
בלײַשפּייער ביקסן!
זיך באלענדן מיט קלאפּער־געצייג, ווינד און ווי איז אונדז, איבערן
האלדז — ביז די ציין!
און מעט פליען און לויפן און — שיסן! ס׳וועט איקס שיסן — איגריקן,
איגריק — אויף איקסן!

יעדע דאמע געפּודערט מיט נעגל — שארף רויט! ריין און גלאט
געראזירט יעדער הער!
מיט אנ׳אנשטענדיק־פיין פּיסטאָלעט מיטן נאָמען גראווירט אויפן
מוטערפּער־הענטל.
און מעט לויפן און — שיסן אין מארקן אין גאסן בולווארן קאָנקאָרדן
און סקווער,
גלאט אזוי, צוליב „שיינקייט און קלוגשאפט" וועט איינער דעם אַנדערן
„שטעלן צום ווענטל".

מעט זיך אויסשפּריצן פיין מיט פּארפומע, אוי ווי איז מיר פיין, מיטן
דופטיקסטן אָ־דע־קאלאָן.
מען וועט ריידן — ווי! ענציקלאָפּעדיש! „פּאָעטיש", גאָר שיין —
וואָס מען דארף שוין ניט שענער!
און מעט לויפן און — שיסן! — פון דערפער און שטעט זאָל ניט בלייבן
א שפּאָן אויף א שפּאָן;
ביז דיין וועלט, גרויסער גאָט, וועט זיך רויכלען פארקנוילט אין איר
חורבן פון שטיינער און שפּענער — —

די צוריק-קומער

און זיי גייען און גייען, די רויטע ארמייען,
שפּרייזן טייכן און גרעניצן, לענדער — אַריבער;
און וואָס נענטער זיי קומען —אַלץ ווייטער זיי גייען —
מיטן וועלט־ציל אין אויג־פלאַם, דורך זיגערשן פיבער.

אין זיי גייען מיט טאַנקעס, די וועלט־פרידן־קריגער,
און עס גייען די פוסגייער, רויטע מאַרשירער,
און עס שניידן די הימלען די עראָפּלאַן־זיגער —
צו דער תליה דעם היטלער! צו פירן „דעם פירער".

און זיי גייען און גייען, אויף שטעגן און שלאכן,
און זיי רייניקן וועלדער און וועלט, פונם שונא,
און דערקענען די הייליגסטע צירונג און זאכן,
אויפן האַלדז פון פאַרעטער, אויף פינגער פון זונה.

וואו דאָס אויג פאלט שרייט חורבן — פון זאלן און שטאלן,
הייזער, קלייטן און שפּייכלערס — מיט בלוט, רויט געפאָרבן,
אַט, א מענטש אויף אַ פערד, צווישן ווענט־ברוך — געפאלן,
קברים — לעבנבאגראָבענע, רירן זיך — האָרבן.

ביימער, הויז־חיות, מענטשן, צוזאמענגעדרייטע,
קאַטעדראלן, אויף קלייזלאך, געטוליעט די דעכער,
און א האנט, שטעקט־אַרויס, פון דעם טויט, אַ פארשנייטע,
און ווייזט־אָן אויף די בעלמעס, פון פענצטערשע לעכער.

און זיי גייען און קומען, אויף אידישע גאסן,
וואו געשטראלט האָבן ראשיק־צעלויכטענע קלייטן,
שוועבט דער טויט פונם אידישן פנים, דעם בלאסן,
אויפ'ן יאָמער פון ווינט וואָס קלאָגט אוים מיליאָן טויטן;

און נאָך זיי — מיטן וועג זיך געלאָזט אונטערוועגס,
גייען פעלקער פון לענדער און מענטשן אָן ערטער,
מיט א טרער אויף די לעבנס, מיט צער אויף פאַרמעגנס,
מיט דער שטומקייט פון טויט, וואָס שרייט העכער פון ווערטער.

שוין, ניטאָ די פאַנטאַסטיש־באַלויכטענע קינאָס,
און ניטאָ מער די קינדער־שפּיל־פרייליכע הויפן,
ווינקען מער ניט צו מיידלאַך קיין דימענט־וויטרינעס,
און ניטאָ, פאַר א קינד, וואו אַ צוקערל קויפן.

און אַט שניידן זיי דורך, דורך די שטאָט־גאָרטענס, פארקן,
דורך געוועזענע אידישע הויפן־פּאַסאַזשן;
און זיי קריצן די ציין דורך געוועזענע מארקן
שוין! ניטאָ מער קיין אידן! — ש'טאָ וועמען צו האסן.

און טייל, קומען דורך וועלדער, ווי שטראָמען און טייכן,
גייען נאָך, נאָך דעם זיגערשן שלאַכט־פעלד־טעאַטער;
און טייל קומען פון זייט, ווי היענעס, צו שלייכן —
ווען דער לייב גייט צום קוואַל — שוין פון מיטאָג. א זאַטער.

און טייל גייען דורך טרויער, דאָס בלוט הויבט־אָן זידן,
ס'האָט דער שונא, אַליין שוין צערויבט אלע קראָמען!
ס'האָט דער שונא - ר ו צ ח דערהרגעט די אידן,
און ניטאָ מער אויף וועמען צו מאכן פּראָגראָמען! — —

1944

טרייסט-געגרויסט

(קדיש)

יתגדל, ויתקדש, זייט געגרויסט און געהייליגט,
אליהו באקים און אפרים בן־צורי.
אין באפרייאונג פון וועלט און פון איד, זיך באטייליגט;
אין משוגעת־מאָמענט פון מיין פאָלקס גרויס יסורים.

ווי דער נביא, געטריבן פון וואנזין־אגאָניעס,
ווען זיין פאָלק ווערט צעריסן פון פעלקער־חזירים.
אין דעם בלוטיקן ים פון מיין פאָלק פון פורעניות,
ברויזט אויך אייער בלוטס־טראָפּן, פון קדושים וטהורים.

ברויזט דורך אייער בלוטס־טראָפּן, דאָס בלוט פון מיין צאָרן,
פאַרן בלוט פון מיין פאָלק — וועלט־געוויסן פאַרשוויגן;
אויף מיין פאָלק פון לא תרצח — צו וועלט־מיסט געוואָרן,
פון א י י ן וועלט־טייל — געמאטערט, פון א נ ד ע ר —
פאַרשפּיגן.

האָט איר, איצט, אייער בלוט־קרבן, הייליק פארגאָסן,
ברויזט צעשטייער צום פאָלק אויף די בלוט־ימען, זיבן;
פאַר דער טיר פון דער שטיינערנער וועלט־האַרץ פאַרשלאָסן,
שרייט פון זיבעטן צריק צו דעם ערשטן געטריבן.

יתגדל־יתקדש! — איר פון וואנזין־אגאָניעס —
פאַר מיין פאָלק וואָס געוואָרפן צו ראָבן, חזירים;
אין דעם בלוטיקן ים פון מיין פאָלק פון פורעניות,
ברויזט אויך אייער מאָס בלוט — פון קדושים און טהורים.

1945

פאַראויס! מיט ספר-תורות

פאַראויס! פאַראויס! מיט וועלטס לא תרצח, ספר תורות,
מיט אונדזער וועלט־באַלייכט לייכט־שווער געווער,
איז אונדזער אייביק־גאנג דאָך שייטער־פלאם — אָן מורא,
אין האנט — דעם טלית־זאק אין אויג — די טרער.

האָט שוין דאָך ער דער געצן־ברעכער פון די אבות,
דורך קאַלך־אויוון, דעם גאנג — געלערנט אונדז,
און אונטער קנוט פון אשור, בבל, רוים און יון,
מיר לערנען נאָך, די פייער־מאגיק־קונסט.

גערמאניע — שייטער־גאנג פון אונדזער אלט ניי טראגיק,
יאָגט נאָך פון אורוואַלד איצט — אויף פליי־מאשין.
דורך אלט־דייטש־שייטערס שוועבט נאָך אונדזער מאגיק,
געבייטשט פון סוואסטיקא־קוואַרטאַפּוס־שפּין.

פאַראויס! פאַראויס! מיר אייביק יונג־אלט, חתן־כלה,
מיר זקנים־זויגליגלאך — פון תורה־שויס
זאָל קלאַגן, טראָגען זיך, מיט אונדז, די גאסן־כוואליע,
פון אונדזער בלוט — און טרערן־ים־געברויז.

ציט־אָן די טרערן־סטרונע — האַרץ־צעפּלאצט־צעריסן,
אויף אונדזער טאַרבע — אונדזער וועלט־פּאַרמאַג.
שפּילט־אויף דאָס ליד צום אויפרירן וועלט מאַרד־געוויסן:
„מיט אונדזער קלאַג, אָ, וועלט, גייט־מיט דיין פלאָג!"

דו צלמ'סט זיך, דו קניסט צום הייליקייט־דריי־איינהייט,
צום מארטיר־קרייץ אין אָוונט־רויט באַקרוינט,
און דיין געוויסן קריציקסטו, אויף קרייץ־געוויינהייט,
צו אונדזער קרייציקונג שוין קרייץ־געוואוינט.

שוין בויגט דעם קאָפּ בריטאַניע לייב, אונדז שאָף, צום שערן,
דעם וואָל צו וואשן ריין אין אונדז וועלטס טרערן־פלוס.
אָ, וועלט דיין הארץ מיט וואקס באוואקסן — קעגן טרערן,
ווי עס וואקסט א קולע צו — אנשטאָט דעם פוס.

אָ, וועלט, מיט גרעניצן — פאַר האָז־שרעק — אָן גרעניץ,
די שווערד — דיין האָפן־גלויבן, שרעק — דיין מיף,
פון גאז־און דזשאז־טאנץ מיטן גרעסטן קאַלט־בלוט געניץ—
אין אונדזער בלוט־ים — וועלט! — זינקט טיף דיין שיף!

מיין פאָלק

(עלעגיע)

אַ, פאָלק, מיין קליין־גרויס פאָלק, מיין וועלט־געשענדעטסטער!
(ווי איך, גרויס־קליין, פון שונד פאַרשטעלט, געשענדט — ביי דיר).
בין איך דיין לעצטער עדות — מיט מיין ענדע־טרער —
פאַרשליס איך הינטער דיר מיין פיין־מצבה־טיר?

האָט גאָט מיסטעריע־רחמים, זונגאָלד־אויג געזען,
נאָך פון בראשית־גאַנג, ביים זונאויפגאַנג, דיין גאַנג.
פון ליכט־ליד־גלויבן ווייט־אַמאָל, אַ פאָלק געוועזן,
געשוועבט אויף נביא׳ס פרייד־און־לייד־געוויין־געזאַנג.

פאַר וועלטס געגנאַר, געשפּילט דעם „נאַר״, מיט בלוט, זיין ראָל,
מיט גאָט־און־שכינה־שוואונג, געשפּרונגען ים׳ען, בערג,
און אויפן קאָפּ געטאַנצט, מיט האַרץ, אין יאָמער־טאָל,
צום פראַכט־געדעכט, מיט גאָטס האַרמאָניע־רחמים־ווערק.

אַן אַלט פאָלק, קליין, אין טרערן־טראָפּ — רעפלעקס־געגרויסט,
מיט רעגנבויגן־וועלט־שאַטירונג — וועלט־קאָליר.
צום קרייץ — דערהייכט! מיט דערנער־קראַנץ דיין קאָפּ — באַקרויזט,
וועלט־אַנגעזען — מיט געלע־לאַטע־בלומען־ציר.

און מיט דיין סיני־תורה־ליכט — וועלט־שווערסטן באַרג
געטאַנצט גאָטס וואונדער, אויף זיין וואונדן־וואונדער־וועלט.
און מיט דיין לאַסט־באַשווערטן טיף־געבויגן קאַרק,
אויף אַלדע העלן עקן וועלט — גאָטס צעלט געשטעלט;

מיט תורה־סחורה־פּאַק, געשוועבט אויף וועלט־יאַריד,
מיט לוחות־ליד דורך קיזל־שטיין געוואָרצלט טיף,
מיט וועלט געקנעלט האָט וואַנדער־ייד, גאָטס אייביק ליד,
און איצט — מיין שארית־פליטה — זינקט! — מיין לעצטע שיף?!

דאָס זאַלץ פון דר׳ערד — פון וועלט־טרער־זאַלציקסטן געוויין —
דער קינדער־וועלט — געלערנט באַקן ברויט — מיט זאַלץ.
און איצט — דער „מאַאַר״ האָט זיינס געטאָן, דער „מאַאַר״ קאָן גיין!
שוין! אויסגעלערנט „כולו־תורה״ — ס׳ברויזט מיט שמאַלץ!

זיי קאָנען אַלץ !? — אָ, שכינה! — כוואַליעס שד־געדריי
פאַרשלינגט מיין שיף, דער בלוט־ים־תהום־געווירבל־שויס ? !
אָ, גאָט, רייס־אויס דיין צאָרן־האַרץ, מיט וועלט־געשריי ;
דיין צעפטער שלעפן זאָל — מיקראָב ! דיין קרוין — די לויז !

דו האָסט אַמאָל דיין פאָלק באַשירמעט — רחמים, גאָט !
געפירט דיין קינד — דיין „פיין־דערוויילטס" — דורך מדבר, זאַמד,
יאָרטויזנטער פון עקדיש, שלאַנג, פאַרהיט זיין טראָט,
און אויסגעשטרעקט האָט מאַמע־שכינה־ליכט — איר האַנט.

און איצט — אָ, שכינה — אויסגעצירט — אין טרויער־שוואַרץ !
פון גאָט און ליד הויל־נאַקעט אויסגעטאָן דיין פאָלק,
'שטאָט גאָט און ליד — האָט שווייַן צעלייגט זיך אין זיין האַרץ,
ביז — אויפגעפרעסן האָט עס שווייַן מיט גרויס דערפאָלג.

אָ, שומר ! מה מלילה ! ? שומר מה מליל ? !
זיין שיר — פאַלש, „נאָכגעאַמט", פרעמד־איינפלוס — געצן־מערק ;
זיין ווערק — אָן ווירקונג ! פוסט, אָן האַרץ ! אָן רחמים, הויל !
ער זינגט פאַרנאַס זיין ווערק — בלוט־נאָס ! — בלשון טערק !

ווי קומען מיר צו געצן־דינער־גראָבער „קונצט" ? !
פראָקאָט־גענומען — לוט'ס באַהעמיע־באַקכוס־טאָן ;
איז קנעכטשאַפט — בלוט — דאָך, סיני־בלוט פאַרבאָטן אונדז !
בלוט — פיראַמידן־בוי ! און טרערן — פאַנטעאָן !

אין ציטער שלוכצעט, בלוט־געווייקט, די מאַמע ערד.
צום פעלקער־בלומען־פעלד, אויף אירס אַ שפראָץ פאַרדאַרב,
אין וועלט־סימפאָניע־ליד, אין פאַרבן־שפיל־קאָנצערט
פון רעגנבויגן — אָפּגעמעקט דער בונטסטער פאַרב !

אָ, פאָלק, מיין יונג־אַלט פאָלק ! דו וועלט־געשענדעטסטער !
(ווי איך, אַלט־יונג, פון שונד פאַרשטעלט, געשענדט — ביי דיר).
בין איך דיין לעצטער עדות, מיט מיין ענדע־טרער ?
פאַרזיגל איך, איצט, הינטער זיך, דיין פיין־מצבה־טיר ? — — —

איך קום צו דיר, מיין פאָלק

מיין פאָלק אויף שנאה־וועלט — פאַר סיני׳ס וועלט־האָרץ ליבע,
מיט נביא׳ס בלוט־און־טרערן־שפּיל פון ליד אמונה;
דיין שפּיל פון „פלאַם אין ים" פון ס׳ניי שפּילסט אייביק איבער
אויף בבל׳ס אָפּבלאַסק טייכן־האַרפן שטערן־סטרונעס.

איר, באָבעס, ציטער־האַרציק־גוטע, זיידעס, ליבע,
דורך גלות־לאַנגע דורות — גהינום־פלאַם געלייטערט,
דורך קאַלך־אויוון, דורך שלאַנגען־היילן, לייבן־גריבער,
דורך לענדער, מדבר — העליש־פייער מאַרטיר־שייטער.

איר, שוועסטער, ברידער, „קיינעמס־לענדער" פייניק־זאַטע,
פון געסלעך ענגע, הויקערדיקע שטרוי־דאַך־שטיבער —
מיין עלנד פאָלק פון געטאָ־שטייג מיט געלע לאַטע,
צום קאָנצענטראַציע׳ס פייער־קייט געשמידטער גבור!

איך קום צו דיר, מיט גאַנצן האַרץ — אָן רעזערוואַציעס;
איך קום אין פולן נביא־ליכט, צום טאַטנס גלויבן,
פון הפקר־לייט, פון גראָ־צעקנייטשטע אַלט־יונגאַטשעס,
פון שפּאַרבער־ראָבן־רויב, גרימירט אַלס ווייסע טויבן;

פון יעזואיטן — איצט געהילט אין אַלפּאַרב־פאָנען,
מיט פרומע רייד — יונג־פאַפסטלעכער פון אַלטן פאַפּסטום,
גיב זיי די וועלט! די וועלט! זיי שפּייען, שרייען, מאָנען;
פון גילאָטין אין קאָרב דעם קעפּ־געקייקל־וועלט — צום קנאַפּסטן!

אָ, היט מיך, גאָט, פון די אַלפּאַרבן־היפּאָקריטן!
און אויב, אָ, גאָט, ס׳איז אויך אין דיין אַלמאַכט־גרויס־ווילן,
טאָ היט מיך אויך פון יענע בלאַסע יעזואיטן —
די מקוה־לייט, וואָס וויקלען זיך אין לעדער־תפילין — — — —

אין כאָר פון קיום וועלט־אמונה

נאָר דער, וואָס זינגט זיין פאָלק זיין אייגן קיום־ליד,
ד ע ר זינגט אין פעלקער־כאָר וועלט־קיום, ליד־אמונה ;
נאָר ד ע ר, מיט אייגן בלוט־געשריי, פילט יענעם־מיט,
זיין נערוו־וויבריר שפילט־מיט מיט אַלוועלט שטערן־סטרונע.

ניטאָ קיין אַנדער ליד ווי קיום־אייגן־בלוט.
בלוט — ראַנגל, לעבן־שפיל ; בלוט — וועלט־געזאַנג ; בלוט — נפש.
גלגלים — צעלן־צירקוליר, אָן רו — באַרוט,
ווי עס לויפט די ערד מיט אירע קינדער : שם, חם, יפת.

יופיטער, ווענוס — קינדערלעך פון אוניווערז ;
סאַטורן, מערקור, מאַרס — איין טאַנץ פון זון־משפחה ;
סימפאָניע־שטערן־שריפט — מיסטעריעס גאָלדן־פערז,
אין קאַראַהאָד מיט שוועסטער־ערד (מיין עמק־הבכה).

און יעדעס פאָלק, ווי יעדער אינדיווידּ, און גליד
טראָגט דאָ זיין אייגן זעל־ און האַרץ־פרייד־לייד — באַזונדער ;
דאָך, בודאַ, אויך מחמד, קאָנפוציוס, קריסט, ווי ייד,
איין וואונדן־האַרץ וויברירט — איין רעגנבויגן־וואונדער.

נאָר דער, וואָס טראָגט זיין אייגענע פאָן פון ערנשאַפט
טאַנצט־מיט אין וועלט־הקפות־תורה־ליד — מיט יענעמס ;
נאָר ד ע ר טראָגט־מיט צום וועלט־באַשאַף ליכט־לערנשאַפט,
און וואו עס טרעט זיין טראָט די ערד, דאָרט שפּראָצט דער אמת.

נאָר דער, מיט אייגענעם בלוט־געשריי, פילט יענעם מיט,
זיין האַרץ־וויבריר שפילט־מיט מיט אַלוועלט שטערן־סטרונע ;
נאָר דער, וואָס זינגט זיין פאָלק זיין קיום־אייגן־ליד,
זינגט־מיט אין פעלקער־כאָר, וועלט־קיום, וועלט־אמונה — — —

1918

דער נביא־נאַר

... און מיטן גאַנצן וועלט־צעפלאַקער, בראַנד־יסורים,
ווי אין אַ שטייג פון פלאַמען בּרומענדיקע לייבן —
האָט זיך זיין שטורעם־בלוט צערעוועט, זיך צעברומט;
צעיאָמערט זיך — אין זיך די לייבן צו פאַרטויבן...

זיין האַרץ, דער בלוט־ים פון דעם וועלט־יסורים־שטורעם,
האָט הויך צום הימל זיך געגנומען הויבן, בערגן;
אַ וועלט, דערטרינקט אין בלוט, אַ וועלט! קווענט וועלט און שטומט.
פון „אַלע גלויבנס, דער איין־גלויבן" — רויבן!... ווערגן!...

*

ער לויפט און דרייט־זיך, לויפט אַרום נאָך זיך־אַליין,
דער „זולל־סובא'ניק" פון סם!
צופיל אַן עלעפאַנט צו פאַר'סמ'ען, סם אין זיין געביין,
מיט סם־געוויין־געלאַף פון אַ פאַר'סמ'טער מויז;
דער אויסוועג איז: פון פלאַם — אין ים!
פויקט אויס זיין טראָט, צום דיל, אין קאַמער־קאַמער־הויז.

און ווענט, געמעלדן, דרייען זיך מיט אים אין כישוף־קרייז:
אָט שרייט דאָס בילד, דער „יעזוס־נאַר",
און אָט, „דער לייב געיאָגט פון טויזנט מייז";
און אָט, „דער לייב פאַרצוקט פון הינט אין לייבן־פעל";
אָט, „קייטן־וועג צום קרייץ פון האַר",
אָט, „בלוט־געשריי פון מ ע נ ט ש א ו ן ש ו ו י י ן אויף מקדש־שוועל".

צערעוועט זיך דער לייב מיט פייער־טרערן־שטריק.
קום נביא־נאַר, קום דאָן־קיכאָט,
מיט ספר־תורות קעגן וואַנזין־טיטוס־פליג;
די וואַנזין־וואַנצע אונטער־„פירער"־„אַדאַלפס" נאָז;
קום, יעזוס־האַר! קום, וועלט־נאַר־גאָט!
שטעל־אויס די אַנדער באַק צום שרעק פון בלאָנדן האָז.

צעיאָגט ער זיך אין קאַמער־קאַמער־בוידים־שטוב,
לויפט נאָך דעם בילד פון יעזוס־נאַר,
דורך בלוט און טשוועקעס, אָפּגעריסן פון זיין סלופּ,
שרייט־אויס צום בילד פון גאָלד־געלאָקטער לאַרעליי
דער היינע־בילד מיט יעזוס־צער:
געצאָלט מיט גאָלד, דאָך אייביק שולדיק, שולדיק — בליי!...

אָ, וועלט, ביסט נאָבל־הויך! און ברייט! אָ, וועלט, ביסט טיף!...
אין אונדזער בלוט־ים, וועלט, וועט אונטערגיין דיין שיף! — — —

נאָך פון וועג פון ענתות

איך בין גרייט דיך באַגעגענען — נישטיקייט, שנאה,
ציין־געשטשערעטער חוזק — ביסט ניט מיין סורפּריז.
נאָך פון וועג פון ענתות, דיין גיפטיקע סליניע,
אויף דער שכינה, ג ע ו ו ע ן — זאָל ניט ז י י ן — ווי עס א י ז.

און איז וואָס, אַז מיין בלוט שרייט פון נביא און כהן,
וואָס האָט אויסשטיין, פון אייך — בערג און ים׳ען, געהאַט.
קאָן דאָך זיין, היינט, פון מ י י ן בלוט גייט־אויף י ע נ ע מ ס א ו י ע ן,
וואָס האָט איינגעזאַפּט זיין בלוט, פון י ע נ ע, צו־זאַט.

און אויך מיך שוידערט געצנדינסט־חניפה, צדקיהו׳ס,
אויף אלמנה׳שאַפּט־טרערן! יתומים־געוויין!
אויף די פאַלשע נביאים, אָ, נביא ירמיהו,
קריצסט דורך מיר נאָך אויף היינט־פאַלשער „ק ו נ צ ט” דיינע ציין.

יאָ, אויך איך הער גאָט׳ס שטים נאָך פון קדמון מיך רופן:
אוי, דעם נביא־נאַר־דיכטער — אונדז דאָכטער — מיר דוכט:
איך שטיי אַליין ביים באַרג־סיני ליד־שיכור, בגילופין,
און געשטשערעטער חוזק — נאָך שלינגט און פלוכט — — —

דאָס גטזאַנג פונעם נבֿיא

און עס ציט־זיך דער קייטן־וועג, גלות׳דיק לאַנגער,
צום שייטער, צום פלאַם, פון מענטש־וואָלף־טריבונאַל;
בייטשט פון הינטען — דער טרייבער, פון פאָרנט — דער פאַנגער,
אין פראַק, מיט דער האַק־אַקאַדעמיע־מאָראַל.

ברויזט דער ים פון בלוט־טרערן, פאַר לבנה־זון־שטערן.

און די האַק האָט שוין אויסגעהאַקט גאָר דער וועלט וועלדער,
„בליען" וועלדער פון תליות — פאַר פענצטער און טיר;
און עס גענעצט מיט מדבר פון גאָר דער וועלט פעלדער,
שוואַרץ, צעבליט יאָמערט וועלט־האַרץ דאָס יאָמער־געשוויר.

רוישט דער ים פון בלוט־טרערן, פאַר לבנה־זון־שטערן.

שוין! צום פלאַצן מיט שפייז איבערגעפילט אַלע שפייכלער,
אויך מיט נאַכטיגאַל־פוך זינגט דיין עלפאַנטביין־בעט;
מיט שור־הבר — אַלע בערג, מיט לויתן — די טייכן,
טעפּ מיט ראָסל־פלייש, לעקעך און ברויט צו דער זעט.

אַזש דאָס האַרץ שוין פאַרשמאַלצט מיט זינד, מאָרד און צעשטערונג.

קלינגען זאַסיקעס גאָלד, זינגען גאָלדענע זאַנגען,
אַלע וועגן געשפּרייט שוין מיט רויזן און סכך;
נאָר אָן וואָרט פון דעם נביא, אָן נביא׳ס געזאַנגען,
גרוילט דאָס פויגל־פוך־בעט, פוילט דאָס הויז אָן אַ דאַך.

פוילט דער פויגל־מילך־טיש, פאַר לבנה־שיין־שטערן.

לאָז די הימלען, מיסטעריע! יהוה׳ן, דעם בורא!
מיט זיין דונער־בליץ־שווערד אויף די פייער־פלאַם־פערד;
דין צום נביאס דין לויכטיקסטער רחמים־דין תורה,
צו באַלויכטן דעם וועג פון מענטש־גאָט, דאָ — אויף דר׳ערד.

ביז פון וואָלף־מענטש לויכט גאָט־מענטש! באַשאַף פון צעשטערונג.

רופט דער זינגער, דער נביא — וועלט־אַפּאָלאָגעטיק,
מיר זינגען צום מענטש־גאָט — צום הייליקן „איך".
מיר — דאָס וועלט־ליד, פון וועלט־ליידן נביא־געזעטיקט,
מיר פלאַנצן, מיר הויבן אַן יעדער, פון זיך —

אין וועלט׳ס אייביקן ווערן, מיט זונבעזים קערן. — — —

איך וועל זינגען צום תליון — אַן אָדע

כ׳וועל זיך טאָן אַזאַ שטעל, אַזש צום פלאַצן, מיט כוח!
און וועל טאָן אַזאַ זינג, צו דעם היטלער, אַן אָדע!
איך וועל זינגען צום תליון, צום גרעסטן רוצח!
תליון, גזלן, רוצח גלאַנצט היינט אין דער מאָדע!

גאָט! אַז אָפּגעטאָן האָט פון דיין וועלט זיך דיין אמת,
און פאַרשליידערט אין תהום כף־הכל שרייט דיין יושר;
מ׳שוועבט אין גלאָריע, פאַר צונעמען ס׳לעצטע העמד יענעמ׳ס;
איז כאָטש זיין ווי דו, היטלער, דער וועלט־מאָנסטער־גרויסער!

אַז פאַר פעלשן, באַטריגן דעם נאָענט־פאַרטרויטן,
„קאָנצערט"־„אָוונטלעך"־ט־מען פון „קונסט"־קונץ־מאַכער האָרדע;
איז שוין בעסער, דו, פאַרבער, דער וועלט פאַרב אין רויטן;
אויב שוין יאָ בלוט, זאָל פליוכען אַריבער דער מאָרדע!

אַך־כאָ־כאָ!! ביז צום פלאַצן מיט טייוולס־קויט־כוח,
וועל איך טאָן אַזאַ זינג, אַזש דאָס האַרץ זאָל צעשפּרינגען!
זאָל פאַרשלינגען רוצח דעם תליון, און תליון — רוצח.
אייך, פאַרשלינגער, אַן אָדע צום טויט וועל איך זינגען — — —

סאַידן איר האָט אויף אַלץ חרטה

איר קאָנט זיך טובל זיין אין ירדן, צי אין גאנגעס,
נאָר איך זאָג אייך — איך, האַרטער, איינגעשפּאַרטער עקשן,
אַז ס׳וועט אייך העלפן, ווי אַ טויטן — טרוקענע באַנקעס!
ווייל ס׳קאָן אויף אייער מיסט קיין רעכטס שוין דאָ ניט וואַקסן!

איר קאָנט זיך שטעלן אויף דער נאָז, זיך קוליען, טאַנצן,
איר קאָנט ביז טרערן־בלוט זיך קאָפּ אָן קישן שלאָגן;
איר קאָנט מיט מיר ניט איינפאַרשטאַנען זיין אין גאַנצן,
און קאָנט אַפילו ס׳ערגסטע מיר וואָס־איך־ווייס זאָגן;

איר קאָנט אַפילו איצט פון מיינע „גראַמען״ לאַכן,
מיך אָנרופן מיט נעמען „דיקע״, וואָס מען טאַרניש;
נאָר איר׳ט ביי מיר דאָ גאַרנישט פועלן און מאַכן,
ווייל העלפן קאָן אייך העלפן — גאַרניש־ניש־מיט־גאַרניש;

ווייל די־אַ אַלע זאַכן — ס׳איז ניט ווערט קיין הונט ניט!
ניט ווערט קיין ציבעלע! ס׳איז בלאָטע־שעבעבלאָטע!
אַלץ פּוסטע, איינגערעדטע בייקעס! ס׳האָט קיין גרונט ניט!
נאָר סאַידן — אפשר? — ווען איר האָט אויף אַלץ חרטה!

איר האָט דעם שיר פון וועלט־בנין, דעם שיר־המעלות
דערנידעריקט! פאַרטאַכלעוועט — אין שטרוי־דרעש־דרשות;
וועלט, קיום — ליד — פאַרשריען טויט! מיט פּוסטע יעלות,
מיט רעדער־רעדעס קלאַפּט און פּאַרט גאָר אָן ממשות.

ווייל מיין באַגרינדונג וואַקסט אויף בלוטיק־פּעטע גרונטן,
און כ׳בין דערפאַר „דער איינגעשפּאַרטער, האַרטער עקשן״.
איז, זאָג איך אייך, אַז לויט נאָך אייער פיר, דאָ, אונטן —
וועט שוין אויף אייביק דאָ, חוץ שלעכטס, קיין רעכטס ניט וואַקסן — — — —

מײַן פֿאָלק, דו, װעלטס מינאָריטעט

מײַן פֿאָלק, דו, נביא׳ס װיסן װעלט־געװיסן;
דײַן גאַנג געלײַטערט, שײַטער־פֿלאַם, גראַציעז.
דורך שכינה־אָפּבלאַסק שעמעװדיקער פֿליסן
שטראַלט דײַן מינאָריטעט ברילאַנט־פּרעציעז.

דײַן טרער — דעם סיני׳ס ליכט־קװאַל באַרג־טױ טריפֿן,
טריפֿט מיט דײַן בלוט לא־תרצח װעלט־קאָדעקס.
דײַן ליד — ברילאַנט, אין פֿלאַם פֿון צער געשליפֿן,
זון־טײַכן־שפּיל־געשפּיגל, װעלט־רעפֿלעקס.

און נישט אומזיסט שװעבסט אױף דײַן ליד, אין עטהער,
צום ליכט פֿון גאָט־באַװאױן, דײַן הימל־הײם;
די ערד געהערט צום שװערד! איר לײם — די געטער,
באַװעלטיקן דעם װעלט־טאָל, שװער פֿון לײם.

װי קאָן דען װאָלף־מענטש, „נעמער״, גאָר באַנעמען
לא־תגנב — סיני־טאָװלען, פֿון פּראָפּעט?
װי קאָן דען װאָלף, אין שכינה־בלענד, פֿאַרנעמען
דאָס אױסשטראַל־ליכט פֿון גאָט׳ס מינאָריטעט?

טײַטש־פֿינקלענד, שװער־סיסטעם, פֿון קאַנט ביז העגל;
אױף „בערטאַס״, „קרופּס״, װאַלהאַלאַס גרױזאַם־שטאַם
פֿליט װאָלף־פֿ אַ ר נ ע ם מיט האַק־אַדעמיע־נעגל,
אױפֿן בלוט פֿון אונדז — װעלט׳ס זיסטער יעזוס־לאַם — — — —

1938

„מה נאָה אילון זה״

יאָ, גערעכט, איר געפּרואווטע, חכמים, קדמונים;
הייליק־קלוג אייער וועלטשאַפט, צושטייער — וועלט, תורה.
יאָ, גערעכט דאָס געזאַנג פון אייך, ווייז־גרייזע זקנים,
אַז באַזינגען נאָר שיינקייט פון בוים איז: ע ב י ר ה.

אַט, באַשיינפּערלעך זעט: די גערמאַנען, די דייטשן,
אַט־די לינדען־באַוואונדערער, אונטער דען לינדען;
אַט ז י י רייטן אויף פערד, מיט די ביקסן און בייטשן,
און זיי שיסן די הירש־קינדער מאַמעס, די הינדן.

אַט־ז י י רייטן פון אָסטן, פון נאָרדן — נאָך זידן,
די באַוואונדערער פון וועלדער, מיט קונסט־דעגערס, שפּיזן;
פון דעם וואונדער־נאַטור־שויס, גרויס וואונדער, צופרידן,
מיט די הינט, דורכן וואַלד, אויף די וואונדער־שייג׳־וויזן.

די באַזינגער, באַזיגער, פון קרעבס־פאַנג און פישן,
אַט־די „ציכטלער״ פון הינט, און פון ווערים און שוואָמען;
מיט הייס אָקס־בלוט אין וואַלד, אויף די דעמבענע טישן,
פאַר דער שיין פון לבנה, אויף בלישטש־גאַנג פון שטראָמען.

און אָט זעט, אויך די „דזשענטלמען״ — ענגלישע זאַקסן —
אַט די ענגלענדער ספּאָרטלער — די דייטשישע בריטן.
וואו עס טרעט זייער טראָט וויל קיין גראָז דאָרט ניט וואַקסן,
זייער ליבע צו „ מ ו ט ע ר נ אַ ט ו ר״ — זאָל גאָט היטן!

אַט די שיסער פון קאַטשקעס — די „קאַנטריקלאַב־ספּאָרטן״ —
וואָס זיי שטעלן זיך איין פאַר דער ע ה ר ע פון דאַמען;
אָט, זיי פליען אויף יאַגד — דורך דעם וועלט־וואַלד, מיט „כאָרטן״,
וואַרפן יידן אין שטייג — הינטער שטעכיקדראָט־צאַמען.

זייער ל י ב ע צו טייכן און ימען — פאַרכאַפּן,
און די וועלט צו פאַרוואַנדלען אין בריטאַן־אימפּעריע,
איז דורך יידישן בלוט — פאַר דעם וועלט־אויל — צו צאַפּן —
גרויס־בריטאַניע, די בלוטיקסטע, וועלט־גרעסטע ב ר י ה.

און דער אַטלי — דער היטלער, דער בעווין — דער געבעלס,
פּראָלעטאַריער, — מ'גייט־אויס נאָך נאַטור־ימען — גיריק,
נאָך הייס יידן־געבראַטנס — דורך גאַזן פּעך שוועבל,
וועגעטאַריער — מ'גייט אויס נאָך ס'בלוטס־טראָפּעלע ליריק.

די, אין שטראָמען פון ביר־גאַנג — פּאָן מאָלטקעס, פּאָן רופּוס —
אָט־די עדעלע רויט־קאַרקן, זויער־קרויט־פירשטן,
די בּאַראָנען פון וועלט־יאַגד — פּאָן שוויינמונד, פּאָן קו־פּוס,
שיסן לייכט אויפן מענטש, ווי אויף וואַלד־היגער, הירשן.

יאָ, גערעכט, וועלט־געניטע, געפּרואווטע, קדמונים,
הייליק־ריין אייער ווייזהייט, צושטייער דער תורה;
יאָ, גערעכט, דאָס געזאַנג פון אייך, ווייד־גרייזע זקנים,
אַז באַזינגען נאָר שיינקייט פון בוים, איז: ע ב י ר ה. ———

דיין קרוין פון רחמנות

גרויסער אַקערער, זייער, דו אלמאכט וואָס מאכט אלץ, פאַראקערסט, פאַרזייסט,
אויף דיין וועלט, וואו ס'טוט ליגן זנות שקר, מיט ליגן — שפּראָצט גרויס דיין נאמנות!
מיט דיין גאָלדענעם צעפּטער זון־שטערן־לבנה — שיין שפּרייטונג, פאַרשפּרייטסט,
אויף דיין שמאָלקעפּיק־איינגהערציק־רצחישן וועלטל, דיין גרויסן רחמנות.

איצט, אין נאכט־שפּעטער שעה, אויף בערג ארבעט און מי, הענגט מיין שניי־ווייסער קאָפּ,
מיט דיין ליד אויף די בערג — הויכע ריזיקע בערג — הויזן, רעק, פון סאָלדאטן.
פון מיליאָנען מיט קנעפּ, פלאַצט אַרויס מיליאָן־אויגיק, איין מעשענער קנאָפּ,
און ער שרייט דורכן בלאסק פון א ווייט גרינעם שטערן, צו דיר, גרויסן־טאטן!

און אָט רירט זיך דער בארג און צעבערגט זיך מיט בערג — הויזן מאנטלען און רעק;
מיט סאָלדאטישן שוואונג, מיט סאָלדאטישן שפּרונג, שפּרינגען הויזן, מונדירן;
עראָפּלאנען און טאנקען, א בראזגן, אַ ברויזן — אָן סוף און אָן עק!
און מען לויפט און מען פליט — אזא שטערן־פּראכט־נאכט ערגיץ ווייט, באַמאבדירן.

איצט, אין נאכט־שפּעטער שעה, ווען מיין פלוך פלוכט דעם פלוך — יאָ, זיין „האָהייט", דעם פלוך.
פארוואָס שוואך איז זיין תוכחה, איר „מאַיעסטעט", אזוי ארעם אין קללות.
טוט גאָר פלוצלינג דיין אויסשטראל אויף מיר, גאנצע וועלטן, רחמנות א פליוך,
און איך טרינק, טרינק דיין טראנק, פון אלשטערענדלאך־בעכערלאך קידוש־הבדלות.

פון דער אלטער און גלייבגילטיק קאלטער לבנהס פליק־פעדערלאך־שניי,
רייסט זיך דורך דער שויב, פליקט פון האנט מיר דיין ליד, אזא זשוואוו־פארשייט ווינטל,
און פון יענער זייט שויב, מיט מונדירן אויף טאנקעס, דורך שטילקייט־געשריי,
רייסט אויף שטיקער מיין הארץ אַ פאַרפראָרן געוויין פון אנ'עלנדן הינטל.

איך צינד אָן דעם לאנטער, ברייט צעעפן די טיר, אין דער שנייאיקער נאכט,
און איך זוך און איך רוף, בעט מיט טרערן און פייף — נישט קיין שלאף! נישטאָ קיינער;
ס'פירט די מאמע, לבנה, זיך אום מיט איר קינדערלאך־שטערנדלאך־פּראכט,
און דער שניי, שווייגט פארכישופט, א גלייבגילטיק־בלענד־ווייסער, אומשולדיק־ריינער.

און דאָס הינטל־געוויין — גרויס־סימפאָנישער אויסדרוקט — פון סקריפּ פונם טיש —
און מונדירן, וואָס שפּרינגען פון פענצטער־רעפלעקט, מיט מיליאָן דזשעקס און טאָנים,
און מיין תוכחה־ליד, מיט מגפות און שרפות און ערדציטערניש —
אלץ,אלץ רוט — גרויסער גאָט — פאַר דיין סצעפּטער־געגאָד, אין דיין קרוין פון רחמנות.

קראַקאָוויאַקען צום פּלאַם

שד גערמאַניע באַפאַלט אין דער נאַכט פעלקער, לענדער,
נאָר מיט אונדז — טרייבט איר שפּיל אויך דורך לויכטיקן טאָג;
און די זון שטראַלט אויף רוצחים־מעדאַלן, אויף בענדער,
און די וועלט קוועלט און האָרכט אונדזער וועלט־יאָמער קלאָג.

און די וועלט שטייט צעשפּרייט מיט די הענט אין די „באָקעס״,
פּאַר געלעכטער אַזש טרייסלט זיך — לאַכט, לאַכט און — לאַכט;
און די זון ווי אַ דאָרף־שיקסע שטראַלט מיט די „שטשאָקעס״
אויף אונדז — אומגליק־צעבלישטשעט — צעגאָלדיקט־צעפּראַכט!

שניידן־איבער וועלט־ימען די קולות, יללות,
קנוילן־אויף צו די הימלען מיט רויכיקן קנויל;
הענגט דער וועלט־פּלוך אין חלל, ברויזט וועלט־ים מיט קללות —
שניידט מיט פידלען־געוויין דורך מאַזורקעס פון גרויל.

אַזאַ ש פּ י ל, אונטער ז ו נ ל אָ מ פּ, פּאַר טייכן־שפּיל־ליוסטרעס,
שפּילט גאָטס טרויער, מיין אומה, אין נביא־בראָך־ליד;
און מיט קאַלכאויוון־שטויב — מיט לידס טרויער־אינדוסטרע —
גייט אויך אויף דער קריטיק־שטויב פון ליד־קינסט־יאַריד.

צום וועלט־צונגיקן פּלאַם, טרייבט מען זקנימלאַך־קינדער,
פיר־פינף־יעריקע ז ק נ י ם — פורעניות־ים — ים!
און ס׳כאַכאָטשעט און לאַכט דער המון, דער טעמפּ־בלינדער —
קלעזמער — אידישע, שאָטנס — קראַקאָוויאַקען צום פּלאַם — — — —

1943

צום גאָט מולך

מיר, דאָס קראַנק איבערבלייבאַכץ — פון יענער זייט פייער —
פון די „פעלקער פון דר׳ערד", מיר, געוואָרפן צום מולך;
מיר,ביים איבערגעפרעסענעם — נאָך ניט פאַרשלונגען —
שווער פאַרשטיינערט די קעפּ, שטום, מיר וויגן — צום קוילער.

אין מגילות־פלאַם, טרויער געוויקלט, אין איכה,
טאַנצט דער בלוטיגער נעבל פון פּינטעלאַך, רעדלעך;
שוועבט אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ קינד און אַ זקן,
אין צעשראָקענער נאַכט, הינטער אויג־פאַרמאַכט־לעדלעך.

און אָט שווינדלט, געשווינדט ווינקט אַ בילד פון אַ פּינטל,
מאַנט און קוקט, קוקט און מאָנט מיליאָן־אויגיק געפלויגן;
אַ פאַך האָלץ — אַ פאַך אידן, ביז הימל־שריי — פאַכן!
אויגן — הער, אויגן — הין, אָט — עס פּלאַצן די אויגן!

ווײנט אַראָפּ, קרוינט אַראָפּ, אויף מיין קאָפּ, שטערן־הימל,
און עס קלאַמערן עופעלאַך־הענטלאַך פאַרשטייפטע;
שטשעמען איין זיך אין האַלדז, אײנג דאָס העמד מיר — צום ווערגן,
מיט די הענטעלאַך בלאַסע — נאָך וועלט־ניט־באַגרייפטע.

פלעכטן איין זיך מיט הענטעלאַך שאַרף אין מיין האַרצן,
שניידן איין זיך מיט נעגעלאַך שאַרף אין מיין גאָרגל;
צאַפּלען, ווילן ניט לאָזן זיך וואַרפן אין אויוונס —
קראַמפּן פינגערלאַך שטייף, דורך קראַנק־נאַכטיקן כאָרכל.

איצט אין תשעה־באָב־נאַכט, שטייט אין פלאַם דאָס בית־מדרש,
אַלע קולות — איין פלאַם — פלאַם־צעעפנטע הימלען —
גייען אויף מיטן אותיות־גלי, פונקען פון פאַרמעט —
שוועבן זקנים, אויף „שלאָסמעמס", מיט קינדער — אויף גימלען.

און אָט ווערגן „די פעלקער פון דר׳ערד" זיי, די העלדזער,
רייסן „פעלקער פון דר׳ערד זיי, פון קינדערשן הולך;
און די ביינדלאַך־פייערן — שרייען דורך העלצער —,
צו דעם שפּאַניש־גערמאַניש־בריטאַנישן מולך — — —

1944

דער יעזוס־לאַך

מיט בלוט לאַכט יעזוס — וויינט פון יעדן פלויט:
„אַ, שווינדל! שווינדל! מיט מיין געטליכקייט!!
אויף פלאַם פון רוים — אַפּאַסטאַלס בראַטן־קנויט — ז
שוועבט נעראָנס פּאַפּסטום־איבערזעטליכקייט".

איר פלאַגט און קלאַגט מיט טרערן — בליי, דאָס ליד,
אַז אייער רוים, געטאָן־טין קויפן — האָט
פאַר צען גילדוין, ביי אונדז — ביים יודאַס־ייד —
מיך, יידן־לאַם — מיך, יעזוס — א י י ע ר גאָט!

האָט איר, וועלטס שווינדלער, אָפּגענאַרט דאָך אונדז!
אַזוי געמיין! — אַ גאָט פאַר צען גילדוין!
פיל גאָלד האָט רוים געמאַכט פון מיר, מיט „קונסט",
חוץ גרעסטן לוין — מיין הימלשן באַוואוין!

און זינדיקן קאָנט איר שוין איצט — נאָך מער!
די שוידער־זינד פון רוים — וואַשט ריין מיין בלוט;
דעם עקלהאַפטסטן שמוץ — וואַשט אָפּ מ י י ן ט ר ע ר —
איז וואָס־זשע ווילט איר נאָך בלוט? — איז דאָך גוט!

מסתם האָט קלוג פ אַ ר ו י ס ג ע ז ע ן פּילאַט,
פאַר צעזאַר׳ס קאַרדינאַלן, ס׳קירך־געשעפט!
ווייל אויב פּילאַט, מיט „י ו ד אַ ס", מאַכט ניט „ב ל אַ ט",
טאָ, ווי וואָלט י ע ז ו ס זיך מיט גאָט באַהעפט?

און, ווי וואָלט הייליק קרייציקן מיך רוים,
כ׳זאָל, אויף פ אַ ר ג ע ב ו נ ג, אין גאָט׳ס רייך אַרויף?
איז, וואָס־זשע פלייצט אַלץ רוים מיט גיפטיק שוים,
און אייביק־בלוטיק מאָנט דעם י ו ד אַ ס חוב!?

אַלץ אויפן ייד פ אַ ר ק ו י פ ע ר העצט דער פּאַפּ,
כאָטש ס׳איז מער ק ו י פ ע ר ס שולד — לויט רוימ׳ס געזעץ:
דאָך, גלויבט מיליאָן־קעפּ־סטאַדע, אַז אַ קאָפּ,
אין שעכט — געערעכט פון רוימ׳ס לעגיאָנען־זעץ.

„דו, נעראַנס שרפה־בלוט־בלבולים־פּאַפּסט —
„אַמבאַסאַדאָר” אויף בלוט־געווייקטער ערד;
דערפאַר, מיין הימל־קעניגרייך פאַרכאַפּסט —
כדי, וואָס י ע ז ו ס הייסט — טאָן אַלץ — פאַרקערט!”

דערפאַר, דער פייער־קאַרדינאַלן־טראַכט —
דער פייערלעכער פייער־בלוט־סימבאָל;
דיין יעזואיט־דערפאָלג — פון יעזוס, ייד, געמאַכט —
דורך לאַנגער נאַכט, מיט לאַנגן מעסער, אויף מיין פאָלק.

„שפּילט נעראַנס פידל, נאָך, צום פייער־קרייץ,
גייט יעזוס אויף, מיט פרייד־שפּרוך, פון תנך —
דאָך, בענטשט דער פּאַפּבסט, נאָך הייליק — נעראַנס קרייץ!
און פרעפלט אין פילאַטוס־מערדער־שפּראַך!” — — —

VIA DELIRIUS

שלאָגט דער מ ו ד ה פון העלדזער, אויף תליות געהאַנגען,
אָ, דער מ ו ד ה! — פון טשוואָק שלאָגט מיט בלוטיקסטן רייץ;
קלאָגט וואַן־מודה געגאָגלט, פון בלוטיקן קרייץ,
גאָר איינגאַנצן אויף „ז י ב ד”, וואָס קיין מאָל ניט באַגאַנגען.

אַזוי שיינט דאָ דער אייביקער וועג פון די רויזן,
קוואַלט פון שטערן דער בלוטשלענגל־וועג אויף דיין באַק;
שטעלסט די אַנדערע אויס — צו דער בלוטיקער האַק:
דורך דיין פיין — ביים רצח — דיין פיין־וועלט דערלייזן.

פלייצט דער עמער — דיין האַרץ — אין פאַרגעבונג אַריבער,
פון דעם געבער — צום נעמער, צום וואָלף — פון דער שאָף;
ווייקסט דיין קרייץ אין דיין אַנגסטנשווייס־פלאַם פון דיין פיבער,
ווייך געוואַרעמט, צום הייליקן, אייביקן שלאָף;
אַלע מאַרטירער, ה י י ל י ק, פון אייביקן בראָך —
נאָך — זיי גייען, זיי גייען! — זיי גייען דיר נאָך — — — —

קריג און זיג
(סאָנעטן פּאָר)

.1

און אַז נאָך יאָרן שפּע־שעפן, פרייד־סימפּאָניעס,
האָט זיך זיין לאַנד, אין מילך און האָניק, זיס געקוויקט,
און ווי אַ קינד — פון אייגן פּיסעלע אנציקט — ..
זאַט איינגעשלאָפן, אונטער דזשאַז־בראַזג־קאַקאָפּאָניעס.
און אַז ס׳האָט שכנה־לאַנד מיט ציין־פאַרשאַרף, גיפט, קנאָה,
אין לאַנד פון דזשאַז־בן־יחיד׳לאַך, בליק־שנעל פאַרטיפט,
זיין מאַנדלען־ראָזינקעס־געשיף — צום גרונט געשיפט!
און אַז די זון האָט אויסגעקושט און אויסגעשטראַלט
און אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם, מעשן געל
אויף אַל דעם מעשן־קנעפּ־געבלימשט פון זיין שינעל —
און ס׳האָט דעם קריגס־רוף לעצטער האָרן אויסגעשאַלט,
באַם לעצטן קוש, מיט ווייב באַם שוועל, פון קינד אין וויג —
איז ער, מיט האַרץ, מיט האַסט, מיט האַס צום פיינט בליק־שנעל
מיט ביקס און שווערד מיט האַק און פּאַק — אַוועק אין קריג — — —

.2

און אַז נאָך יאָרן וויסטן פּיין דורך וועלט־פּורעניות,
האָט דאָך זיין לאַנד, נאָך אַלדע אומגליקן, באַגליקט,
נאָך אַלפּאַרוויסטונגען, דעם פיינד פאַרוויסט, באַזיגט,
נאָך אַלדע העל־בראַנד פּלי־עגלות, טויט־אַגאָניעס.
אַז ס׳האָט זיין לאַנד באַוואַשן זיך אין וועלט־בלוט־רינע,
מיט ירמיהו־ליד.. אויף חורבן־שטיינער־שריפט,
ווי ירושלים, ס׳לעצטע בלוטס־טראָפּ אויסגעטריפט,
האָט דער לבנה׳ס מעשן־האָרן אויסגעשטראַלט,
און אויסגעקושט און אויסגעהויכט איר לעצטן געל,
צום מעשן־בלישטש אין לעצטן קנאָפּ אויף זיין שינעל.
און פון די בערג, זיין זיג, צום טאָל אַראָפּגעשאַלט.
איז ער אַהיים געקומען, הינקעדיק פון זיג,
האָט אים באַגריסט, פון ווייב און קינד, באַם חורבן־שוועל,
פון בלוט־פּלעק, פון סופיט, א שלאָפּעדיקע — פליג — — —

איך וואָלט דיך באַשאַפן געמוזט

גרויסער גאָט! אויב אפילו, חלילה, ס׳וואָלט זיין דער „אַלצוווייסניק״ גערעכט,
דער „אַלצוווייסניק״, וואָס ברייעט סקאַרבאָווע, אַז דו, אויף דיין וועלט,
ביסט „ניטאָ״!
וואָלט עס זיין, גאָט באַהיט און באַשירמע, גאַר טרויעריק, פינצטער
און שלעכט,
וואָלט מיין ליד־אָריגין־אור־הגנז, דיך מוזן פון נ י ט — שאַפן י ה!

ס׳דאַרף מיין לעבן דיך נויטיק, ווי ס׳לעבן מיינס אַפּגעטונקט ציטערט אין סם,
מוז דיך האָבן צום גראַם — „זאָלסט דאָ ה אָ ב ן ג ע ו ו ע ן ז י י ן״,
דיין אייביק פ אַ ר אַ ן;
ווי ס׳קליין מייזעלע, שפּעט אין דער נאַכט, א י צ ט — אין זכות פון דיין
ברויזיקן ים —
שטעלט דאָס קליין ציטער־שנוקעלע אונטער צום גאָלד־ציטער טראָפּ־בלאָסק
פון קראַן.

איך, דיין שטויב־פּאָל, מיין ווייניקייט־אינהאַלט — אין חלל „לוסט־
געניץ־פּאַרלוסט״!
ס׳דאַרף מיין גרויס סקעפּטיציזם, מיין גרויס ספקיזם, דיין אַנהאַלט אין פּאַל,
און כ׳וואָלט דיך, אָריגין־אור־הגנז, דיך, רזין־דרזין, באַשאַפן געמוזט,
פון דיין וועלט־אויסשטראַלס קוואַל, וואָס טריפט בראַנד־יהי־אור,
אין מיין בלוט און מיין גאַל.

האָט דאָך אויך, אַ פּיר־ווינקל, אַ שטוב — ע ר ג י ץ ע מ י ץ,
וואָס נעמט אויף דעם אַכט,
און אַן עלטסטער גיט אַכטונג און פירט אויף דיין וועלט דאָך, אַ דאָרף,
צי אַ שטאָט,
און אַ לאַנד האָט דאָך א ו י כ ע ט אַ וועלכע־ס׳איז, מ׳שטייגס געזאָגט,
פ י ר ע ר ש ע מאַכט —
איז, ווי וואָלט דען געזאָלט, דיין געמעלד־וועלט, געמאָלט זיין —
אָ, גאָט! — אָן אַ גאָט?!

און אַ פּשיטה אַז מ י ט דיר — אָ, גאָט — איז שווער! טרויעריק,
ביטער דיין וועלט!
איז, ווי שווער — ש ט ע ל ־ ז י ך ־ פ אָ ר, גרויס־געאַכפּערטער גאָט,
וואָלט זיין אָן דיר! אוי, שווער!
ווייל, פאַר ווער וועמען וואָלט בלוט, זיך צום יושר, צום דין און צום
משפּט געשטעלט?
וועמעס פענצטער און טיר וואָלט צעפּראַלן, פון וועלט־גאַנג, מיין
נע־ונד־טרער?

ווייל, אַפילו מיט דיר, איז דאָס וועלט־רשעות גרויס! גרויזאַם גרויס,
גרויזאַם גרויס!
און, אַפּשיטה דעם צדיק — איז גאָר דאָך ניט גוט! אוי, ווייַ, נעבעך —
ניט גוט!
ווייל איז אים, מיט זיין ציטערדיק־נאַקעטער זעל, אויף דיין אייביקייט־שויס,
ס׳קנייפּט דער רשע, באַהאַלטן, פון הינטער־גרונט, צאַפּט אים ס׳קאָפּ
חיות, ס׳טראָפּ בלוט!

ווייסט דאָך, גאָט, דיין וועלטס קרעמלס פּאַרקויפּטקייט, ס׳הייַנט־מאָדיש
משיחים־יאַריד!
ס׳גייט דער „טענדע ווערענדע״ מיט אויגנגלאָץ־מיינונגלעך־געבעכץ־
קריטיק.
און רייט, בייטש־פּאַרטייטש־נאַשפּיץ! אויף וועלט־אויפהאַלט־זייל —
הימל־ערד־געזאַנג־ליד!
אַזש אַ רויך זעצט, צום הימל, דער בלאָז־זאַק, פון זיין משיחיזם־פאַבריק!

און ז י י ן „אַנטיטענדענץ״־„קונסט פאַר קונסט״ — אויף דיין וועלט־
עקזיסטענץ־טענדענצטום
מאַלפּעט־נאָך, דעם מאָנטמאַרט־„אַרט־פּער־אַרט״, מיט זיין פ ר ו כ ב א ר ן
קונסט־אימפּאָטענץ,
און ער פילט ניט מיט שמשון, דער פלשתימ׳שער קרעמער, פון קרויזנדלער
און רום —
פון זיין קעגן־טענדענץ־זאַק, דעם שטאָך, פון דעם דלילהשן אַל,
פון טענדענץ!

איז, ווען מען דען, גרויסער גאָט, וואָלט דאָס זאַלץ פון דער וועלט־טרער
— דער צדיק — פאַרמאָגט,
ווען ער וואָלט דיך, אַלמעכטיקער, דאָ, אויף דיין טראַגישער וועלט,
ניט געהאַט ?
— ס׳וואָלט דער צדיק, מיליאָן מאָל נאָך מערער, געפּלאָגטער, דאָ
ווערן געפּלאָגט.
ווייסט דאָך, גאָט, ווי דער שטאָט פון דעם רשע באַשטאָט אים,
פּירט, מ׳שטיינס געזאָגט — שטאָט ! ?

און, אויך ער, דער גראָב־ביכער־באַגראָבענער, האָפלאָזער, גלויבלאָזער נאַר,
וואָס פרייכט־אויס, דאַוונט־אויס און דעמפּט־אויס, גאָר זיין סקרוך־
פּעסימיסטישן גרוך,
האָפט דאָך ער, אויך, און גלויבט ! ווייל גאָטס לעבן גייט אָן, חוץ זיין
„קעגן״, צי — „פאַר״ —
גלויבט דאָך ער אויך, און האָפט, אויפן גאַנג און פאַרקויף
פון זיין האָפלאָזן בוך.

שטראַלט דאָך האָפן און גלויבן, דורך וועלט־אַפּבליאַסק־טרער,
אויף דיין קערנדל ברויט,
דורך דיין ציטריקן סוד, וואָס געשטעלט דער יסוד פון דיין אייביקייט וועלט.
אייביק־לעבן־קינד „סנה״, זויגט דיין ווייס־בלאָען גלי, פון דיין
אייביקייט־קנויט,
נאָר דאָס אַנגעשטעלטס אָנשטעל, פאַרשטעלטקייט, פאַרשטעלט אונדז
דיין וועלט־פּראַכט־געצעלט.
און וואָלט זיין, גאָט באַהיט, דער „אַלצווייסניק״ אפילו, חלילה, גערעכט,
אַז דו — ביסט, אָריגין־אור־הגנז, „נישטאָ״ !״ נאָר ס׳איז, ס׳הייסט
„בלויז נאַטור״,
וואָלט מיין זון־געזאַנג־בלוט — אונטער זון־בלישטש פון חלף,
אין היטלער־געשעכט —
דיך — פון מיין ליד, ווי דו מיך — פון דיין ליד, געפורעמט,
אין דיין קריאַטור.

ווייל דו ווייסט דאָך, מיין גאָט, אַז איך, עקשן, ווי ס׳טרעפט אָפט,
איך נעם זיך צו וואָס !

מאַג עס אַזש באַדאַי, גאָט ווייס וואָס טאָן (טאַטע זיסער, באַשירמע! באַהיט!)
אויב איך זע, דורך דיין שטראַל, אַז ס'איז ניט נאָך דיין מ י י ן!
און ס'איז „ע פּ ע ס נ י ט ד אָ ס"!
מוז עס ווערן באַשאַפן, אָן תירוצים, ביי מיר — צי ס'וויל יאָ, צי ס'וויל ניט!

און אויך דו, גרויסער גאָט, וואָלסט אין עליון־שפּאָן, מיט־גיין מיט מיין
ליד־געביין,
ווייל ביי מיר, ווי ביי דיר, אָריגין־אור־הגנז, גייט'ס אין שאַפונג —
די זאַך!
און וואָלט איך ניט געפּועל'ט ביי דיר אין מיין פראָסט־אינדערוואָכן־געוויין,
וואָלט מיין ליד דיך געשאַפן אין יום־טוב־קלייד־גאָלד, דורך מיין
טראַגיק־געלאַך — — —

תורה

איז שפּילן מיר אין מבול־נח־קעסטעלאַך,
מיט פייגל, חיות — אַל־צוזאַמען;
מיט ווייץ און קאָרן — אוצרות־מעסטעלאך —
אַריבער אַלע זיבן ים'ען.

איז שפּילן מיר אין באַנעלאַך, אין קעסטעלאך,
מיר פאָרן, פירן, וואַנדלען, האַנדלען;
דורך שטורעם, פלאַם, פאַרברענטע נעסטעלאך,
מיט ציג, מיט ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

איז שפּילן מיר אין עראָפּלאַנען־קעסטעלאך,
מיר פליען, שוועבן, פירן סחורה;
דאָך — אַלץ איז שטויב און דרויב און רעשטעלאַך! —
דער עיקר איז דאָך — לערנען תורה!

אוי, תורה, קינדער, איז אַ שוואַלב מיט שוועלבעלאַך,
וואָס פלאַטערן פון טייך פון בבל;
ווען ס'האָט געברענט דער בית־המקדש־דאַך —
געטראָגן וואַסער — פולן שנאָבל. — — —

צום אויב ניט נאָך העכער

צו וועמען זינג איך אייך, איר ניי־אַלט־מאָדיש־לידער ?
איך בלוטיק אויס מיין ניי־אַלטמאָדיש־האַרץ, צו וועמען ?
די שפּיל — די וועלט, מיט מיר — אַ שפּיל אין „קידער־ווידער״,
מיין שולד. — נו, וואָס איז, ברידער, דאָ זיך דאָ צו שעמען ?
נאָר „ע ר״ — „אויב ניט נאָך העכער״ ! — אפשר קאָן באַנעמען.

אויך ז י י, פון חלף־שפּיגל — אייזבאַרג־שפּיץ פון ליידן, —
פון ענגהאַרץ קאַרגער וועלט, אויפן קאַרק, ניט קאַרג „פ אַ ר ג ע ב ן״ —
אויך זיי, אָן מאַכט — מיט טירוף־קראַפט, צום א י ב ע ר ש נ י י ד ן,
אַ בליץ — אַ שניט ! מיט לייב ! — דאָך ניט מיט אייביקלעבן !
צו אים — אויב ניט נאָך העכער — אַלוועלט־אייביק־שוועבן.

ווער „ס׳פּילט״ פון ביליג־הויך־באַזונגענעם „עמפּייער;.
און ווער פאַרגינען קאָן זיך, פון דע־לוקסע שלעסער ;
סאַי די, מיט שכינה־פייער — וועמען גאָז צו טייער —
פאַרלעשן זיך אין ים, מיט זאַלץ צום טעם גראַמט בעסער,
ווי די, וואָס שניידן אָפּ אין זון־בלישטש־שאַרף פון מעסער.

סאַי „חתן נאַר״, און סאַי די „אָפּגענאַרטע כלה״,
אויף יענער זייט געזאַלט־זון־גאָלד־געמאָלט־זיין־דעכער ;
זיי אַלע זינגען, לעצטע לידער־בריוולעך — אַלע,
צום יענעמס יענער־זייט פון איבערשוימטן בעכער,
צום וועלט־געוואָוי־הויך־אַדוני — אויב ניט נאָך העכער !

צו יענעם, זינג איך אייך, איר לידער, לידער, לידער ;
איך בלוטיק אויס מיין האַרץ, צום יענעמס יענעם ;
די שפּיל — די וועלט, מיט מיר — אַ שפּיל אין „קידער־ווידער״.
מיין שולד ! איז וואָס איז, קאַמעראַדן, זיך צו שעמען ?
זאָל ער — „אויב ניט נאָך העכער״ — מיין געזאַנג פאַרנעמען. — — — —

זאָל איבערפּערלען

אויך פּיין־און־צער, דאָס אַלטע פּאָר, האָט ליב צו זיין באַקוועם;
זיי קלייבן־אויס די שענסטע זעל — די שכינה־פּענצטער־דירה,
פון אינווייניק, צעשפּרייט אין זאַל, מיט רחבות גרויס פאַרנעם,
ווי ס׳דרויסן־גערטנדל, זאָל זיין געצירט — מיט טרויער־שירה.

אָ, פּיין־און־צער, דאָס אַלטע פּאָר, דערפאַרן, וועלט־געניט;
זיי קלייבן אויס דאָס שענסטע האַרץ — דעם פיינסטן בעסטן ביסן;
ווען ס׳גאָלדיקן די פּירות, רייף, אין האַרבסטן, גאַרבן־שניט,
אין שקיעה־צייט, מיט גאָלדנע שמעטערלינגען־קריעה־ריסן.

מיט קריעה־ריסן — פלאַטערלעך, אויף בלומען־שטויב — דין... דין...
גאָר עכט, אָריגינעל, א ו נ י ק — ביז גאָט אַליין — דערהויבן!
פאַר זון, לבנה, דורכזיכטיק, אַנטיק דער „קרעפּ־דע־שין",
זאָל אויסהאַלטן פאַרנעם־קריטיק — ביז שטערן־העכסטן לויבן!

די זעל זאָל זיין ווי אַלטער וויין, קלוג־טיף — אַזש קינד־נאַאיוו,
וואָס שוועבט אויף שכינה־פליגל, דורך די הימלשע פאָרטאַלן.
פון זעפיר־חלפ׳ל דאָס ניט־דערשאַכטנס־סענסעטיוו,
זאָל זיפצען, אָ כ צ ע ן, זיס — ווי אַכט און אַכציק נאַכטיגאַלן.

דאָס האַרץ זאָל שלאָגן ערלעך־ריין, צום פלאַצן — סטרונע־גלייך,
ווי איר באַזיצער, שענער שיין! טיף קוואַל־צעשטראַלט מיט לערנען.
צעפליסן זאָלן זיך דיליידן — פון דעם קוואַל, אין טייך —
זיין שפּע־איבערפלוס ליד־עכטקייט־טרער — זאָל איבערפּערלען — — — —

1935

ווען איך וועל דאָ ניט זיין

אין אָונטערויט, ווען איך וועל דאָ שוין מער ניט זיין,
ווי איצט, אין אָונטערויט, וועט רואיק זיין, שטיל, שטיל, רו — רו;
נאָך בלאָע וואָלקן־קי וועט גיין איין מוטערפערל־קו,
דורך וואָלקן־וועלדער, טרינקען רויט־טראַנק אָונט־וויין;
(צום זיין
פון מענטש־צו־מענטש
פאַלש־פרעמד־געבונדנקייט, אין פיין.)

וועט אויסטריפן גאָטס שטערן־שיין צום שפע פרילינג־שפראָץ,
ווי איצט מיט שפע, לויטער, פון לאַזור, אויף גזלן, הור,
אין שונד־גאַזעט וועט שמעלצן פעטסקריטיק: „קונצט־ליטעראַטור״,
און שפילן זיך אין משיח־קייט, געשמידט צום שונד־שאַנד־קלאָץ.
(צום זיין
פון מענטש־צו־מענטש
אין שאַנד־צעשונדנקייט־„קולטור״).

וועט אויפבליען און פלאַצן, פלאַצן — אויפבליען, ווי איצט,
צבוע׳יאַקע־מכה, ווי פון קנאָספ פלאַצט ערליך־דיין די בלום.
ווי איצט, די אָונט־בין מיט גאָלד־טראָפּ האָניק זשומט־אַרום
אַרום מיין ליד, ווי ס׳האָט געהומט ביים צען־געבאָט־געקריץ.
(צום זיין
פון מענטש־צו־מענטש,
פאַר סנה־געצונדנקייט, דורך אומעט־הום).

וועט רום און מאַכט צום אויפבלי פלאַצן, ווי פון קנאָספ די רויז,
וועלט־ליגן־פאַר זאָל ליגן שוויס־געקלעפט אין עראָפּלאַן;
דעם מאָרד־געווער — אין זכות פון זנות — געבערן זאָל דער וואַן,
פון רומזוכט־וואַן צעפרעסן אין דעם זון־צעפלאַמטן שויס.
(צום זיין
פון מענטש־צו־מענטש,
אין וועלט־פאַרשוואונדנקייט־גלין־גלאַן).

דער זייגער־אומרו ועט, ווי איצט, טיק־טיקען רואיק־שטיל,
זיך טונקען טונקל־שטיל אין אייביק־ טראַנק פון בלאַסן ווײַן;
אין יענעם מאָרגן־בלוי, לאַנג־לאַנג, ווען איך וועל שוין ניט זיין,
מיט זונאויפגאַנג אין דעמער־פּראַכט פון פּערלמוטער־שפּיל.
(צום זיין
פון מענטש־צו־מענטש,
פאַלש־פרעמד־געזונדערטקייט, אין פּיין) ———

1934

אָ, ווייטאָק־בנין

אָ, טרערן־ווייטאָק־בנין מיינער —
פאַרוואָס, נאָך טעג פון האָפלאָזקייט
נאָך שפּינוועבס־נעכט פון שלאָפלאָזקייט,
בין איך נאָך אַלץ געפאַנגען — דיינער ?

אָ, טרויער־ווייטאָק־בנין מיינער —
פאַרוואָס, אויף מיין קליין־ווייניקייט,
פון גאָטס געוויין אַלייניקייט,
פאַלט־אויס דער גרעסטער טרויער דיינער ?

אָ, טראַגיק־ווייטאָק־בנין מיינער —
צו לאַנג צו לאַנג דיין איינוואוינער
באַלוינסט מיט פּיין, דיין פּיין־לוינער —
דעם אייביק־טראַגיק־שכן דיינעם — — —

1935

לייג זיך און לאַך

כ'האָב געהערט ביי דעם ים אין זיין ריטם און גראַם,
דעם מיליאָנען־יאָר־שטילקייט־געשריי פון די בערג,
און אין שטילקייט־געשריי פון זיין טאָלן־בערג־ווערק
האָב געהערט דעם געברויז פון זיין אייביקן ים.

לאַנגזאַם, מוטערלעך, נידערט באַגאָלדעטע נאַכט
און איר שטילקייט פאַרהילט דעם געשריי פון דער ערד,
אין פאַרהילטן געשריי פון דער ערד האָב געהערט
דעם געשריי פון דעם מענטשן־ים־בלוט־דורשט נאָך מאַכט.

אונטער לויכטיקן הימל, צעשטערנטן דאַך,
פרעגט מיין ליד, טרער־באַוואַשן, אין דורכלויכט פון טראָפּ:
צו וועמען זינג איך? צו וואָס? — שטערן־קרוין אויף מיין קאָפּ!
פאַר מיין וועלט — מיין געבאָרן־פאַרלאָרענע זאַך.

איז ליד־תורה — פון מענטש — „שלינג, פאַרשלינג” — ווי ביים פיש?
באַרגט־זיך, באַרגט־זיך צום באַרג דער באַרג פראַגעס אַלץ מער;
מאָנט עס, מאָנט — קלאָר, דערקלער, ריין געוואַשן אין טרער,
וואָס דערקלערן וואָלט — אפשר — אַן ערדציטערניש.

נאָר, אָ, ערד, ציטערסט נישט, דיין גרויס צאָרן האַלטסט איין,
אויף די כלומרשטע מאָנער פון „נביאס גרויס וואָרט” —
און דעם נביא פון היינט־צייט, זיי ברענען זיין אָרט!
מיט דער הינטער־טייל, חניפה־בלענד, בלענדן זיין שיין.

ברענט דער נביא פאַר שאַנד, אונטער זון־גאָלדן קויל,
בלוט־געקלעפּט, קאָפּ־אַראָפּ, מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט,
וואו מאַסקירט ש ל ע פּ ט זיין נאָמען די מוטער פון שאַנד,
מיט דער ליליע אין ברוסט, פאַר דער טאָכטער פון גרויל.

טאַנצט דער גרויל מיט קאַנאָנען־געקנאַל — טראַ־לאַ־לאַ!
— טראַ־לאַ־לאַ! ס'איז אַ קעניג געקומען אין לאַנד.
פאָלק — צעפלאַקערטער וואַלד, צעברויזט מיילן־לאַנג — בראַנד!
הענגט דאָס פאָלק אויף אַל־דעכער — געפּילדער: הוראַ!

די א י י ן ־ ה ע ר ש אַ פ ט ־ א י י ן ־ ק נ ע כ ט ש אַ פ ט גייט־אויף מיט
איין שטויב!
אויף א י י ן ־ ק ע נ י ג ־ א י י ן ־ ק ר ו י ן שפּריצט איין קרוינער־בישאָף!
אויף א י י ן ־ ד י כ ט ע ר ־ א י י ן ־ ק ר ו י ן שפּריצט איין קריטיקער־רב—
איין הוראַ פאַר איין שטויב — איין קאַנאָנען־פּאַרטויב.

ניט פון לויכטיקסטן קאָפּ שיינט די קרוין פון גאָטס גאַב,
נאָר דורך שווערד־בלישטש, ווי אָפט אויך דורך קינדערשן כליפּ,
וויינען דיכטערלעך אויס לויב־קריטיקן — צו ליב —
גאָטס רחמנות צום ק ל ע נ ס ט ן — צום ווירוס־מיקראָב.

און איך הער אין די בערג, בערג מיט חניפה־געברויז,
צום רחמנות פון גאָטס „געווען"־„זיין"־איביק־„איז";
הענגט אַלץ אָפּ אָן זיין בלאָז, אויף קליין מענטשלס קאַפּריז,
צו דעם נס, וואָס דער באַרג מוז — געבערן אַ מויז.

ליגט די מויז אין דיין ברויט, רויבט די זונה דיין הויז.
וואַשט אין פּראָסט־נאַכט דער שניי ווייס דיין קאָפּ, אָן אַ דאַך,
ליגט די זונה אין הויז און אין לעקעך — די מויז —
לייג דיין דיכט־קרוין צופוסנס און — לייג זיך און לאַך — — — —

1935

וועלט־צעריסנקייט

עס טרויערט־אויס דער שפּעפער־הלל־אַל,
דעם גרויסן בראָך פון וועלט־צעשיידנקייט ;
ער קלאָגט, דורך הונט, שאקאל און נאַכטיגאַל,
אויף אונדז, זיין צוויי־האַלב פון איינ־ביידנקייט.

ער שלאָגט דורך וואַסערפאַל — קאַסקאַדן־טראַכט,
זיין פרייד־ און טרערן־האַרץ־צעשטראָמיקייט ;
געיאָגט דורך זון־לבנה־שטערן־פּראַכט,
צום אונטער־קוואַל־פאַרטיף שוואַרץ־תהומיקייט.

זיין טרויער לאַכט טוי טרער־וויבריר אין שטראַל,
אויף שנאה, עלענד, וועלט־צעריסנקייט ;
פון בראשיתשאַפט דורך שטראַל־רעפלעקס אין קוואַל,
פאַר לייב און זעל צוזאַמענשליסנקייט.

עס ציטערט־אויס אויף וויינשטאָק זון־בליאַסק־טראָפּ,
צום וויין־געוויין, זיין וועלט־טרער־ריינקייט ;
עס טריפט זיין ציטער־טראָפּ פון טרויב אַראָפּ,
צום ברויזנדיקן ים, פאַר אייניקייט.

עס צער־ און צאָרנט־אויס זיין דונער־קראַך,
צום פעלקער־פאַר־פאָלק־בראָך פון גיריקייט ;
פאַר צאָרן פלאַצט־אַראָפּ זיין היכל־דאַך,
פון וועלט־געצעלט — פון מיר און דיר'יקייט.

עס מאַגיקט־אויס דורך נעכט זיין טראַגיק־אַל,
פאַר לבנה־שטראַל, זיין וועלט־אַל־טראַגישקייט ;
מיט כליפּ, אין קוש, דורך טרערן־טוי־וואוואַל,
צום ליפּ פון חתן־כלה־מאַגישקייט — — —

1920

אין קנויל

ווען מען וואָלט עס דערציילט אויפן שניי, אַ געקוילעטן אָקס,
וואָלט דער אָקס, פאַרן חלף, מיט פאַרבלוטיקטע ציין זיך צעלאַכן
ווען מען וואָלט עס דערציילט פאַר אַ שטיין, אין דער נאַכט, אין אַ פראָסט,
וואָלט דער שטיין, רויט פאַרשעמט, פאַר געלעכטער־געוויין זיך צעקראַכן.

און דער אָקס, מיט אַ סווישטש פון זיין בלוט־שטראָם געקוילעטער צונג,
ער וואָלט אָנהויבן בלוטיק מיט טרערן צו רעווען און ריידן,
און דער שטיין, וואָלט געטאָן הויך צום הימל אַ שפרונג און אַ קלונג,
עס זאָל וועלט־באַשאַף, גאָט, אָט־די בלוטיקסטע רעטעניש באַשיידן.

און דער אָקס, מיט אַ שמיץ, וואָלט פאַרשמיסן צום הימל דעם עק,
מיט די הערנער צעשטאָכן דאָס האַרץ פון לבנה, זון, שטערן,
וואָלט מיט ציין־געקריץ גאָט זיך צעיאָמערט, די שטערן — פאַרמעקט,
און די זון און לבנה פאַרלאָשן אין בלוטיקע טרערן.

און דאָס בלוט פון דעם אָקס, אויפן יידישן לידער־יאַריד,
וואָלט פאַר שאַנד ווערן ווייסער פון שניי און נאָך בלאָסער פון וואַסער;
און ס׳וואָלט גאָט זיין געהער זיך פאַרשטאָפּן מיט קיט, פאַר דעם ליד,
וואָס געפידלט מיט איר האָט פאַר איר אַזאַ „מוזיק־פּאַרפאַסער״.

איז דאָך אַלץ דאָ פאַראַן אויף דער וועלט, אונטער גאָלדענער זון,
איז פאַראַן אַזאַ קנויל אויפן האַלדז — מיליאָן ווערים־קנויל שלייפן;
אָרום ליד, אַזאַ ווערים־קנויל — ווער קאָן זיך וואַשן דערפון ?!
ס׳איז ניטאָ אויף דער וועלט נאָך אַזעלכענע בשמים און זייפן.

ווען מען וואָלט עס דערציילט אויפן שניי, אַ געקוילטן אָקס,
וואָלט דער אָקס, פאַרן חלף, מיט פאַרבלוטיקטע ציין זיך צעלאַכן
ווען מען וואָלט עס דערציילט פאַר אַ שטיין אין דער נאַכט אין אַ פראָסט,
וואָלט דער שטיין, רויט־פאַרשעמט, פאַר געלעכטער־געוויין
זיך צעקראַכן — — —

1935

די באַלאַדע פון דעם „שטיין"

— „...און פאַרליבט איז געווען אַ יונג אין אַ מויד" —
אַט־אַזוי הויבט די וועלט אָן איר אַלטע געשיכטע.
און ניט פשוט פאַרליבט, נאָר פאַרליבט — „ביז אין טויט!"
ווי עס זינגען די אייביק־פאַרנאַרישטע דיכטער.

נאָר די מויד איז פאַרליבט געווען האַרט אין אַ שטיין —
אין אַ דימענט אַ האַרטן, ווי ס'לעבן, וואָס בליאַסקעט;
„כ'האָב אַ שטיין פאַר דיר, טייערע, קום, לאָמיר גיין!"
און דעם וועג איר מיט קושן געפלאַסטערט, געלאַסקעט.

און זיי קומען. — — דער „שטיין", ווייזט ער, — „רו, דו ביסט מיד" —
„ד ע ר שיינט אייביק, שיינט אייביק זיין אייביק־דרייך־לעבן!"
און אַזוי ווי זיי רוען, צעשאַלט זיך אַ ליד!
אַ געזאַנג נעמט פון קבר צום הימל הויך שוועבן:

— „און פאַרליבט איז געווען אַ יונג — אַ „ברילִיאַנט"
אין אַ „דימענט" אַ מויד, וואָס פאַרליבט אין אַ ד י מ ע נ ט;
האָט דעם „דימענט" אַ ד י מ ע נ ט געשענקט דער „ברילִיאַנט",
אָבער, ער, דער „ברילִיאַנט" איז געשטאָרבן פאַר אומעט...

— „האָט זי חתונה געהאַט! און — מיט אַנדערע „פריי",
אַזוי וואַזשנע — זיך א ו נ ט ע ר ג ע ל י ב ט — בגנבה;
נאָר ד ע ר נ אָ ך — איז זי „אייביק געבליבן אים טריי!"
פאַר זיין „שטיין" אים געשטעלט אַט־דעם ש ט י י ן — די מצבה...

— „געווען זייער צופרידן פון דער „נ אָ ב ע ל ע ר ט אַ ט",
איז איר פריילעך געוואָרן און פריי אויפן האַרצן;
האָט די קנייטשלעך פון פנים מיט זאַלב פאַרגלעט — „בלאַט",
און האָט ערשט רעכט דערזען, ווי עס קלֵיידט איר אין שוואַרצן...

— „נאַר, גאָר פּלוצלינג, צום טויטן אויף טויט זיך פאַרבענקט,
אַזאַ פיינלעכער אומעט, צום שטאַרבן, באַפאַלן;
ניט קיין שלאָף! קיין באַרוטע מינוט ניט געשענקט!
ס'האָט דער אומעט מיט טייכן פאַרפלייצט אַלע קוואַלן...

— „פּוסט און אומעטיק, גיין צו זיין קבר אַליין —
יעדן מאָל — אַנדערע, צוויי־דריי באַגלייטער, אין אָרעם;
ביז — ס'האָט איינמאָל דער וועכטער דערזען אויפן שטיין,
„זי", דערוואָגן, צעטראָטן, פון מויל קריכט דער וואָרעם — — —

מעטראָפּאָליס

פון גאָט — צו ערד, פון מענטש — צו הימל,
אויף הימל־שטראַלן, ערד־געזאַנגען,
איז גאָט־מענטש־בענטשונג אויפגעגאַנגען,
מיט אַראָמאַט פון ברויט מיט קימל —
פון אונטער צווייג, פון וויינטרויב, פייג.

אויף מיסטעריעזער האַנט, פון הימל,
דורך לילית־ווייבערשע פאַרלאַנגען —
האָט אשמדאי אַרויסגעהאַנגען
אַ וואַנזין־שטייג, מיט טורעמס, טומל;
אונדז — קאַרליקלעך — פאַרשפּאַרט אין שטייג.

פון צייט־צו־צייט, לויכט־אויף דער הימל:
עס ברענען טורעמס — שטאָל־געזאַנגען,
עס קראַכן, לאַכן, שטאָלן־שטאַנגען;
מיר — ליליפּוטן — לעשן טורעמס,
מיט גיגאַנטישן געצייג — — —

ביי דעם מעשענעם רעלץ

דאָ, אין שענק; דאָ, דורך אונדז — גאַטס צדיקים, שיכורים,
פליוכעט גאָט אויס זיין פלוך־פליוך ביים מעשענעם ראַנד;
דאָ, מיט אונדז, וואו מיר ראַטעווען זיך פאַר יסורים,
מיר — אַנטלאָפן פון זיך, פון אַ מאָרד־באַגיין־שאַנד.

מיר, פון „ווייב־זעל־און־לייב" קיום־בראשית־פאַרראַטן;
דאָס געווער אין האַנט — רייך, אויף איר האַלדז נאָך איר קאָפּ;
מיר, פאַרשפיגן מיט בראַנד; מיר, מיט גאָט, אונדזער טאַטן,
דאָ, אַנטרונען, זיך טרינקען אין בראַנדיקן טראָפּ.

קלאָגט דער שכינה׳ס געוויין, דאָ, מיט זונות־צדקניות,
וואָס דורך "ליבעס־געננוס", לייטיש ליידנשאַפט־זכות,
זיינען די דאָך געקומען אַהער מיט פורעניות,
צוליב יענע, פון „אנשטענדיק־לייטישן" זנות.

זיי, וואָס קוקן אויף אונדז מיטן שפיי־בליק — אַרונטער,
מיטן אנשטענדיק־ווינק פון אַלווינקלען פיגור;
פאַרן פרייז, וואָס די וועלט שווימט אין העלישן צונטער,
וואָס מיט זיי אין פאַרגלייך — הייליק־ריין פוילט די הור!

מיר, פאַרשטויסענע, דאָ, פון גאָטס ציל, העכסט־געצילטן,
שטאָלץ־צעבוזימט־געשוואָלן, פון גיפטיקער שלאַנג;
מיר, וואָס קאָנען אין גלייכגילט זיך דאָרט ניט גלייך גילטן,
מיטן ליגנער אין גראַם, אונטער זון־סטרונעס קלאַנג.

און מיר וויינען דאָ חתונות אויס — פון בית־עולמס —
מיט רחמנות — גרויס, הייס — צום פאַרפאַרענעם ראָב;
און מיר קוקן זיך אָן, טרער־צעלאַכטע, ווי גולמס,
און פאַרגיבן זיך איינער דעם אַנדערנס גאָב.

זיינען מיר דאָך דערוויטערט פון קרעמער־וועלט־נעמערס,
אָן אַ דעק אונדזער „דעק", שוימט דאָס גלאָז אָן אַ מאָס;
אָן חשבונות מיט וידוי'ס פול עמערס מיט אמת
גייט אַריבער פון צדיק צו צדיק דער כוס.

אַלע — דיכטער! אומניכטער ביים וואָרט־„פערל" קלייבן —
ווי אין ניכטער־וועלט — מיש פון „זשעני", אידיאָט;
נאָר אָט־דאָ טרייבט נאָך איבער דער טריב, איבערטרייבן,
דאָ, ביים מעשענעם רעלץ שרייט דער וואָרעם — שווייגט גאָט.

שווייגט אויס גאָט־מענטש, דערהויבן, זיין העכסטן דערנידער,
צום צעשריענעם וואָרעם, גלאָצט גאָט, ווי אַ גלאָמפּ;
און דערשפּירט נאָך מער ביטער די שפּירט־„גוטע־ברידער",
און באַשטעלט נאָך מער שפּירט — "צו דערגיסן דעם לאָמפּ".

אַלע גלייך דאָ, אין הימל־יאַרידן מיר פאָרן,
אויפן מעשענעם רעלץ פון ניטאָ „ווער איז ווער";
אַלע גלייך, דאָ אין דר'ערד אויפן דעק זיך פאַרלאָרן,
ווי אָט, אַלעמעס גלייך, אויפן דיל, וויינט די טרער.

מיר, פאַרשוויגן, פּ אַ ר ז ע ע נ ע — נ י ט ־ אָ נ ג ע ז ע ע ן!
אונדזער קרבן פאַרשפּיגן פון קונצט־געץ — צו זאַט;
פע! אונדז עקלט דער שפּיי; נאַפּלעוואַט! מיליאָן פּעען!
און מיר כראַקען דעם ש ט ע מ פּ ל פון וועלט־נו־ונד.

טריף איך אויס דאָ מיין טרער, מיט צדיקים־שיכורים,
טרינק איך אויס גאָטס געוויין, אויפן דעק, ביז צום דעק;
מיר, פאַרשפּיגענע דאָ, מיט גאָטס וואָרט פון יסורים,
דאָ, ביים מעשענעם רעלץ בלוטן־אויס אונדזער קלעק — — —

געפינסט מיך ניט, מיין שאַץ

נ יט זוך מיך וואו ס׳טוט גריגען גרין די גרינגע מירטע,
ניט דאָרט רוט שווער מיין גאַלגרין־אומרו׳ס רוהע־פּלאַץ;
נאָר דאָ, וואו ס׳רויטלען דיינע רויטע, מאַנוקירטע
פאַרשפּיצטע בלוטיק־שאַרפע נעגל פון אַ קאַץ.

נאָר דאָ, אָט־דאָ־אָ טוט מיין אומרו בלוטסטראָפּ בלוטן —
אין דיינע נעגל, בלוט־באַצאָלט — מיין אוצר־שאַץ;
דאָ, טראָפּעט־אָפּ, פון מיינע לעצטע טראָפּ־מינוטן,
מיין לעצטע רגע, אין דיין לעצטן קאַצן־קראַץ.

דאָ, אין דעם וועלט־שטורקאַצ׳ס ספּעקטאַקל — עפּעמערע
מיט קירצסטן פלאַטער־ליד פון פאָרן־קעגנזאַץ;
דאָ, דאָ — אין קורצער לאַנגווייל־שפּיל — אין אָט־אָ־דער־אָ,
געפינסטו מיך, מיין שפּיל־געהילף, כנגד־זאַץ.

אָט־דאָ, אָט־דאָ — אין ליד פון יולועט־ראָמעאָ —
ליד ניט־דערשאַצט, פון איבערשאַצערס ליד־ערזאַץ;
אָט־דאָ, אין רויטן־טויטן־טאַנץ פון סאַלאָמעאָ,
מיטן ווייזהייט־קאָפּ פון יוחנן אויפן גאָלדן־טאַץ.

דאָ, ווי אַ מאַמע, איבער ליבער בת־יחידקע
וויברירט מיין אומרו, איבער דיר, מיין שלאַנג־גיפט־שאַץ;
און ווי אַ טייבל, אונטער חלף־שאַרפן כיטקע,
וויברירט מיין האַרץ, אין דיינע נעגל פון אַ קאַץ.

און וועט מיין טויבן־האַרץ אין שלאַנגען־בערג זיך בערגן,
מיט אויגן, חלף־בלישטש, אַרויספלאַצן פון פלאַץ;
און וועט דער שלאַנגען־באַרג, חלילה, דיך דערווערגן —
וועסטו, מיין שאַץ, מיר מוזן מוחל זיין, דיין שאַץ.

און „ד אַ ן ־ ד אַ ן“, זוך מיך, „ד אַ ן“! וואו ס׳גרינען גרין די מירטן;
יאָ, דאָדערט־דאָ־אָ! מיין אָליוון־גרינער שאַץ!
ניט דאָרט! ניט דאָרט, וואו ס׳טוט דיין קאַצן פאַלש־פלירט פלירטן!
ניט אונטער דיין פאַרשפּיצט־פּראַנצויזישן אָפּזאַץ! — — —

מײַן עלנד אומאַרעמען

אין מײַן ליד־געשפּין דינסט צו איִם, דין — פון מײַן דינסטער אַלײניקײט,
װער אונדז גוטס גינט, מיט גאָר דער װעלט ליד, אויף זײַן װעלט־ביט־פאַרגין,
אויף זײַן װאונדער־װאונד־װעלט אין זײַן שפּאַס מיט מײַן זונדערלינג־
װײיניקײט,
אין דעם זין פון זײַן װעלט־גרעסטן אומזין — פון טעכטער־זין־מין.

אויף זײַן אָבער־ און װידערשפּרוך־ליד־יאַריד — רומזיכטיק־האװענדיק,
װאו מיר צאָלן צום משפּט־דין — בלוט־טײַכן, ימ׳ען־צערין,
אויף זײַן אײביקײט האָפן און גלויבן ליד־תּחינהדיק־דאװענדיק,
צװישן האַמער־קאָװאַדלע פון ברעך־ און שמיד־שלעסער — גלאָן־גלין.

אויף מײַן טרערן־גע׳טובל׳ט באַװאַשענע פרײד, ליד־װיבערירנדיק,
דורך דער טיף פון זײַן קװאַל מעלאָדי — זײַן גרויס־װעלטשאַפט־באַגין;
אויף מײַן לידער־אימפּעריע מיט טרערנקרוין־פרײד טריאומפירנדיק,
װאָס אין װאָרט, פון דעם זין, איז ניטאָ גאָר אויף דעם קײן טערמין.

טיף פון אונטער זײַן כּסא־הכּבֿוד, גרויס אויסשטראַל־דערבאַרעמען,
פאַר זײַן אײביק־גערעכטיקײט־זונפאַרגאַנג, אײביק־באַגין, —
איז באַגינען געקומען צו שפּינען, מײַן עלנד אומאַרעמען,
אויף מײַן עלנד געלעגער זיך װאַרעמען — אַן עלענדע שפּין — — — —

1939

צום פאַרפאַרענעם ראָב

ראָב, דו טראַגישער פויגל — װעלט־פאַבל־פאַרשאָלטן!
שװאַרצער פלעק, אויפן שניי, פון דער מחנה פאַרלאָזט;
ס׳האָט דײַן שװאַרץ־מזל־קראַקען — דײַן ליד, ניט געגאָלטן,
און דו גוסס׳ט, צעבלוטיקט, פון הונגעריקן פראָסט.

װי דײַן מזל, מײַן האַרץ, שלאָגט פאַר דיר מיט דערבאַרמען,
און, װי דו, שלאָגט מײַן האַרץ פון די כּוחות זיך אויס;
דיך צו ראַטעװען איצט, מיט רחמנות דערװאַרעמען,
מיט דיר טײלן ס׳בראָק ברויט און ברעג דאַך, אויף מײַן שויס.

מיט מיין בלוט אין דיין שנאָבל — אָ, תוכחה־זינגער,
זיינען מ י ר דאָך אין וועלט־צער — גאָלגאָטאָ־פאַרוואַנדט ;
נאָר דו, ראָב, פאַר גרויס מורא, ביז בלוט בייסט מיין פינגער,
ווען רחמנות צו דיר, וויברירט גאָט, דורך מיין האַנט.

שטיל־זשע־איין, ראָב, דיין וועלט־שוואַרץ־פאַרשטיין, הונגער־בייזקייט
פון דער וועלטס אומפאַרשטענדעניש בלוט־ים־פאַרפלייץ ;
האָט דיין שטאַם דאָך געשנאָבלט דאָס בלוט־געזאַנג־הייסקייט,
מיט דער בלוט־וועלט־„דערלייזקייט" — פון יעזוסעס קרייץ.

*

ברודער — טראַגישער פויגל, פון מחנה פאַרשאָלטן,
שוואַרצער פלעק אויפן שניי, פראָסט־צעבלוטיקטער ראָב,
ס'האָט אויך דיך, מיט דער וועלט דאָ, ווי מיך, ניט געגאָלטן,
און, ווי דו, מיך געבלוטיקט פאַר שרעק, פאַר מיין גאָב — — —

„גלייכהייט"

שוין ! — איך קאָן רואיק שטאַרבן, אַלדאָס גוטס — שוין געהאט ;
מיטן זון־פאַרגאַנג זעגנען זיך און — איך קאָן „גיין" ;
שוין ! — אויך ווייניקע קאַרשן געגעסן — צו זאַט,
זיך געצויגן ביים זון־פאַרגאַנג־טייך אויף אַ שטיין . . .

וויגט מיך איין דעם טייכ'ס פליסטער, ביז — זון־אויפגאַנג־רייץ.
איך וואַך־אויף, וואַנדער־מיט, האָרך זיין וואַנדער־גאַנג־שפּראַך.
און — אָט הייבט ער זיך אויף — פליט אויף שטעט מיט פאַרפלייץ.
און איך זע — שווימען פגרים — הער זיין טייוולשן לאַך.

קערפּערס, קערפּערס און גלידער, צום פריילינג פאַרזייט,
הענט און פיס, לונג און לעבערס און הערצער און קעפּ.
אָט, אַ הונט רייסט מיט ציין פון אַ מענטש ס'איינגעווייד.
ל ו י פ ט אַ הויז ! לויפט אַ מענטש מיט אַ מויז אויף די טרעפּ.

שווימט אַ האַרץ, שרייט דאָס האַרץ, קלאַפּט דאָס האַרץ זיך אין האַרץ.
וועלכעס גליד טראָגט דעם יחוס־הערב : האַרץ, אָדער בויך ?
וועלכעס גליד האַלט זיך העכער : האַרץ — רויט, צי אויג — שוואַרץ ?
וואָסער ראַס קלענער־קליין ? וועלכעס פאָלק העכער־הויך ?

„נעגער"־גליד, טאָרסט ניט טרעטן דעם „ווייסנס" טראָטואַר!
פעלקער־ברידער — גוף־גלידער — אין יחוס ניט גלייך!
קראַכן, לאָכן די דאַמבעס: כאַ־כאַ! — ס׳אַ געפּאַר!
אַלעם גלייך אייך פאַרפּלייצן אין זעלביקן טייך — — —

1934

דאָס רעטעניש געלייזט

עס ציטערט־אויף מיין טרער, מיט וועלט־רעפלעקס־ברילייאַנט, אין ברעם,
איצט קאָן איך מיט געוויין־געביין זיך אויסציען באַקוועם,
און מיט מיין ריין געוויסן־פּיין גאָר פיין־געמיטלעך שטאַרבן;
זאָל אויף מיין אומקום, אָנקום־דור מיין רטעניש־לייזונג אַרבן.

איך הער אין גאַנג פון אָנקום־דור דעם קלאַנג וואָס שמידט מיין קרוין,
מיין לוין פאַר אויסקניפּן דעם רעטעניש־קנופּ, איצט ווייס איך שוין:
ס׳האָט גאָט אַראָפּגעשיקט דעם אמת אויף זיין ערד־פאַרוואַלטונג,
דער שווערער שקר זאָל זיך האָבן דאָ אויף וואָס צו האַלטן.

פאַר אַלע מיינע וויסטע ליידן, הייגט — מיט פרייד געטרייסט,
איצט ווייס איך שוין דעם קלאָרן זין, דאָס רעטעניש געלייזט;
דער פאַרהאַנג, אָפּן־ברייט, דייט־אָן, אָן צווייַדייט־צווייפל־רמז,
וואו אַלוועלט־שווינדל, אַלדאָס בייז, רוט אויפן שויס פון — אמת.

און אָט זיצט טרויעריק־אַלטער אמת, קייט זיין ווייזהייט־באָרד,
און אויף זיין נידער־שפּראָץ פון דר׳ערד, שרייט גזלן־מאָרד:
שאַט! קאַמעראַדן! ס׳רויב מוז זיין צעטיילט — מיט אמת! יושר!
ס׳האָט אויך מיט אמת, רעכט, געדויבט דער איצט־באַרויבטער עושר.

דער אמת שפּראָצט פון דר׳ערד און גלאָצט זיין טרער, צו גאָט געווענדט,
אָ, ווי איז מיר! אַז איך דאַרף זיין רויב־ליגנס פונדאַמענט;
שווער ליגן ליגט אויף מיר, מיט זנות, אין שונד־געבויטע שלעסער,
און שטעכט אין האַרצן מיר — זיין טעמפּע פען, אין זייט — זיין מעסער.

ס׳פאַרנעמט מיין טרער דעם אמת׳טרער און ס׳פאַלט מיין
טרער־ברילייאַנט,
איצט קאָן איך זיך שוין איבערקערן צו דער שטומער וואַנט,
און מיט מיין ריין געוויסן־פּיין, געמיטלעך־רואיק שטאַרבן;
און זאָל דער אָנקום־דור, מיין גרויסע רעטעניש־לייזונג אַרבן — — —

אין קרעמער־תהום

אָ, גרויסער גאָט, פון אונדזער קליינער וועלט,
דיין שאַף־באַגרינדונג־גרונט אָן דעק־אַנדעק;
פון דיר באַגרונדפעסטיקט מיט פראַכט געשטעלט,
וואָס פון דיין איין ברעג פראַכט צום אַנדער ברעג —
איז גאָר ניטאָ קיין סוף! און ניט קיין עק —

צום מעכטיק־גרויסן, טיפן געניץ־תהום,
צום לאָוואַ־אויסגוס פון דיין גיהנום־שטראָף,
וואָס ס'איז דיין וועלט־באַשאַף איין פוסטע קראָם —
פון צווישן איין שלאָף און דעם אַנדער שלאָף,
פון שווערסטן סקעפּטיק־ספקות — ביז אין־סוף!

אַפילו דו, מיין פריינט, „דער ווייזע־גרייז",
וואָס שמייסט אין קרעמער־פּלוי דיין שאַרפסטן שמיץ,
און ראַטעוועסט דיין קרוין אין נידער־קרייז
ביים מעשן־רעלץ, וואו ס'צינדט מיין מאַרך, דיין בליץ,
וואו אָפּט בליצט אויס אין כוס דיין ווייזהייט־וויץ.

„אויך ברוטס, דו?" — העכסט קלוג, ביים קרוג, נוצט קרעמער־וואונק!
„אויך ברוטוס, דו? " — מאַכסט ק ר אָ מ ל אָ ז ק י י ט — דיין קראָם!
און נאָך ביים טרינקען זיך אין קדשי־קדשים־טרונק!?
אויך דו, דער שיכור־שוואָם, דער שפּירית־גנאָם?
אָ, גאָט פון קרעמערטום — אין קרעמער־תהום! — — — —

דער „פליענדער טראַפּיז"

. . . און מיט־אַמאָל — נאָך טויזנט מאָל, צום לעצטן מאָל —
טוט דיך, פון גאָלד־לאַנד, גאָלדענער מילשטיין אַ צעמאָל!
מיט האַק און פּאַק און מיט דיין „פּרייעו־ווילן־קלאַנג.
דיין „בלוט־ווײַן", „טרערן־פּערל" — שטויב!
טוט דיך דיין פּערל־שטויב־געווירבל אַזאַ הויב!
צום טויט — זיין מאַיעסטעטס באַפליגלטן גערזאַנג;
פון טויט — זיין מאַיעסטעטס געהייליקטסטן עקסטאַז —
צום „יאָמער טאָל, פון שטיין און שטאָל",
אין „תהום פון זאָרג, און סדום — ניו־יאָרק"
פאַרגיפטעט פון אַ „בוזעם־שלאַנג"
און דו — די „ציג" פון „גריזים"־הונדערטן עטאַזש,
ווארפסט זיך „גראַציעז",
דורך טרויער־בליק, אויף מויער, בריק,
אויף „טעמפלען" בלאָ, אין קטורת — הענג־ליכט, מיסטעריעז.

*

פאַרנאַכט, בראָדוויי — דער מילכוועג פון מעטראָפּאָליס —
כאַפּט־אויף דאָס בילד פון דיר — דעם „פליענדן טראַפּיז" —
פון הונדערט אייביקייט־עטאַזשן — ה־אַ־אַפּ! — אַראָפּ!

*

די „טעמפלען" הענגען בלאָ, אין קטורת מיסטעריעז —
און דיין צעשמעטערט האַרץ און מאַרך, דיין אינגעווייד,
דיין בלוט און גאַל באַשפּריצט דער „בוזעם־שלאַנגס" ווייס קלייד.

*

איראָניש שרייט פון צייטונגס־בלאַט דער נייעס־„קאַפּ":
„. . . די „קראַ" ביים „אָדלער" אויסגענאַרט „דעם פוילן קעז"!

*

די „טעמפלען" סוד'ען זיך אין קטורת מיסטעריעז:
„און ניט אין „פוילן קעז" גייט'ס „אָדלער" יונגן גרייז —
עס האָט „די קראַ" זיין בלוט פאַרלייזיקט אים מיט לייז. — — —

וואָס טראַכט אַן אָפּגעהאַקטער קאָפּ ?

די זון האָט זיך אין ים אַראָפּגעקייקלט —
אַ רויט־פאַרבלוטיקט אָפּגעהאַקטער קאָפּ,
און אַ פאַרבלוטיקט־אָפּגעהאַקטער קאָפּ
האָט זיך אין דייטשלאַנד־קאָרב אַראָפּגעקייקלט,
צום גלח׳ס פּרעפּלען, „גוט“ און „פרום“, צום טראָפּ,
האָט דום־דום־דום דאָס פּייקל צוגעפּייקלט.

און אין דעם אויגנבליק, ווען ס׳האָט דער תליון
די האַק, צום קרבנ׳ס האַלדז געטאָן אַ שוואונג,
האָט בליץ־געדאַנק אין קאָפּ געטאָן אַ . . . קלונג,
האָט דורכגעבליצט דורך טוך און תליון,
דעם זונפאַרגאַנג אַרויסגעשטעקט די צונג,
פון דייטשלאַנד, ביז — דער זוניקער איטאַליען.

און דורך דעם אויגנבליק פון אייביקייטן
האָט הימל־שרייענדיק פון קאָפּ געקראַכט,
און אין דער אייביקייט אַריינגעלאַכט:
דער קאָפּ וועט מער קיין קאָפּ־ווייטיק ניט ליידן!
פאַרצײ־זיך, פאָרהאַנג, שוואַרצנאַכט, מוטערטראַכט,
פאַר קאָפּלאָזע, דורך אַלע א י י ב י ק י י ט ן.

נאָר, ס׳האַרץ — נאָך קלאַפּט; פאַר ווייב און קינד, נאָך ווייטיקט!
און קאָפּלאָזקייט — אויף נאָך אַ קאָפּ שטייט „הויך־געשטעלט“;
ס׳קוועלט שוואַרצער ראָב אויף באַרג פון קעפּ, און שעלט:
„האַקט קעפּ! האַקט קעפּ! קעפּ — איבעריק! ניט נויטיק!“
האַק! חבלי־לידה־קין־הבל וועלט,
דיין זון — פאַרלעשט זיך! ס׳ברענט דיין פאָרהאַנג — קויטיק.

די זון האָט זיך אין ים אַראָפּגעקייקלט —
אַ רויט־פאַרבלוטיקט אָפּגעהאַקטער קאָפּ!
און אַ פאַרבלוטיקט־אָפּגעהאַקטער קאָפּ
האָט זיך אין אייביקייט אַראָפּגעקייקלט.
דאָס טראַכטעניש, וואָס האָט געקראַכט פון קאָפּ —
דורך אייביקייטן — פּייקלט, פּייקלט, פּייקלט! — — — —

1933

„די פרידלעכע שטאָט"...

דאָ איז שטיל. דאָ איז ריין. דאָ איז שיין. דאָ איז רואיק.
מען קען דורכגיין אַ גאַס — קיינער ברענט ניט מיט האַס;
קיינער טרייבט ניט קיין „פאַרד", און קיין שפּאַס, און קיין „ביואיק",
קיינער טרייבט ניט דעם אַנדערן צו משוגעת.

ווייל: ניטאָ דאָ קיין קונסט־מאַרק, קיין מערק פון — „ער"־„זי"ען,
און — דאָ „נעמט" ניט קיין „דיכטער" פון אַ נ ד ע ר נ ס ליד;
און האָט "איינע" דעם „אַנדערן" ס'האַרץ ווען „אַנטליען" —
אַלע שולדן און חובות — ריין, אָפּגעווישט, קוויט!

און ניטאָ דאָ קיין „טאָר", און ניטאָ דאָ קיין „טאָר נישט",
אין זיין רו — רוט דער ריכטער, אין רו — פּאָליציי;
אַלע ליגן אין רו... און, מען האַנדלט מיט "ג אָ ר נ י ש ט";
רואיק — ק י י נ ע ר טוט ק י י נ ע ם פאַר „גאָרנישט" ניט ווי.

נאָר אַמאָל טרעפט — עס קומען אַהער־צו, אָן בושה
פון נישט־רואיקער שטאָט די נישט־רואיקע לייט —
און מען קען זיך נישט צעטיילן „דער באָבעס ירושה",
גיסט זיך בלוט, און בלוט שרייט — גיסט זיך מער בלוט און שרייט.

נאָר אַזוי, איז דאָ ריין, איז דאָ שיין, איז דאָ רואיק,
מ'דאַרף נישט בענטשן קיין גומל ביים „שניידן" אַ גאַס;
קיינער טרייבט ניט קיין "פאָרד", קיין רכילות, קיין „ביואיק" —
קיינער טרייבט נישט דעם אַנדערן צו משוגעת — — —

אונטער פידל־געכליפּ

עס גייט־אָן, עס גייט־אָן אַזאַ פידל־געוויין,
און טריפט־דורך אין וויבריר — האַרץ, נשמה און ריפּ;
קוואַלט־איבער מיין קוואַל־חוש־השדרה־געביין
מיטן פידלער — דורך וועלט־האַרץ — איין פידל־געכליפּ.

טריפט עס. טרעפט עס — צום צופאַל — ניט אַלעמען גלייך,
דעם אַ חתונה — טרינקט זיך אין גילדערנער יויך,
אין דעם אַנדערן — ווירבלט אין קעסלגרוב־טייך,
און אין מיר — הימלען הוידן־זיך — העכער פון הויך;

עס גייט־אָן אַ כל־נדרי אין דורכזיכטיק ליכט;
אַ געוויין־תפלה־זכה — צו־פול — איבער־גבול —
אַזאַ קול־דממה־דקה, צום הימלס געריכט,
אַזאַ נעילה־געכליפּ, פאַר זיין גילדערנעם שטול.

און מיין שכן, דאָ נאָענט, איך נעם־אויף אין זיין אויג,
ער פאַרגעסט וועלט־יסורים, זיך — אויסגעטאָן־פרעמד;
טוט זיין האַרץ אַזאַ הויב יעדער בויגן־געבויג,
איז גרייט וואַרפן צום פידלער די וועלט — און זיין העמד!

און אין מיר — האַרץ־צעריסענער וועלט־סטרונעס־כליפּ —
גאָט גייט־אויס מיט דער וועלט, אין איר קוואַל פון געוויין;
און די טרער פון דער וועלט קושט מיט ציטער מיין ליפּ,
און צינדט־אָן מיין וויבריר־חוש־השדרה־געביין — — —

געשריי פון וועלט־אַליינקייט

די שטילקייט זיפט מיט גראָז־גריל־כריפּ נאַכטס גאָלד־מאָן שיינקייט,
זי זיפצט אויף זייד און ריפּס, דורך נאַכט־צעעפנט־ליפּ;
עס זינגט דער אייביקייט־גליך־גלאָן, צום וועלט־אַליינקייט,
און וועלט־אַליינקייט — זינגט דער אייביקייט זיין כליפּ.

גליך־גלאַך, אַ קימאַ־לך, אַ מעשה, על־כל־פנים,
נאָך פון אברהמס קאַלכאויוון, געבאַקט — ניט נעכטן־היינט;
אויך מיין טיר, ס׳איינקלס פירט ניט צום צעך פון „מאַך זיך שונאים״.
כ׳האָב פיינט פּראָפעסיאָנעלע „מאַכער־זיך־פון־פיינט״.

און דאָך, אָט־דאָ, אין רוהם־גן־עדן פון נאַראָנים,
וואו גאווה־בליסטש צעפּרייעט־שוויצט און געניך־שיינט,
האָב איך דורך אונטערס אונטערחנפער כתלצנים,
זיך ניט געווייראַכט צו זיין חנפ׳ס בוזים־פריינט.

לאַנג — שלעפּט זיך, גלות־לאַנג — די חניפה־צייל, צום שקר,
אָ, גאָט! ס׳אַ שטופּעניש! מיט לעקער־קונסט — פאַראויס;
און דאָ — פון בראשית וואַרטן שוין געאייבטע לעקער,
געדולד־טרעניררט, מיט פוס־בענקלעך, צו זיין — קרוין־גרויס!

מיין בליצבליק־פייל צילט שאַרף אין צייל פון אונטער׳חנפ׳ערס,
מיין לאַך־פיזיק, דער לעק־טעכניק — טרעפט אונטערן העמד;
און געניאַלע קריך־פלינקייט פון אונטער׳גנב׳ערס,
נעמט מיך ניט אָן אין דיכט־קריך־קלאַן; מיין וועלט־ווי — פרעמד!

טרעפט נעכט (נאָך טעג) — די שטילקייט קלינגט מיט פייערלעשער,
שוין לאַנג געבראָיעט מיט אַ וועלכן־ס׳איזיקן־פּאָעט —
פון אונדזער ליטעראַטור — חוץ צום כינעזער־וועשער,
אַ לאַך — אַ פּאָנף, ביים אויסלייזן מיין העמד — מיין גרעט!

און ס׳טרעפט אַמאָל אַזעלכס, פון טויזנט־יאָר־מינוטן;
כ׳מוז „זען״ צי איך בין איך, און איך צעשריי זיך מיט אַמאָל;
צעשרייט זיך טויזנט יאָר — מיט טויזנט לאַפּעטוטן,
וואָס הענגען־אָן דעם וועלט־שאַבלאָן פון באַרג און טאָל.

אין ווידערקול לויפט לאַנג אַ גאַס, איך — מיט; ס׳אַ שאַנד פאַר לייטן:
איך זע: ס׳לויפט־מיט מיין איך־פיגור — ווי פרעמדס, פון „גיפּס״;
איך בלייב שטיין, האָרך־צו צום האַרץ — מען האַלט זיך ביי די זייטן —
איך — לויף, דער פרעמדער — מיט! אין בעט — מיט שיך און שניפּס.

און פון דער שטילקייטס שיינקייט־וועגן צו דער שיינקייט,
זינגט־אויס די נאַכט איר „טויזנט־אין־איין־נאַכט״ — צום „ג י פ ס״ ;
קלינגט־אָן דער אייביקייט־גלין־גלאָן צום וועלט־אַליינקייט,
און וועלט־אַליינקייט — צו די בלומען אויפן שניפּס — — —

סאָנעטן בײַם ים

I

דער ים טאַנצט־אויס זיין זונגאָלד־גערטענער־געיעג,
זינגט — אייביק־שפּרינג, היך־צ׳ריק־פאַרשלינג, דו — מיך, איך — דיך,
אין ענדלאָז־יאָג, מיט מיר, אַלץ־אַלעמען — אין זיך ! —
צו מאָרגענדיקע נעכט, דורך היינטס, פון נעכטיקע טעג.

אַ טאַנץ, אַנטקעגן טאַנץ — פון ים־בּרויז מענטש־געשלעכט,
אַלפאַרבן־טאַנץ, פאַרוועבן־זיך, פאַרשפּינען־ ז י ך,
אָן ענדלאָז כוואַליעס־אייל — אין זיך, געפינען ד י ך,
דורך נעכטיקע טעג, פון היינט, צו מאָרגענדיקע נעכט.

גרויס — שאַפונגס־גרויס ס׳געזאַלצנס־אַפּעטיט פון ים !
נאָר, ווי דער ים איז גרויס, מיט אַפּעטיט־געבענטש —
דאָך, גרעסער — גאָט ! — איז שאַרף דער אַפּעטיט פון מענטש,
פון דיין אַלפאַרבן אויסטערלישן ים־ברעג־שטאַם !

מע שלינגט ! מע שלינגט ! וואָס שלינגט מען ניט ? „קינאָרעניט !״ —
אַלץ ! אַלץ ! מען שלינגט — איינס־ס׳אַנדערע — מיט אַפּעטיט ! — — — —

II

מע שלינגט, מ׳פאַרשלינגט — אַ ים מיט שטראַלן — האָניק־זון,
מ׳שלינגט שטיקער זון מיט זון־געבאַקטע פאַלקעס, פיס ;
מען שלינגט פאַרפלייצונג־זון מיט פלייצעס און מיט בריסט,
און מען פאַרבייסט — מען רייסט — פון שטיקער פאַלקעס הון.

מיט עפל־באַרנצימעס, פלוימען, שאַפּעטאלן!
טשערעסנע־צימעס, וואורשט! מיט אויפּשניט! אַפּריקאָסן,
מיט פלאָדן, און אַ שטיקל האַלדז־פאַרברענטע כלה,
און חלה, מיט אַ שטיק פאַרברוינט־געזאַלצן חתן.

ביז — ים שטילט־איין זיין זון־צעפלאַמטן קאַראַהאָד,
עס רוען ווייבער, מאַנען, ס׳רוען ברויט און חלה;
אין אומרו־פּיס־און אָרעמס רוען חתן־כלה.
דער האָרץ־ים ברויזט און מען באַקושט זיך דעם קאָמפּאָט,
מען חלומט זיס, דורך זונגאָלד־גערטנער־ים־בלענד־קלאָר,
וואו נאָר אין חלום שפּילט זיך אָפּ דער וועלט־שפּיל, וואר — — — —

III

דער ים און הערצער־ימ׳ען — ברויזן! מען באַלעקט זיך
דעם ליפּן־פאַרב — מיט הייסער ליבע און קאָמפּאָט;
דאָך, גאָט — מיין גאָט! דו, שטאַרקער, מעכטיק־גרויסער גאָט,
וואָס דאָרטן, אין דער זון ביסטו פאַרשטעקט! — אַנטפּלעק זיך!

זע, גאָט! אַ דאַמע, אַט־אָ, אונטער פאַראַסאָלכל
פאַרשטעלט זיך פון דיין פרעסער־וועלט און פייער־זון,
ווייל ס׳קאָן, חלילה, שוואַרץ־פאַרברוינט ווערן דערפון
איר שטאָלץ־פיין נעזל, ס׳קליין־און־שיין געטאָקט „פּאַסאָלכל״.

מיט אויגן — וועלטן־ווייט־פאַרטראַכטונג — אַגרעס־גרינע,
דער מעכטיק־שטאָלצער, קלאָרער זיילן־טורעם־האַלדז
געאָדערט בלוי, צום בוזים־ים, וואו ס׳רויטלט ס׳טיולפּעלע.

ווי פון אַן אַנדער, ווייטער, שטערן־וועלט איר מינע,
מיט איידל־קלאָרע פיינע פינגער — שיילט, באַזאַלצט,
און עסט — בנעימות־פיין, שטיל־שטיל — אַ בולבעלע — — — —

א נאָענטער

קינדיש פרילינגדיק־ליב שפּילט אַ ליבע דער דרויסן,
נאָר דו, אינוועניק — האַרץ מיינס — דיר בויערט גאָטס טרויער;
דו, קליין טרער פון אַ גאָט אַזאַ איינזאַמען ,גרויסן,
דו, קליין טראָפּ פון זיין וואונדער־וואונד׳ס דור־דורות־דויער.

טיף פאַרזונקען, פון אייגענעם פלאַנטער געטראָגן,
אין דעם שפּינוועבס פון וועלט־שפּין, מיט וועלט־שותפות־ווייטיק,
לויפט די שפּין מיט איר שנויץ — שפּין־געדאַנקען זיי יאָגן —
מיטן גאָס־ליאַרעם, קינדערלעך, פלאָנטער־שפּין — קויטיק.

שלייכט זיך עמיצער נאָך, פליסטערט גיך: „מיסטער, מיסטער״ . . .
„העלפט אַ מענטש״ . . . — שטעלט זיין וואונד אויס אַ שאָטן אַ הויכער;
טוט אַ שוידער אין מיר, אָט־דער פלוצלינגער פליסטער,
בלייב איך שטיין, צינד אַ שוועבעלע אָן און — פאַררויכער.

און דער מענטש — שוין פאַרפלויגן, שוין צען טריט דערווייטיקט,
ביז איך פלאָנטער זיך אויס פון מיליאָן־טראַכטונג־פלאָנטער;
איך פאַרקלאַמער מיין בליק מיט אים זייטיק־פּיל־דייטיק,
און אַ נאָענטקייט — גאָט — אַזאַ נאָנטן, דערמאָנט ער.

טוט אַ פלי און, שפּרינגט־אָפּ ווי, חלילה, פון זינען,
פליסטערט, פליסטערט צו זיך און נעמט שרייען באַנומען,
רייסט דאָס פלייש פון זיך, טרערן מיט בלוט־געמישט, רינען;
אַלע קוקן אים נאָך; ער — נעמט לויפן און ברומען.

ווי מיין אייגענע שטים, הילכט זיין ברומען פון ווייטן,
פון מיין שטומקייט, פון זיך אַליין לאַנג ניט געהערטער;
און מיך וואונדערט אויף זיך: ווי אַ מענטש קאָן זיך בייטן.
אָבער דאָך — ווי מ י י ן קול! און ווי מיינע — די ווערטער.

עפּעס טוט אַזאַ ברום, אַזש די ערד טוט אַ ציטער,
איך נעם לויפן — מ׳נעמט לויפן פון הויפן, פון פלעצער;
איך בלייב שטיין — לויפט צו איינער, אַ צווייטער, אַ דריטער,
אַלע פרעגן און — מ׳קוקט — — — — שטיי איך שטום, מיט צווי פיס —
שווערע קלעצער — — — —

תפיסות און דולהייזער

I

תפיסות און משוגעים־הייזער, ביי פאַרביילויפענדיקע טייכן
אויף לופטיקע בערגלעך, וואָס מאַנען און מאַניען ביי געפלאָסטערטע וועגן.
ווי פאַרדעכטיקע פלעקן אויף סאַמעט און גאָלד־געהעפטן,
געניצן צווישן בלומען, ווי פלעקן אויף גרינעם, געבלומטן בראָקאַט.

תפיסות און דול־הייזער, געטונקען אין בוימער, אין קוסטעס און גראָז,
ווי געשווירן, פאַרדעכטיקע, פון שרייאיק־באַטראָלדעטע זנות;
פאַר הפקר, פון ערגיץ, אין הפקר געכאַפּט אויף פּראָקאַט.

תפיסות און שפּיטאָלן פון וואַנזין, מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער,
פון חוזק־ציין, צו שלאַכט־פעלדער, צו ווייטע בית־עולמ׳ער,
מיט צלמ׳ער קרומע, פון הפקר פאַרזייטע, וואָס מאַנען פון מאַנבלומען,בלוט.

תפיסות און משוגעים־הייזער, און ווייסע שפּיטאָלן אין דער נאַכט,
קריצן ציין צו געריכט־הייזער, צו באַנקען, צו קלויסטערס, קאַנטאָרן,
צום וואַלד קוימענער פון פאַרשאָלטענע און פאַרשלאָסענע שאַכטעס.

תפיסות און משוגעים־הייזער, חוזקן מיט עפּידעמיעס — צו אַקאַדעמיעס,
צו וואַרשטאַטן פון לידער, צו ק ו נ ס ט און צו גיהנומ׳ס פון שטאָל־פאַבריקן,
צו שפּיגלדיקע טייכן מיט שוואַנען־שווימענדיקע לוקסוסדיקע יאַכטעס.

תפיסות און משוגעים־הייזער, שרייען צו זשומעדיקע עראָפּלאַנען,
שטעקן צינגער — צו פאַרביילויפענדיקע דעלוקס־צעלויכטענע באַנען —
מיט „ווייך־ווייב־געזאַנג״־דערפרייענדיקע אויף רעדער־לויפענדיקע
רעסטאָראַנען.

אין תפיסות און דול־הייזער, אונטער קייטן און צוואַנג־יאַקן,
אונטער קנוט פון דעם תליון, אינם שלייף פון דער תליה־שטריק,
אין טויטן־קעלערס, אונטער שאַרף־בליסטש פון האַק, פון דערוואָרגענע,
פון כאַרכלדיקע העלדזער, אין גילאָטינעס בלישטשעדיקן מעסער,
טריפן וועלטן אין דער וועלט אַריין, צו נידערטרעכטיקייט — נאָך
גערעכטיקייט.

פון עלעקטרישע בראַט־שטולן, אין בלאָ־גרינע רויכלעך פון גרין־יונגע יאָרן,
גייען־אויף מיט רויטע לעמפלעך, גייען־אויף גרין נשמה־פלאַמען,
צו בלאָע סטאַדעס מיט וואָלקנשעפעלעך, אין הימל־וואַלד.
און אַ מאַמע פון אַ זון, און אַ מאַן פון אַ ווייב — מיט קעפ שווער געבויגן,
שלייכן זיך פון משוגעים־הייזער, שפיטאָלן און תפיסות,
מיט אויגן, איבערשוימעדיקע בעכן מיט בלוט־ווייך־געוויין — — —

II

עס ווייגט אין דער שטיל, ס׳טריפט מיט גאָלד אַראָפּ זון־פאַרגאַנג־טרויער,
פון זון־פאַרגאַנג־דעכער — פון וואַנזיניקע הייזער.
פאַרן אָפּשיין פון אַ ווייטן, פאַרשפּעטיקטן, אויטאָ׳ס צוויי „אויגן“,
וואָס ליכטיקט־אַראָפּ פונם באַרגיקן וועג;
שאָטנט אינעם אָפּגלאַנץ פון משוגעים־הויז־פענצטער —
אַ נאַקעטער סילועט פון אַ משוגע׳נער פרוי,
אין עקסטאַז פון אַ הייסן משוגענעם טאַנץ.
ביז — אַ פּראַל טוט די נאַקעטע תפילה צום דיל,
אין באַהעפט מיט באַצוואונגענע יוגנט־פאַרלאַנגען,
אין קאָנוואולסיוון צאַפּל צוזאַמען־געבייגלט;
מיט ציין און מיט פינגער פאַרקלעמטע, פאַרקראַמפּטע,
פאַרפלאָנטערט מיטן מילך־ווייסן לייב אינם ליילעך,
ליגט דער טאַנץ אויפן דיל — ווייסער שניט אין דער נאַכט.

עס טריפט־אַראָפּ טרויער פון נאַכטיקע דעכער
אויף געזימסן פון פענצטער פון משוגענע הייזער;
נאָר דער טרויריקסטער לויער יאָמערט אויף קאַרניזן
פון דער שלאַנקער, מטורפ׳ער, גרין־בלאַסער שיינהייט.

קאַ־קאַ־קאַ!... קרימט זיך אויס איר עליון־געזיכט.
קאַ־קאַ־קאַ! און — אַ שפּײַ אויף די שויבן,
מיט קללות, נאָך אין ערגעץ ניט־געהערטע.
און זי שרייט גראָבע רייד, מיט די ליפּן געקלעפּט אויף די שויבן, אין
דער נאַכט,
טראָגט די בריסט אין די הויפּנס און — וואַרפט דורכן פענצטער:
„נאַט מײַן גוף!... נעמט מײַן גוף!... קאַ־קאַ־קאַ! ט׳האָט איר גוף!...״
און זי שרייט גראָבע רייד, צו דעם צעדער, ביים פענצטער,
שעלט, און באַפעלט, און שרייט הייזעריק־פאַררויכערט צום בוים;
און שוין דאָס דרייצנטע יאָר, ווי דער בוים — ווי אַ מענטש — האָרכט
און שווייגט,
ווי זי גיט אים נאָר איין מינוט צייט — און נאָר איין מינוט צייט:
אָפּצוגעבן אירע טויזנטער פודן מיט אַפּלאָדיסמענטן!
ווײַל דער ריכטער האָט גע׳פסק׳נט, ער זאָל איר אָפּגעבן
אַלע קאַסטנס הימל־שרייענדיקע אַפּלאָדיסמענטן.
מענער קריגט מען! העי, מענער, אַהער
זי וועט פ אַ ר ע פ נ ט ל ע כ ן אין „בינטל־אַרכיוו״ — פאַרשייט־נאַאיוו!
קאַ־קאַ־קאַ! זי האָט זיי אין וואַרשעווער שפּיגל — — —

*

און ביים נאַכטיקן אָפּגלאַנץ, פון מערב־זייט טייך,
אין דע־לוקס־אַפּאַרטאַמענטן, „מאָדערנאַזש״,
אויף דער סאָפע — שוין דאָס דרייצנטע יאָר אַ פאַרשטויבטע —
וואַרפט זיך אום, ווי אַ שלאַנג, אַ צעשויבערטער מענטש,
מיטן הונדערטסטן ציגאַרעט אינם בלאָען ים רויך,
און פאַרצערט זיך אַליין אין זיין אייגענעם פלאַם
נאָך דער שלאַנקער, משוגענער שיינהייט.

און צום טויזנטסטן מאָל, ווי ער לייענט,
מיט אויגן פאַרגלאָזטע, ס'פאַרגעלט־ראָזע בריוול פון לאַנג אַן
פון איר ;
און טיף־טרויעריק, שטאַר, קוקט ער צו צו דער וואַנט,
וואו עס הענגט שוין דאָס דרייצנטע יאָר אירס אַ העמד
מיט בלאָען קרוזשעוואַ אויפן טיפן דעקאָלטע,
און אַ צער נעמט אים אָן אויפן פשוט'ן קליידל, וואָס הענגט דאָרט אין ווינקל
אויף אַ קרוק אַ פאַרראָסטן, נאַכלעסיק־ליידיק, אויף איין אַקסל,
און עס שמעקט נאָך מיט פריש־קילער ווייסקייט פון לייב,
פון די קיל־פרישע יולי־נעכט, אויף די בערג אוןביים ים.
מיט אַ דרייצן יאָר יוגנט צוריק.
און אין שלוכטצען, היסטערישן יאָמער, זיין קאָפּ אויף איר שויס,
ווייקט ער אויס אין קוואַל טרערן דאָס קליידל,
גייט ער אויס, און פאַרזינקט, אין דער שלאַנקער, משוגענער שיינהייט.

*

עס טריפט־אַראָפּ גאָלד, מיטן זון־פאַרגאַנג־טרויער,
פון שקיעה'דיקע דעכער, פון וואַנזיניקע הייזער,
און עס טאַנצן סילועטן, פון משוגענע פרויען,
און דער טרויער, מיט הייזעריקן פידל־כריפּ
שפּייט אויף די שויבן אין דער נאַכט אַריין
און שרייט גראָבע רייד צו די שווייגענדיקע בוימער,
וואָס שטייען און האָרכן ביים פענצטער — — —

דער בייגל־טאַנץ

ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך וואָס הייסט : „מאַכן אַ לעבן".
און נעוו־יאָרק האָט אַ סטאַנציע וואָס הייסט : „יוניאָן סקווער".
קומען עלנטע ווייבער אַהער זיך צעשלעפּן
מיט קוישן מיט בייגל — אוי, פינצטער און שווער !

שפעטע נאַכט — זיפצט־אָפּ איינע — שוין „דרייצן אַזייגער!"
עך, ביי לייטן, מען רוט שוין אין וואַרימען בעט;
מיר — באַשערט אַ קאַרטעוונינק, אַ שיכור'ער פּגר!
צען פינצטערע יאָר אים — צען יאָר שוין גע'גט!

זיפצט די צווייטע: און מיינער — פון דער „דער" איז געשטאָרבן —
כ'האָב פאַרלאָרן אַ דימענט — אַ טייערן גליק!
שילט די דריטע: און מיינער — אַן אויסוואוואורף! פאַרדאָרבן!
אַנטלאָפן! — זאָל ברעכן דעם האַלדז און געניק!

מאַכט די ערשטע: ברררר... קאַלט, לאָמיר טאַנצן אַ „בייגל";
טוט אַ געניץ די צווייטע: פאַרטאַנצן די קעלט.
טוען־אָן אַלע דריי: „גאָלד־בראַסלעטן", גאָלד־בייגל;
שוועבט דער טאַנץ דורך דער נאַכט, אין „פּרינצעסענס געמעלד".

זינגט דער טאַנץ, ברעכט די נאַכט־שטילקייט, יוניאָן־סקוועער־„סטיישן":
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ! שטעלט פיסלעך! העכער! שטעלט פיס!
בייגל — לעכערדיק־לעבן, אומזיסט שלעפּן קוישן —
העכער, העכער — הויבט פיס! — לעבן ביטערס, מאַכט זיס!

דריי זיך, מזרח מיט מערב, און דרום מיט צפון!
און אין האַרץ דרייט־זיך אומעט, דער אומעט — נאָגט שטיל;
בייגל־קיילעכדיק־לעבן — וויל גלויבן, וויל האָפן!
טאַנצט! — דאָס לעבן וויל טאַנץ; שפּילט! — דאָס לעבן וויל שפּיל.

וויכער, טאַנץ! דריי זיך, נאַכט! ס'דרייט דער קאָפּ! דרייט זיך, בייגלעך;
ווינקען שאָטנס צום פלעסק פון באַבייגלטע הענט.
און עס וויכערן קליידלעך, פאַרשייט ווינקען אויגלעך,
מיט די שאָטנס, אויף דרייצן־אַזייגערנע ווענט — — —

„אָלד פּעל" איז געשטאָרבן

„אָלד פּעל" איז געשטאָרבן, געשטאָרבן „אָלד פּעל" —
זיפּצט און טרויערט דער נעגער, דזשאָרדזש דזשאָן וואַשינגטאָן;
געל, זיין שוואַרצברוינער פּנים — פאַרוואָלקנט, שוואַרץ־געל!
אָן „אָלד־פּעל", אויף דער וועלט, דאָ, וואָס קאָן ער איצט טאָן?

זיפּצען שכנים און פריינט, קעפּ געבויגן טיף־שווער:
"ווי אַלט פּעל איז געווען?" צי „געווען ניט געזונט?"
און פון נעגער דזשאָרדזש וואַשינגטאָנ'ס אויג פאַלט אַ טרער;
יאָ, פון עלטער געשטאָרבן, דער אָרימער הונט.

„אָלד פּעל" איז געשטאָרבן, זיין איינציקער פריינט,
פאַר „אָלד פּעל" — זיינע עלנדסטע סודות פאַרטרויט;
פאַר "אָלד פּעל" — פאַרקלאָגט, שיכור'ערהייט, זיינע פיינט,
פאַר „אָלד פּעל" — זיינע שלעסער־פאַנטאַזיעס געבויט.

און „אָלד פּעל" — מיט געדולדיקן אויער געהאָרכט,
פלעגט געטריי צו אַלץ איינשטימיק שאָקלען דעם עק;
און מיט ערפורכט געהאָרכט צו זיין מינדעסטן שאָרך,
פון אַ וועלט, ווייסע שונאים — זיין האַרץ־וואונד באַלעקט.

— — — — — — — —

און אָט ציט זיך די „לוויה", דער בלומען־קאַרעט,
און די זון גייט פאַרויס, און די זון צעשטראַלט העל;
קלאָגט מיט זון פון אָרקעסטער, מיט מעש דער קלאַרנעט:
„אָלד פּעל איז געשטאָרבן... געשטאָרבן... אָלד פּעל..."

וויינט און יאָמערט דער הייזעריקער סאַקסאָפאָן:
"אָלד פּעל" איז געשטאָרבן... געשטאָרבן... „אָלד פּעל"...
טרובעט־אויס, מיט גרויס קלאָג צו דער וועלט, דער טראָמבאָן:
"אָלד פּעל" איז געשטאָרבן... געשטאָרבן... „אָלד פּעל"...

די עלעגיע פון הונט

איז אַרויף, צום שפּיץ באַרג, מיין פריינט „פּ ר י נ ץ״, זיך געזעצט
קלאָגן שבעה,
הויך פאַריסן דעם קאָפּ, שפּאַלט די הימלען זיין יאָמער־געוואָי;
קייקלען, קייקלען זיך זיס, פון די אויגן, די טרערן, באַאיווע,
צום באַשאַף, צו די ווייטן־נסתרות, טראַגי־אַדאָינאָי.

ציט זיך הויך די עלעגיע, פון וועלטשאַף־מיסטעריע־באַשטעלטע,
וואָאוי־וואָוי־וואָוי! — בייסט אין הימל זיך איין אָט־דער יאָמער
פון עלנטן הונט;
שטראָמט דער עלנד־קוואַל, הייס, פון די אויגן, טיף־טראַגיש־געשמעלטע,
נאָר פאַרשטאָפּט קוקט דער הימל, מיט קאַלטן לבנה׳שן שפּונט.

ביז דאָס ליד פּראַלט די הימלען זיך דורך, פאַרן הימלשן טאַטן,
וואָוי־וואָוי־וואָוי! — לעצטע טרער פאַלט פון טראַגיק־פאַרשמעלערטן אויג.
קאַלט און הונגעריק? — וואָוי־וואָוי! נאָך טראַגישער! — וואָוי־וואָוי
— פאַרראַטן!
אַדוינ־אָוי! — ס׳איז דיין וועלט, נאָר פאַראַט! — ס׳האָט פאַראַטן
די צויג.

נעמט פון וואָלקנס־שוואַרץ, ווייסע לבנה, דער שוואַרצער עלעגיע,
שלייכט זיך דורך, דורך מיסטעריע, אַנטרינט אין דעם ווייטן אין־סוף;
נעמט דער וועלט־שפּיל, פון אייביקייט־שפּיל־ניט־דערשפּילטער טראַגעדיע,
און פאַרוויגט די עלעגיע, אין זיס־טיפן־אייביקייט־שלאָף.

שוועבט אין שלאָף פון אין־סוף, די עלעגיע, די וועלט־פּיין־באַזעלטע,
טוט אַ ציטער אין שלאָף פון דעם עלנד־פאַרזונקענעם הונט;
רינט דער טרערן־קוואַל, טריפט פון גאָטס אויגן, די טראַגיש־געשמעלטע,
אין מיין האַרץ — אָט־דעם טראַגיש־צעכוואַליעטן ים — אָן אַ גרונט — —

דער קאַליקעס־אינדזל

יעדע וואָך, אַזאַ נאַכט, קלינגט דער טורעם־גלאָק „צוועלף״.
זינגט זיין זייגערנער פּנים, פון „דרייאייניקייט־אינדזל״,
נעמט עס מיאַוקען מיט „קעץ״, נעמט עס וואָויען מיט „וועלף״,
שמירט דער טייוול — מיט פאַרבן! — צעפּירט עס זיין פּינדזל!

טיר־ און טויער־מויל — גיהנום! צעעפנט, צעפראַלט.
שפּילט דער טייוול טעאַטער! טאַנץ — ווילדער געשילדער;
טאַנצט און קוליעט זיך הויקער־און־קוליע־אַנשטאַלט —
דער וועזואוויס שפּייט לאַוואַ — פעך־שוועבל־געפּילדער.

מיטן סוויסטש־קוויטש פון גיהנום־קאָנצערט, ווינד־און־וויי,
טוט אַ קוואַלאויגיק־מויד, מיט צוויי הויקערס — אַ הוליע;
דורשט אַ יונג, דורשט צום „קוואַל״, קרעיט ער — הענער־געקרעי,
פּידלט־אויס זיין הייס האַרץ, אויף איר הויקער — זיין קוליע.

ברומט אַ פאַרמעט־געל־אַלטער, מיטן האַלדז אין־דער־קרים,
אויף זיין אייגענעם הויקער־פּויק צאָרן־צעפּייקלט;
שרייט צו איר, צו זיין טויבער: „כ'מוז אַנטוויקלען מיין שטים!!״
און זי — קוקט — — פאַר געלעכטער — זי ווערט אַזש צעקייקלט.

אָנגעלענט אָן אַ בוים, זיס — באַהעפט, לעבן — זיס,
הענגט אַ פּאָר, הייס אויף קוליעס, די פיס קרום־געפלאָכטן;
קעפּ — פאַרזונקען אין איינער דעם אַנדערנס בריסט —
פאַר לבנה און שטערן, צוויי פויגל — געשאָכטן.

(טיר און טויער פאַרריגלט, צום ליכט־שטראַל פון טאָג,
וואָלט די זון זיך פאַר פּחד אין וואָלקן באַהאַלטן.
וואָלט די גאַס זיך צעיאָמערט, צו גאָט, מיט אַ קלאָג,
וואָלט מיט שטיינער־געוויין, דער השגחה געשאָלטן.)

יעדע וואָך, האָט אַ נאַכט. קלינגט דער טורעם־גלאָק — „צוועלף״.
קלינגט דער קלויסטער פון דריי־איינהייט־הייליקייט־ אינדזל;
נעמט עס מיאַוקען מיט „קעץ״, נעמט עס וואָויען מיט „וועלף״
שמירט דער טייוול מיט פאַרבן — צעפּירט ער זיין פּינדזל — — —

דער קאַזעמאַט

(באַלאַדע)

לאַנג און ברייט, ברייט און לאַנג, שווייגט דאָס שניי־בלענדיק פעלד,
ציט־זיך, שפּרייט־זיך, דער ליידיקער שנייאיקער פלאַך;
ווי אַ ים, ווי אַ מדבר — פון יענער זייט וועלט —
און פאַרוויט יעדער שפור, און פאַרשנייט יעדער שליאַך.

און פון מיטן דער וועלט שטאַרצט־אַרויס דער קאַזעמאַט,
אַ קליין פינטל, אין פעלד, נאָר פאַר אונדז — ענדלאָז־גרויס!
פוילט דאָ יעדער, אַליין, אין זיין שטיינערנעם זאַק,
האָרכט זיך־צו צו אַ גריל און, צום סקראַפּסק פון אַ מויז.

און צום מדבר־גרילץ — יאָרן־סעקונדן, דורך טעג —
צו די אייביקייט־פעך־שוואַרצע מאַרטירער נעכט;
צו דער שטילקייטס געשריי, מיט איר הייזעריק־זעג,
וואָס צעזעגט יאָרן, טעג, בערג, מחשבות־געפלעכט.

האָרכט צום ווינט, וואָס אויף אייז־פייפעיאַלן פייפט אויס
און מאָלט־אויס אויפן שויב אַזאַ פראָסט־קאַלטן וואַלד;
און איך לאָז זיך טיף שוועבן וואַלד־איין און וואַלד־אויס,
צו באַפרייען די וועלט פון איר גרויל און איר גוואַלד.

און אַזוי ווי איך בלאָנדזשע אין וואַלד־ווילד פאַרטיפט,
הער איך: „טיק־טיק!“... „טיק“... „טיק“.. דורך דער וואַנט, רופט אַ האַנט;
טראַפּ־טראַפּ־טראַפּ! טריפט מיט האָניק אין האַרץ, זיסער שריפט.
קלינגט מיין האַרץ אָן, דער חבר, פון יענער זייט וואַנט.

פון אויף־יענער־זייט־וועלט שטראַלט זיין ליכטיקער גרוס,
טריפט דורך וועגט־דורך דער באַלזאַם־טריף — ליכטיקע בייס!
האַרץ, מיין האַרץ, נישט צעשפּרינג! — קוואַלן פרייד־איבערפלוס —
שמעלצט די פרילינג־זון — האַרץ מיינס — דעם ווינטער־נאַכט־אייז.

שפּילט דער ווינט אויף דער גראַטע־האַרף: פרייהייט געבראַכט!
פלוצלינג: קנאַל! — אַ געשריי... שטיל... — געטראָפן אין ציל...
מיטן בלוט פון מיין חבר צעשרייט זיך די נאַכט;
קייטן־קלאַנג און געזאַנג... און געשריי און געבריל...

און ס'צעפּראַלן זיך שלעסער, ס'צעפּאַלן זיך ווענט,
עס צעשאַלן זיך לידער מיט פרילינג־זון פרייד ;
און עס פאַלן די קייטן פון פיס און פון הענט,
טירן — אָפן, מען גייט, און מען גייט, און מען גייט.

ציט־זיך, ציט־זיך דער מדבר פון שנייאיקן פלאַך
לאַנג און ברייט, לאַנג און ברייט — דער מאַרשרוט שניידט דעם פעלד ;
דער קאַזעמאַט שווימט אין פלאַמען, באַלייכט אונדז דעם שליאַך,
און מיר גייען — מיר גייען — צו פרייהייט, צו וועלט — — —

מעדעטאַציעס

„ווילדער פויגל" — איך טויך זיך אין פראַכט פון דיין ליד,
אויסגעוויטיקט אין פיין־פיין־געצייכנטער דיכטונג :
... מיר דערקוילן וואָס ליב, כראָמסקען אויף גליד נאָך גליד,
העכסטן נאָבל־דערהויבונג — דערנידערונג־פאַרניכטונג.

פון אַ קונסט־בילד אַ פאָדערבלאַט — שוואַרץ־וואַלד־געמעלד —
אָט, פון שוואַרץ־וואַלד אַרויס — שפרינגט אַ ציטער־ווייס העזל.
און אויב טויטן וואָס שיינס, האָט דיין האַרץ־קוואַל צעקוועלט ?
קאָנסטו איגנאָרירן, „ווי מען שיסט העזעלעך", לעזן.

מען בויט־איבער אַ קלויסטער, דאָ, נאָענט דערביי.
מען מאָלט־איבער די לוחות, געקריצט פון באַרג סיני.
מען מאָלט ניי דעם „לא תרצח", מ'טויט יידן פון ס'ניי.
מען מאָלט „שכינה"־אויג — גאָלדיק — אַזש ס'ציטערט די שכינה !

זינט געקריצט האָט דעם נביא'ס צען־געבאָט־ליד אויף שטיין,
ג י י ט די האַק איבער וועלדער און, האַלט אַלץ אין האַקן —
אויף פאַפּיר, צום פ א ר פ א ס, פולע טאָוולען געוויין,
צום „לא תרצח", מיט בלוט פון מיין פאָלקס האַרטן נאַקן.

אַז גערמאַניע, בריטאַניע, צעבלוטיקן זיך —
מיט דער וועלט — אויף אונדז, טרערן־בלוט, וועלטס־ווייכסטע קישן,
און ווי ס׳טרעפט אויך, פאַר ליבע, הייס־גלוטיקן זיך,
איז עס אונדז גאָט־פאַרבאָטן מיט געץ זיך צו מישן.

—— ◆ ——

מיר, דעם קינ׳ס געשטעמפלטער נע־ונד־ייד,
מיר, דעם וועלט־פאַרבערס בלוטיקסטע פאַרב, אויף זיין פינדזל,
שוועבן מיר, צווישן ז י י, מיר — „דער ייד־אינדיוויד״ —
אויף דעם צווישן־ערד־הימל־שטראַל־לופט־געטאָ־אינדזל.

—— ◆ ——

איר, די „פאָלקס־פירער״ — רויבער פון ליד־גלויבן־גאָט,
איר, מיט ווערטער־ברוך, מ ד ב ר אָן טוי ליד־פאַרוועלקער,
האָט פון האַרץ אויסגעוואָרצלט ליד־גאָט — און אנשטאָט,
אויסגעליידיקט, צעמישט אונדז, צום שפּאָט פון די פעלקער.

—— ◆ ——

אַז פאָלק־„וואָלף״ פאַרטיפט שאַרף זיינע ציין אין פאָלק־„בער״,
פעלקער־חיות, באַנעגלט, באַציינט, פאַר רויב, מורא —
מוזן מיר זיך פאַרטיפן מיט אונדזער געווער —
שאַרף צעשטראַלן ליד־וויסן — גאָט־לייכטורעם־תורה.

—— ◆ ——

יעדעס פאָלק, אויף זיין מיסט, שיינט מיט בלוט־שווערד צום פיינט;
וועלט־אימפּעריעס: — אויף שפּיאָנאַזש־מיסיאָנערן און זונות.
אָבער מיר — ווי דער דיכטער, אָן קריטיקער־פריינט —
מוזן שלעפן גאָטס באַרג־שלעפּ, דורך סנה פון גאונות.

—— ◆ ——

אַז גערמאַניע־שווערד וויל ניט אונדז — אַקער אויף דר׳ערד,
שענקט בריטאַניע דעם הימל אונדז — מיט רעזערוואַציעס,
מוזן מיר ד י ן פאַרשאַרפן דעם לידער־געהער,
מיר, דער שקלאַף פון וועלטס־פרייהייט, אין וועלטס־קאָנצענטראַציעס.

—— ◆ ——

נאָך דעם שדים־ים — וואַגנער־מיליאָן־ברויז — דורך בערג,
פּאָפּט וואַטאַנ׳ס שטאָל־באַשטיוולט־באַקיווערטער יון,
קומען די הימלען דערציילן דעם רום פון גאָטס ווערק,
דורך דעם תהום־טיפן אינער־געהער פון בעטהאָווען.

———◆———

ווען גאָטס וועלט־שאַרפשטיין־ראָד — צום וועלטס־טעמפּקייטס־פאַרשאַרף,
דורשט נאָך טרערן־געוויקטער סימפאָניע פּאַטעטיק,
וואָרקען טויבן דורך שובערט־האַרץ, גאָלד־סטרונעס־האַרף,
טריפט פון מדבר די פּאַלמע, דורך האָניק געזעטיקט.

———◆———

און פון הענדל־קוואַל בליצט שאַרפשטיין־פונקען־וויבריר,
מיט יונג־מיידל־קוש אין שמחת־תורה־בית־מדרש.
ווי מיט שלאָנסקיס קערב פרוכט, איצט ביים זינגען דורך מיר,
בליצט דורך הענדלס באַריר, מיין קלאָוויר־חוט־השדרה.

———◆———

אָן דעם האַרץ־שטראַלס וויבריר־סטרונע, טרער פון פּאָעט,
סקריפּען שדים אין יאָמערטאָלס צריק־וועגן־רעדער,
אָן דעם צאָרן־טרער לייבן־געבריל פון פּראָפעט,
טראָגט דער שטויב דעם לבנון, פאַרטריקנט דעם צעדער.

———◆———

נאַכט, מיט מיר (מיין ליד׳ס איינציקן לעזער) קלאָגט־מיט,
טרער־געצירטער טשייקאָווסקי, דורכן ענגלישן האָרן;
און דורך פידלען, טרער־סטרונעס, געפּלאַצט אין מיין ליד,
כליפּעט מאָצאַרט אויף אַלעמענס טאָג פון געבאָרן.

———◆———

מייסטער־זינגער, דאָ, אַלע — אין טרערן געוויקט,
און וואָס טיפער דיין האַרץ־קוואַל — אַלץ פרישער זיין שלאָגן.
פאַר דער חצופה, דער וועלט, לענג־און־ברייט פרעך צעלייגט,
אין איר שיינקייט און פּראַכט, וואָס פאַר אונדז טויג אויף קלאָגן — — — —

1935

מיסטעריע נסתּרות

גרויסער גאָט, ס׳האָט דיין אומעטיק־שטילקייט, פאַר זיך אַליין,
ווי פאַר דיין גרויס אַלמעכטיקייטס מייזל זיך דערשראָקן;
און זי שלייכט זיך אין זיך מיט איר שלוכצען אין־זיך־געוויין,
אין די געל־גראָע אייביקייט־וואָלענע זאָקן.

כמאַרנע, אומעטיק, דרינדזשעט אַ הענג־רעגן — שלעפעריקס,
נאַסע קראָען, שוואַרץ, בלישטשען אַרויס דורך די צווייגן;
טראַכט באַשאָף, מיט חרטה, אויף וועלטבאַשאַף שפּע׳דיקס —
האָרכן וועלדער, איראָניש — און גלייכגילטיק שווייגן.

הענגט די שטילקייט אויף פעלדער מיט וועלטגעשריי זשומעדיקס,
שפּרייט מיט געל־געוויין־פלאַכטעס, אויף וועלט־געוויין־וועלדער;
שטריקט און שטרעקט ווייט איר פלאַכטע־זאַק, געל־גראָע אומעטיקס,
אויף די קראָען, אויף פאַרקאַנס — אויסטערליש־געמעלדער.

נאַסע ווינטלעך צעהענגען אויף צווייגן אַ סודותדיקס,
טוט אַ זיפּץ־שנייד אין חלל — אַ פּיפּץ־פּייף אַ פויגל;
נאַסע ראָבן אויף שטענגלעך, צעשרייען אַ הוידעדיקס —
אין די אייביקייט־פלאַכטעס פ אַ ר ה ע ק ל ע ן אַ ן א ו י ג ל.

קומט די נאַכט, אויף די וואַלד־בערג, ביים צוויי־טייכן־ברידער־טאַל,
און פאַרהילט לעצטן פויגלשן פּייף, מיט איר פליגל — — —
הענגט דער וועלדער־געבערג, מיט דעם קראָען־קראַ־ווידערקול,
קאָפּ־אַראָפּ, מיט די קראָען, אין אָזערע־שפּיגל;

אויך איך, טרעפט, האָב מיין גאַב

און כאַטש איך דיין דאָ, קעגן פאַלשן דין — צו דין,
און ס׳הומט מיין אומעט־האַרץ — מיין מום — אויף ליד־האַרמאָניק,
ווי ס׳הומט שטיל אום פון בלום צו בלום די אומעט־בין,
שפעט־דעמערונג, מיט זון־פאַרקלונג, אין גאָלד־טראָפּ האָניק.

און כאַטש איך שפּין דעם נביא־זין פון „צו־לצו״,
פון ווייַנגאָרטן פאַרשטייַנט מען מיך — ניט אויסגעשטייניקט.
און כאַטש איך דין צום נביא־דין, זייַן „קו־לקו״,
ווען ווייַן־מאַסקירט גיפט־איווע־פלאַנץ — ניט אויסגערייניקט.

און כאַטש איך בין זון־שפּעטע בין, אויף בינע וועלט,
מיין האָניק־ליד רינט אויס, צום יידיש־קונסטשונד רינשטאָק,
דאָך, ווי די בין — אָפט ניט אַזוי פאַר הונגער, קעלט,
ווי גאָר פאַר גרויסן בענקשאַפט־טרויער נאָכן בינשטאָק.

אַזוי גיי איך דאָ אויס נאָך דיר, מיין יידיש־גאַס —
איך בין דיין בין, מיט האָניק־ליד, פון דיר געזונדערט,
קאָן זיין גראָד דיך, צום גיפט־אויסגוס, האָט ליב מיין האַס,
איז דאָך פון דיר מיין האַרץ אַזוי מיט גיפט פאַרוואונדעט.

און כאַטש — צוליב דעם האָניק — ברענט מיין טרער דורך גיפט,
אין עלנד־טעג, יסורים־נעכט, וואָס איך באַוואַש זיך,
דאָך, טרעפט אַ מאָרגן: שנייעלעך — זיס־האָניק טריפט,
מיין קאָפּ, פון פענצטער, הענגט אַראָפּ — שניי־טראָפּ־טראָפּ, נאַש איך.

האָט וועלט־מכשף פאַר מיין פרייד דעם וועלט־באַשייד ?
צי שוועבט מיין פרייד מיט „גאָלד־פרינצעסינס גינגאָלד־טרוימען ?״
איז דאָ אַ קעניג אויף דער וועלט, וואָס ס׳קוואַלט זיין פרייד,
ווי ס׳קוואַלט מיין האַרץ־קוואַל, איצט, פרימאָרגן, אויפן קוימען ?

אַ, גאָט, באַשאַף! אָט, אויפן קוימען שפּילן „זייִ״ —
ס׳פּראָסט־פֿאָלק־געטשוויטשער, ווינטער־כאָר פון וראָבלען;
אוי, מ׳קאָן פאַר פרייד אַזש שטאַרבן! — פאַרשקען זיך אין שניי,
און האַלדזן זיך און קושן זיך די האָניק־שנאָבלען.

אַהער, איר אַלע! אַלע וועלטן ווייניק אייך!
און ד ו — באַרימט־קרוין, ביכער־גראָבע — וועלט באַגראָבן!
און קעניג, דו — פאַרזעץ דיין לעצטע קעניגרייך,
און קום צו מיר, מיט פרייד פון פויגל־מילך, זיך לאָבן — — —

ווער באַנעמט דעם פאַרנעם פונעם נבֿיא?

ווער באַנעמט דעם פאַרנעם פון דעם נביא, דעם נאַר,
וואָס זיין בלוט פליסט צום וועלט־בראָך, וואָס היילט און פאַרגאַנצט?
צו זיין שטאַנד דערגרייכט דער, מיטן וועלט־האַרץ, פול צער,
אויף זיין בלוט איז דעם וועלט־בראָכ׳ס פאַרגאַנצונג פאַרפלאַנצט.

שלעפּט איר, בעטלער, אויף ליכטיקער וועלט זיך אום, בלינד —
טוט זיין האַרץ, פאַר לבנה־זון־שטערן־ליכט, וויי!
רעגנט בלוט פונם וועלט־דאַך אויף וועלט־הויזגעזינט —
שרייט זיין האַרץ דעם אַלוועלט־ברידער־גלידער־געשריי;

רעדט דיין צונג פאַלשקייט, שטות — ברענט זיין פנים פאַרשעמט,
און זיין קאָפּ שווערט מיט בושה פאַר טויזנטער קעפּ.
שווערט דיין צונג פאַלשע עדות — שווערט דיין קייט זיינע הענט!
פון דער האַק, פאַלט דער וועלט־קאָפּ — מיט בלוטיקער „שלעפּ״,

אַז אַ שרפה פרעסט־אויף, ווייט, אין אינדיע, אַ הויז,
ברענט דער נביא, מיט די לייט פון ניו־יאָרק און סאַמאַרקאַנד!
אַז מלחמה, מגפה, אין כינע, ברעכט אויס —
ברענט מיט וועלט־אַל — דער נביא — איין גוף און איין בראַנד! — — — —

ליד — גאָט און שכינה — מעלאָדי

אַ, ליד — גאָט־גלויבן־ליבן־לעבן־האָפן־זיין —
אַ, ליד, גאָט׳ס וואָרט, פון זיין געפליגלטקייט־צעשטראַל
און מעלאָדי — אור־בראשית׳שאַפט — זיין שכינה־שיין
פון איר וועלט־טיפעניש געשפּיגלטקייט־געקוואַל.

פון אַלעמען אַן אָפּגעקערטע פלוכסט פאַרפלוכט,
עגונה — ליד — פון דיינע נאָנטסטע — פרעמד, פאַרלאָזט!
ירושלים־חורבן־פרוי — דו עסט דיין אייגן פרוכט;
דו, ליד — אַלמנה־טרער, אויף וועלט־האַרף־סטרונע — ראָסט.

פאַרשפּאָט, פאַרווינקלט, זיצסט און שלוכצעסט — ליד — אַליין,
פאַרשטויסונג, טרויער שפּרייט מען וואו דו שטייסט און גייסט;
עס ציטערן וועלט׳ס ביישטידלען פון דיין געוויין,
נאָר אין דיין וועלט־געשלוכץ, פאַר דיר — ניטאָ קיין טרייסט.

דיין שכינה־אויסשטראַל — נאָפּל־שנור פון סיני־טראַכט,
האַרט, האַרצלאָז, סיני־לאָז און זינלאָז — אָפּגעפּליקט.
דיך, אייביקייט, פון רגע־גראַמלער טעמפּ־פאַרלאַכט,
דיין שיר־המעלות־טויבן־וואָרק — דערדריקט, דערשטיקט.

און דיינע מיט־שוועסטער — ליד׳ס זיילן פון דער וועלט —
אינטערפּרעטאַציע: טאַנץ, סקולפּטור, אַרכיטעקטור,
געמעלד, טעאַטער, — מיט רעספּעקט צו מעלדן, וועלט געמעלד —
דורך דער „קריטיק״ פאַרקויפט! פאַרקויפט, ווי זי — די הור.

מיט גרויס רעספּעקט צו מעלדן — פאַר זיין וועלט־געצעלט,
וואָס דורך דער קריך־קונסט, דאָ, אויף אונדזער וועלט פאַרלויפט:
פון גאָט און וועלט — געמאַכט אַ קראָם, פאַר כבוד, געלט,
מיט פעלדער, הויפן — הויפּנס אָנגעהויפט — פאַרקויפט!

און זי׳, „קונסטיק׳ס״ זונה, שמירט זיך מיט דיין לידער־ציר,
אין דיינע פאַלשע כהנים־נביאים׳ס זכות,
אַריינגעשלייכט זיך דורך דיין מקדש־הינטער־טיר,
און אין דיין ווייַנגאָרטן צעלייגט זיך מיט איר זנות.

זי קאַכט פאַר זיי איר „קינד" — איר „ליד"־און־זנות־געקעכץ,
אין פלאַם פון נביא׳ס צאָרן — צו אָריגינעל,
און ס׳קאַכט איר האַנדל מיט געשלעכט, פאַר אַלוועלט־שלעכטס,
אין בלוט פון כהן־נביא, אויף דיין מקדש־שוועל.

אָ, ליד — גאָט־גלויבן־ליבן, לעבן־האָפן־זיין —
אָ, ליד, גאָט׳ס קוואַל, פון זיין געפליגלטקייט־צעשטראַל,
און מעלאָדי — זיין רוף צו איר, זיין שכינה־שיין,
צו איר, וועלט׳ס טיפעניש, געשפיגלטקייט־צעקוואַל. — — —

1933

אָ, היינע

אויך איך — מיין יידיש־ווייניקייט — פון שטרוי־דאַך שטיבער.
איך זע די וועגנוס — חלש איך, ווי דו, אָ, היינע;
איך שוועב אין טראַנס. מיין האַרץ־ים שטורעמט, ברויזט אַריבער —
פאַר אירע קני — צו קניען, פאַר די היפטן — וויינען.

מיין חוט־השדרה ציטערט־אויף, מיט פליגל־פאָכן
פון אַלדי געטער צו דער ליבסטער ליבע־געטין.
מיין פאַטום שפילט אין אירע אָרעמס — וועלט־צעבראָכן;
מיט חלל־ציטער — צערטלען מיך, מיט וועלט־בראָך — גלעטן.

און ס׳טרעפט גאָר אָפט, מיין הירשן־בליק, מיט איר הייס־גלוסטן,
האָט — צופעליק — זיך הירשן־הייס אין האַרץ באַגעגנט.
און ס׳בלאַנקט מיין טרער, צום האַלדז אַראָפּ, צו אירע ברוסטן,
צום בויך, צום וועלט־שמערץ־שויס — פון אַל־וועלט בלוט־גאַנגס־וועגן.

עס קוואַלט אין האַרץ־פלאַם, אַלץ געלייטערטער, אַלץ רייַנער,
מיין גאָט־ און טייוול־טרער, פון וועלט־שמערץ־דיכטער „זינדער";
די צוקונפט־דורות־טרער, וואָס לויכט דורך דיר, אָ, היינע,
פאַר אונדזערע מיט וועגנוס ניט־געהאַטע קינדער — — —

1934

וועלטבאַשאַף־באַטייליק

מיין זעל, וואָס בלאָנדזשעט, שוועבט, פון סיני־באַרג
געטונקט אין גאָטס רחמנות, פייערטרער־געהייליקט;
מיין זעל שוועבט איצט מיט שכינה־אויסשטראַל לידערוואַרג,
פון בראשית־שותפות, אין זיין וועלט־באַשאַף באַטייליקט.

מיין זעל, וואָס בלאָנזשעט, פלאָטערט, נאָך פון נביא־שטאָם,
אין גוף־ענג־„הויז״, ביט־אָנגעזעענער אייגנטימער;
מיט עפעמערע־קורץ־פאַרזאָם, ביים לאָמפּן־פלאָם,
דער וועלט־געוויין־באַוואוינער פון געביין־קליין־צימער.

מיין זעל, צעקריגטער שכן פון די „וועה׳ס־און״ „אוי׳ס״,
אין ענגער שטוב פון נערוון־אָדער־קאָרידאָרן;
מיט וועלט־רחמנות, ביי דער שכינה אויפן שויס,
וואָס קעגן אומרעכט ברענט מיט גאָטס צעברויזטן צאָרן.

מיין זעל, קינד־תמימות־נייגעריק צו יעדן מין,
און אַלע חיות — אירע שפּילכלעך — גאָטס מתנות;
מיין זעל באַטראַכט, נעמט אַכט, אויף שלאַנגען־קנוילן־זין,
וואו אין געפאַר פון שיינקייט קנוילט זיך גאָטס רחמנות.

די שלאַנגען היטן זייער מין, מיט גרינעם קוק,
געקנוילט צום שפּרונג — געפלעכט אין „פ״־ען און אין „ט״־ן;
און אָט־אָ שרייען, ברומען לעמפּערטן — פאַרצוק!
דאָס בעטן זיי ביי גאָט, דאָך, נעבעכינקעס — עסן.

לויפט מוטער־לעמפּערט, טראָגט אין טראָט די פרייד און צער
פון לעמפּערט־גראַציע־שטאָם, דורך טויזנט גרינע אויגן;
קינד לעמפּערט ברילט — פון שלאַנג און מאָנגוס ציין־געפאַר —
צום רעטונג לאָזט זיך מוטער־לעמפּערט — פייל פון בויגן.

אַן אויגנבלאַץ — זי לאָזט די יונגע אונטן שטיין,
אַ בריל, און — אויף, צום רוף, צום באַרג אַרויפגעפלויגן;
דאָס רעטונגס־בילד — ווי טיף, ווי קלוג — רחמנות־שיין —
זי צערטלט אים, לעקט־אויס די וואונד און גיט אים זויגן.

מיין זעל, וואָס בלאָנדזשעט, פלאָטערט, נאָך פון נביא־שטאַם,
צופוסן באַרג, אין גאָטס רחמנות־טרער געהייליקט;
האָט זיך מיט גאָט, אין מאָס פון ריטם, פערז און גראַם,
ביים לעמפּערט־שפּיל, אין בראשית־וועלטבאַשאַף באַטייליקט — —

עס קען זיין — נאָר איך ווייס!

עס קען זיין: כ׳וואוין אין טאָל, צווישן אייערע צעלטן,
דאָך, מיין איינזאַמקייט שטייגט צו מיין שטאַם אויף די בערג;
נאָר, איך ווייס, ס׳האָט אונדז וועלט־בראָך צעפרעמדט אין פרעמד־וועלטן;
איז אייך פרעמד מיין פאַרנעם, מיינע מעשים און ווערק.

עס קען זיין: דאָס זייט איר, „מיליאָן־קעפּיקער העלפאַנט״,
אייער שפּיציקסט־געמיינסטער זיצט הויך „אָן־דער־שפּיץ״...
נאָר איך ווייס, אַז צעטראָטן ווער איך פון דעם העלפאַנט,
אָן דעם אונטערשייד, ווער ס׳האַלט דעם טאָל אין באַזיץ.

עס קען זיין: כ׳בין ניט קלוג, ווי פון אייך זיך צו היטן —
אייער רעכענונג, גראַמאַטיקע טריקנט מיין מאַרך;
נאָר איך ווייס, אַז וואָס איך האָב געזייט און געשניטן,
דאָס האָט איר אַלץ צעפּלינדערט מיט גראַמאַטיקע־טראַפּ!

עס קען זיין אַז (אָ, גאָט, ס׳ווילט זיך גלויבן און האָפן)
אַז ס׳איז עמיץ ביי אייך דאָרט, אָן פאַלשקייט געבענטשט;
נאָר איך ווייס, אַז דערווײַלע — ס׳האָט נאָך ניט געטראָפן,
אַז אַמאָל, אויך אין טאָל, זאָל׳ס פאַרמאָגן דער מענטש.

עס קען זיין: אַז דערפאַר איז עס גאָרניט קיין וואונדער,
וואָס איר לאַכט אין דער הויך, ווען איך וויין אָן אַ קול;
נאָר איך ווייס, עס באַוועלטיקט אונדז וועלט־בראָך, צעזונדערט,
און דאָס בלוט פון דעם באַרג שמירט די רעדער פון טאָל — — — —

דו, וואָס דו רייסט דעם אָרעאָל

נייִן, ניט דיך שלעפּט דער טאָל אויף זיין קאַרק, פון דיין באַרג־שפּיץ,
אין זונגאָלד,
דעם אַראָפּליאַרמער! אים, מיט פלאַקאַטן ציטאַטן באַקלעפּט;
פאַר דעם מעקענע־ווערטער־מאַסקירטן, מיט שטרויבלישטש־גאַלונגאָלד,
פאַר זיין ווערטער־געבערג, ציטערט־פלאַטערט דער טאָל אין רעספּעקט.

ניט פון צו־הויכן חרמן — און אויך ניט פון נידריקן כרמל,
זעצט אָן הערנער־אָקס־„מוישע״, דעם זעצער־גרייז „קובס״ אויף
„סקובוקס!״
ער פאַרקויפט זיינע מוישעס — גאָט, משהן; דער סיני — זיין קרעמל,
אין זיין טענדע־ווערענדע טויט־נייקייטאַכץ־ווערטער — דע־לוקס.

אויף זיין ווערטער־באַרג־מדבר לאַ־מאָד־מיטלמעסיקייט־„סיני״ —
מיט טעאַטערשע קולות וברקים — זיין טאָל־האָרץ־פאַרנעם,
וואָס מער וואַסער־פליייץ, רעגן־קרום ווינטבלאָז־דיאַגאָנאַלער זיין ליניע —
וואַקסט אַלץ שפּע׳דיק־פעטער געבוימלט־געזאַלבטער זיין שם.

ווײ איז דיר נאַר, וואָס דיר איז דער אָנשטעל, צום איבלען, דערווידער,
פון טעאַטרישע לייט, מיטן שטאָט־שטייפן קלאַפּערגעצייג;
ווילדע לערכע! דו טוקסט זיך אין הימל, מיט מאָרגנזון־לידער —
דיין געזאַנג קאָן ניט גראַמען מיט צוואַנג, מאָג פון גאָלד זיין די שטייג.

ווײ איז דיר, מיט שפּיץ־באַרג־לופט דעם „גאָלדענעם״ מ י ט ניט דערוואָרבן,
און דו רייסט מיט די אייגענע הענט, פון דיין קאָפּ, דיין אָרעאָל;
דיין עזאזול־בלוט טריפט פון באַרג־גריזים, דעם טאָל פעט געפאָרבן,
און אַנשטאָט דעם אָרעאָל — אויף דיין קאָפּ — קריכן ווערים פון טאָל — —

1930

„עפּעמערע־טראַנסצענדענטאַל"

ווײַ־וואויל צו דיר, דו, עפּעמערע, פלאַטער־פלי,
געראַמט אין ריים פון יידיש־טראַגיק — גאַל־געדיכט,
מיטן בלומען־שטויב אין כישוף־קרייז פון וועלטשאַפט־גלי,
אַ צאַפּל־פאַך — פאַרברענט — אין לאַמפּ פון שכינה־ליכט.
דו ברענגסט זיך אויף אין שאַף־שליחות פון געני,
דער אייביקייט — דער וועלט, דיין ק י נ ד — מיט מוטער־פליכט.

מיט ווייטקייט־בליק, פון דורכלויכט־האַרץ, ברענסט נביא־רייך,
אויף דיין איין־איינצל־גאַנג — אויף דיכטונג־איינמענטש־בריק;
פון בריק אין וואַסער — מיטן האַרף — פון בבל־טייך,
ביים אויסווייכן דעם רומזוכט־קראַנקן ברודער־קריג,
פון דיכטער־רעט׳ניש, קרום — וואָס האָט ניט קיין פאַרגלייך,
פאַרוויקלטער פון „קעפל קרויט, מיט וואָלף און ציג" — — —

ווײַ־וואויל דיין דאַ־זיין, קורצער ברעג פון רום־געיעג,
ביז דו, גאָטס נביא, פייער־פויגל „ק ו מ ס ט ־ אַ ה י ן",
ציט לאַנגזאַם זיך דיין באַרגשפּיץ־ברעג אַליינגאַנג־וועג,
דין, לויטער דין, דורך פאַלשן משפּט, גראָבן דין,
קלינגט גלות־לאַנג דיין קייט אויף מאַרטיר באַרגשפּיץ־ברעג,
פון ב ל ו ט ־ צ ע ר י נ ט ן נ י ט ־ פ אַ ר ד י נ ט ן נ י ט פ אַ ר ג י ן.

שוועבסט צווישן שטערן, ווי אַ שטערן, נעכט אַליין,
וועבסט אין די שטערן איין, מיט זיך, דיין שטערן־ערד;
און שעפּסט זיי קלאָר, טרוים־אָפּבליאַסק וואָר, פאַלקס באַרג־קוואַל־ריין;
טיף־קוואַל־פאַרקלערט, דיין שטאָלצער קאָפּ אַראָפּגעשווערט.
שטייגסט איבער באַרג, פון שקלאַף־טיראַן, מיט וועלט־געוויין,
אַריבער קריגסמאַן־מאָנומענט, אויף „פערד מיט שווערד".

דו שוועבסט דורך וועלט־סאָנאַטאַ, מיט יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך,
אויף זונגלאָק־אייביק־גלאָן, דורך סטרונעס שטערן־מאָן;
וויברירט דורך שוואַרצוואַלד־דאַך, פון דורכזיכטיקן סכך,
אויף וועלט־קאָנצערטאָ, מיט בערטאָלדי מענדלסאָן,
דורך שעפערס טרער, פון וועלט־באַשאַף, מיט דונער־לאַך
אין יאָמער־טאָל, צום טראַגיק־גאָלדן קאַמערטאָן — — — —

1917

„פאַרפלאָנטערט, צעוואָרפן"

נביא, פלאַטער־בלוט, וועלט־פרייהייט־פויגל — אין שטייג,
אין מיין האַרץ־ים געברויז, מיט דיין וועלט־מעלאָדי
שטראַלט גאָטס וואָרט צום ד ע ר ש אַ פ ן זיין אייביק־ניי ווערק;
פון דיין שטאַם שטראָמט אין מיר, דיין יונג בויגיקן צווייג,
שפּע שעפעריש־צעוואָרפן, אָט — איבער די קני,
און אָט — בערג; ס׳ברעכט מיין קאַרק און נאָך בערגן זיך בערג.

און פון טאָל קומט אַ פרעמדער און פרעמד קוקט מיך אָן,
טאַפּט מיין ווערק מיט איין אויג . . . אַ שמעק טאַבאַק און — ניסט,
ווינקט „ס י מ ב אָ ל י ש“, צי כ׳ווייס די מיסטעריע פון מייז?
טוט דער אָפּגרונט אַ לאַך דורך זיין געל־פוילן־צאָן
און אַ וואָרף — ווי פאַרזייט — אַזאַ „גאָלד־און־גרין“־מיסט —
„ס׳איז דער וועלט־יסוד־סוד“ — טוט ער ווייט, „דאָרט“, אַ וויַיז.

זע איך „דאָרט“ י ע נ ע זייט, י ע נ ע לייט — זיי איז וואויל!
זייער שוי־פענצטער — שפּיגלט! בלאַנק, בלישטש־עלעגאַנט,
די וויטרינעס, דער פּראָנט, שרייט מיט פרעמד־בלוט־געפּוץ.
ווי דעם וועלט־מערדערס שטיוול — פון א ו י ע ר צום זויל.
האַרט — מיט קאַנט־שווערקייט, דייטש־פּינקטלעך־זאַטקייט — צום טאַנץ,
אַזש ס׳פאַרבלענדט — אַל דעם נוץ און פאַרברענט — אַל דאָס גוטס!

האָרך דעם גראַם: נויט — מיט טויט; דום — פאַרגלייכט זיך מיט קרום;
פאַרטיק־גרייט, פּונקט צום אָנצי פון זייגער־טיק־טאַקט.
שרייט אין צייט זייער זיין „וועלט־באַרימט־וועלט־באַוואוסט“.
קרויז־געבילדעטער שוויין־עק, באַשטריימלט, באַבלומט,
פּונקט אין אָרט — ס׳ליידיק וואָרט, מיט גראַמאַטיק — פּאַרפעקט,
צעלאָפּאַן־בלישטש, באַפּרענדזלטע קעסטעלעך — פּוסט.

זייער סוד — לייגן ל י י ד י ק ס אַריין אין געשעפט,
און אַריינקריגן — זשעדנע מ׳כאַפּט־צו יעדע טרער,
ציניש גרייט מיטן פּאַרטיק־געבאַקטן באַגריס,
ציניש קלוימערשט מיט ניכטערן וועלטשפּיי־באַהעפט,
מיטן „הערצעלע״ פּריש — ערשט פון נאָדל און שער,
שמייכלט גליטשיק־באַקלעפּט — סאַכאַרין־איבער־זיס.

נאָר — ביי מיר, מיין קליין טיר, גייט פאַרביי ווען אַ קונה,
בלייבט ער שטיין אין פאַרלעגן, פאַרדעכטיק־געפּלעפט.
וויי! — צעוואָרפן מיין שפע (אַזש ס׳הארץ פּלאַצט!) ביז דאַך;
און איך — אונטער די בערג פון מיין ווערק, אויפן גרונט,
מיט די ציין בייס דעם קנופּ — אוניווערז־האַרץ־געהעפט;
כאַפּט מיין בליק ד ו ר ך, דעם קונה, דורך געוויין און געלאַך.

און דער קלוגעטשקער גרייז קוקט פאַרלעגן מיך אָן,
טאַפּט מיין ווערק, מיט איין אויג, שאַצט פאַרטיפט, הוסט און ניסט;
ווינקט, „סימבאָליש״: צי כ׳ווייס „די מיסטעריע פון לייז״?
טוט דער אָפּגרונט אַ לאַך דורך זיין געל־פוילן צאָן,
און אַ וואָרף — ווי פאַרזייט — אַזאַ מיסטישן מיסט,
טוט דעם ציניש־„אַלצווייסניק״־געשריי: „אַ ד ו ו ע ר ט י י ז ! !״

און מער עס טראָגט זיך אין ווינט־בלאָז דער מיסטישער מיסט,
דורך דעם אָפּגרונט־געשריי פון געל־צאָניקן גרייז;
שטייגט אַלץ העכער, צעוואָרפן, צום הימל מיין פערז,
שטראַלט די שכינה דורך ראַזשינקעס, מאַנדעלאַך־ניס,
אין פאַרפלאָנטערט־פאַרכישופטן ליד־געשריי־קרייז
כאַפּט מיין טרער און — אויף־א־א־א־ויף — צום אין־סוף־אוניווערז.

אין זיין אייביק באַגין

פאַר אַ הענטעלע פּירט מיך דער זון־צעשטראַלט־לויכטיקער לויטערער
וועכטער,
מיט אייך, אייביקייט מיינע — ליד־טעכטער־און־זין — אין זיין אייביק־
באַגין.
דורך זיין זון־פאַרגאַנג זינגט אין מיין ליד, ביי מאַשין, גאָט־מיסטעריע
גערעכטער,
אַז מיין ליד, וואָס פאַרשקלאַפט אין מאַשין, זאָל דערלייזן פאַר מענטש
די מאַשין.

צוליב אייך — איר ווי איך — מיינע טרער־בריליאַנט־לאַכנדיק לידער־
זין־טעכטער,
רינט מיין בלוטיקע פּראַצע, געשענדעט, צו קרעמער־זין־טעכטער — אָן זין.
שטראַלט דורך אייער אין ליידן־געלייטערטער, קינדערשער טרער, מיין
געלעכטער,
וואָס כ׳בין וועלט־פרייהייטס שקלאַף, איך מיט אייך, טרער־באַוואָשענע
ליד־טעכטער־זין.

צוליב אייך, מיינע עלנטע וועלט־מאַנער, וויינער, פאַר אַל־וועלטן־לידער,
הום איך, שפּעטיקע ליד־בין — בין־קרבן־געצאַפּל, אין שפּינוועבס פון שפּין;
ביז ביים פּרעס פון די העכסטע בערג — הויזן! — גאַר שפּעט אין דער נאַכט,
כ׳פאַל אַנידער,
מיט מיין ליד, פון די בערג, פאַרן טאַל, וואָס כ׳מוז ברויזן, פון סיני באַרג
—דין.

איך גיב אָפּ, איך טריף אָפּ גאָר מיין בלוט, אונטער דרוק פון דעם חלף
ביים שעכטער,
אייך דערלייזן פון ד ר ו ק — צו באַצאָלן דעם דרוק — פאַר אייך לידער
— כ׳פאַרדין.
איך פאַרדין לויט דעם דין — איך פאַרדין: טרער געזייט, שניט געזאַנג,
פרייד־געלעכטער,
פאַר זיין אייביקייט־זון־גלאָק, דורך ליד, פון זיין פרייהייט געלייטערט,
ריין — גין.

ביז זיין זון־גלאָק רייך־גין, פון זיין אייביק גלאָן־גלין — דורך אייך, סיני־ליכט־לידער,
ווען דער מענטש, פון שוויין, לייטערן, נביא־דין, דינסטן־דין — יושר, פון דין.
טראָף איך אָפּ, טראָף איך אָפּ, מיין בלוטס טראָף, ביז אין יאָך, ווי דער אָקס, כ׳פּאָל אַנידער,
מיט מיין ליד, פאַרן טאָל, אויף די בערג — די בערג פּראַצע, ביים גולם, מאַשין,

ביז — דורך זון־אויפגאַנג, זינגט אין מיין ליד, ביי מאַשין, גאָט־מיסטעריע געדעכטער,
אַז מיין ליד, וואָס פאַרשקלאָפּט צו מאַשין, האָט דערלייזט פאַרן מענטש די מאַשין.
פאַר אַ העלטעלע פירט מיך דער זון־צעשטראַלט־לויטערער לויכטיקער וועכטער,
מיט אייך, אייביקייט מיינע ליד־טעכטער־און־זין — אין זיין אייביק־באַגין — — —

קונסט — וויי איז אונדז!

אָ, „קונסט״! געגנאַר־וואָרט, האַרטער, ביטער פּולווער־נוס,
פון גאָלד־באַצאָלטן גאָלדגעץ דין געגילטע ווערטער:
דער נגיד הוסטלט אויס זיין גוסט — צוליב דיין זכות —
צום אויבן־אָן־פאַרנעם פאַרנעמען ערן־ערטער.

ווען כתלצנים טראָגן, האָבן, זויגן, אונדז,
מיט בלוט־וויין־פּיין, דורך צער און צאָרן וועלט־פּורעניות:
פייפט ליידיקייט־צעפּרוכפּער אונדז, מיט קונצשטיק־קונסט,
די פּרוכט פון דער קריטיק־עקרהס קאַקאָפאַניעס:

שאַף קונסט, ישעיה! גיס דיין קונסט־טרער, ירמיה!
דעם פונט־פּלייש־קונסט, שטעל־צו — לויט אַלעמעס קריטיקן!
שמיר מ י ר — רויט, רעוואָלוציע! א י ם — פאָלקס האָפּן־בלאָ,
שאַף קונסט, חבקוק! — פאַר נבואה־ק ו נ ס ט ־ פאַבריקן!

געזאָלבט אין כבוד־ביימל, וועט דיר גוט זיין, וואויל!
געבענטשט דער בויך פון דור, פון וועלט און שווער און שוויגער!
עס הענגט דיר אויף פון קאָפּ אַראָפּ, אַזש ביז צום זויל,
קאַקאַרדעס, שלייפעס, קנעפּ, מעדאַל־געזאַנג — שין ניגער!

וואָס דאָ טוט־אָפּ דער דאָסיקער פּיין־שיין־פּאַרשוין.
שווער, נעבעך, רייטנדיק אויף „קונסטעפּאַציע־קליאַטשע"!
און וואָס ער טוט אין אויבערשטנס רחמנות־קרוין,
זיך האָטשקענדיק אויף תורה־ליד, צו ליד־קרוינאַצע — — —

איז זיין געשעפט דאָך ס׳קונסט־געשעפט! — זיין חלב־קנויט
פּאַר קינסטל׳ער־שמעטערלינגען־דיכטער זיך צום וואָרעמען;
ווער ס׳ברענט זיך אָפּ אַ פליגל־שפּיץ און ווער — צום טויט,
און ווער עס פאַלט פאַרטשאַדעט — ער זאָל זיך דערבאַרמען!

איז ס׳קונסט־געשעפט דאָך זיין געשעפט — פון וועלט־צעזינג!
דאָס פּריז־געשלעג, מיט בלוט פאַרשמירט, צום „ווערטן לעזער";
אַדאַנק ס׳געשעפט, פון קונסט־ליד־רינג — ווי ראַנגל־רינג —
גייט־אָן דאָס פאַנפע־פּאָמפּ פון צוגעפליעטשטע נעזער.

אָ, טאַטעלע, וואָס דו שאַפסט אַלץ און טוסט און מאַכסט,
דאָס אָרעם שעפּעלע, דעם חלף און דעם שעכטער;
איך האָרך, איך זע, כ׳פאַרגעם! אָ, טאַטעלע, דו לאַכסט,
ש׳טאָ ווער זאָל לאַכן! ווינד און ווי צו דיין געלעכטער!

כאַ־כאַ! און כי! אָ, מיר — און קונסט! ווי קומען מיר,
מיט סיני באַרג, דורך ים׳ען, בערג, אַל־שד־מדבריות!
אָ, מיר, די מכה־האַרץ, צעבליט אין וועלט־געשוויר,
פון אייביק־אומגליק, גאָט־און־נביא־קאַטאַגאָריע!

ווען וועלט־פּורעניות־לאַווע, שליידערט — הימל־הויך!
(ווער ס׳קאָן די קונסט) — ווי קאָן פון קונסט גאָר זיין די רייד דאָ!?
ווען צו די גלייכגילט־הימלען פלאַצט אַרויף דער בויך,
מיט מוטער־וויי־געשריי, פון אייביק־חבלי־לידה?!

„פּאָעזי״!

שבתים, יום־טובים, „ביי לײַטן״ — שוין לאַנג נאָכן צימעס;
„ביי לײַטן״ — געקריגט זיך, שוין אויך זיך געקושט, מיטן ווייב.
נאָר מיר איז דאָס פּיגאַטער־ווּיסט לעבן שוין מיאוס און נמאס;
די גיפטיקע שפּין — פּאָעזי — טרייב און — שרייב — שפּין און שרייב.

שבתים, יום־טובים, „ביי לײַטן״ — מען גייט שוין שפּאַצירן,
פאַרשפּינט מיט ווייב־קינד, אונטער זון — אָט־די גאָלדענע שפּין!
נאָר איך — וואָלט איך בעסער אָלס גאַרבער אין גיפט־גרוב קראַפּירן,
ביים וויקן דעם זונות־ און קעניגלעכן הערמאַלין —

פאַרגיפטעט פון פליג, מיטן פעל־גיפט: בראַנד־שוואַרצער „סקאַרבאַנקע״
זיך קאָרטשען, פאַר מאַטער־יסורים, זיך קייען אַ קני...
אַבי ווערן דערלייזט נאָר, פון איר — די נבלה, פּויל־קראַנקע,
פון פראַנצן־„פּאָעטן״ צעפרעסענע, הור — „פּאָעזי״ — — — —

זאָל חלילה דײַן שפּונט ניט אַראָפּפּלאַצן
(עלעגיע)

אָ, מיסטעריע־נסתרות, פּראָסט־פּשוטער פּאַסטעך, באַשעפער,
גאָט, דו שעפער, וואָס פּאַשעט, פּאַסט־אויף אויף אונדז, אָרימע שעפעלעך;
טרינקסט אונדז אָן מיט דײַן טראַנק פון דײַן שעפּ אומדערשעפּלעכער שעפע,
פול געלעכטער - טרער; קידוש - הבדלה - גאָלד - שטערנדלעך - בעכערלעך.

דו, וואָס האָרכט פון מיסטעריע, דורך אייביקן ברען פון דעם דאָרן,
ווי מיר לידערן, זינגען דיר, סופר׳ן, שאַלן דיר — שופר׳ן;
וואָס צום דורות־פאַר׳אַקער פאַרשאַרפסט און פאַרשטייפסט אונדז דעם האָרן,
פאַר דײַן אייביק־פאַרזיי — צו דײַן אייביקייט־עפּר־ואפר׳ן.

האָט דיין זון־אויג געוואַכט דאָך ביים שופר — ביז גאָר־גרויסן בלאָזן,
אויפן שניידערשן קלויז, דורך פּאַריז־„פּלעצלס״ בוידעמער־דעכעלעך;
ווען אין שנאה, דאָס בלוט, האָבן שניידערלעך, אוויי, זיך געלאָזן,
פאַר מיין קונסט, וואָס — דורך לידער דיר שלייפן — טוט גרויס־שלעיפלען
לעכעלעך.

גרויס די קנאה און ס׳גרויסהאַלטעריי איז ביי שניידער־גאונים
שלאָגט כמעט אָן צום רום פון קריטיק־שטעמפּלס ריזן־פּאָעטעכלעך;
ווער רעדט ד י, וואָס מלאָכהן פאַר מלכים בורנאָסן, תחתונים,
זייער קונסט גרייכט כמעט צו דיין רעטעניש־גערעטעניש פון רעטעכלעך.

דו ווייסט דאָך, גאָט, ווי מיר, שניידער, פון חוה׳ס גאָלד־פאָדעם געפאַנגען,
אַז קיין גרונט ניטאָ איז צו דיין תורה, ווי צום שניידעריי, דאָס גרויסאַרטיקע;
כאָטש שוין לאַנג, לאַנג כמעט אַלע קונדן, קייסאָרים, צעהאַנגען,
און מ׳רייבט־אויס היינט תחתונים, ווי לידער, מאַשין־געמאַכט — פּאַרטיקע.

נאָר, ס׳געניי, ווי באַוואוסט — און בפרט פאַר באָראָנען און טראָגען —
איז דאָך, גאָט, טאַקע גרויס, וואָס פאַרדעקט פיין דעם פלעק פון דיין אונטן־דאָ
ס׳פיין געניי, שיר־שיר־ניט ווי דיין ליד, גרויסער גאָט, דאַרף מען קאָנען,
כאָטש פיל טיפער, ווי צו דעם געניי, איז צום ל י ד דאָך קיין גרונט ניטאָ!

דאָך, אין טרער פונעם „קליין שניידערלס״ זכות — פון דער באָבעשיס מעשות,
וואָס גייט־אויף, דורך דיין פלאָם, אין דיין הימל, אויף ק י ד ו ש, אוי,
טאַטינקע!
שיינט נאָך אַלץ נישט מיין ש נ י י ד ע ר ־ פ ל ע ק, ריין, פאַר די ליד־
מעסטער־מייסטערס;
אַז: איך ז י נ ג — ווי דער ים! נאָר, איך ה י נ ק איבער ים — פון
גראַמאַטיקע.

און דיין גרויסקונסט, אָ, גאָט, פון מיין לידער־טראַכט — נביא־צושטייער,
יאָמערט נביא׳פאַר׳אבל׳ט: אָ, שעפער — ניטאָ ווער זאָל אָ פ ש אַ צ ן;
און — דו טאַטע, דו לאַכסט! — פולע הימלען געלעכטער־טרער — פייער.
זאָל, חלילה, אין בלוט־ים, דיין ז ו ן ־ ג אָ ל ד ן ש פ ו נ ט, ניט אַראָפּפלאַצן!

1925

ווען ניט דאָס ליד

די וועלט איז פינצטער — מ׳דאַרף ניט פינצטערער, אָ, ברידער,
און ס׳פליסט וועלטס בלוט־געטראַנק ביים בלאָסן לידער־שיין;
נאָר ווי די וועלט איז פינצטער מיט די בלאָסע לידער,
דאָך, אָן זיי, ברידער, וואָלט שטאָק־פינצטערער נאָך זיין.

די וועלט איז שלעכט — יאָ, גוטע ברידער, מ׳דאַרף ניט ערגער,
פאַר ניט באַזינגען שיסער — שיסט מען אונדז: „משוגענע הינט״
דאָך, אָן די לידער — רעגענען וואָלט מיט הענקער, ווערגער,
פון אַלע שטערן־קינדער פון דער זון־געזינט.

די וועלט איז פאַלש — יאָ, אמת, ברידער, מ׳דאַרף ניט פאַלשער,
ווי גוי מיט ייד — בלוט־ליד־יאַריד גראַמט איצט — „מאַדריד״;
דאָך, אָן דעם דיכטער, נוץ־פאַרזייער, גוטס־פאַרפלאַנצער,
אָן טרערן־רעגן־טוי פון נביא — גאָט, באַהיט! — — —

1938

צינד־אָן דעם יאָמער־טאָל

אָ, נביא, נביא פון פאַרצייטן,
פון גליק־פאַרפלויגענעם אַמאָל;
פריי שוועבט דיין וואָרט פון יענע ווייטן,
טריי קלינגט דיין קול פון באַרג און טאָל.

דיין וואָרט, ריין זויבער — ניט פאַרקויטיקט
פון צייטונג־בלאַט, מיט שונד און שאַנד;
און ניט, ווי היינט, פאַר שאַנד פאַררויטיקט
פון שונד־גאַזעטס אָן־בושה־האַנט.

ס׳געשריי פון דיינע רויע וואונדן,
אויף גאַסן, רויע וואונדן־מערק,
האָט מיט דיין האַרץ־פלאַם ניי געצונדן,
פון סיני־באַרג, אַלוועלט־געבערג.

נאָר היינט־וועלט פון גאַזעטדרוק דרוקן,
דערדריקט אין דרוק ליד־ווייסטסטן קוק;
גאָטס וואָרט שרייט — ניט אָן בלוט, אויף טרוקן —
צום אויסלייז — ווי מיין פאָלק — פון דרוק.

גאָר פראָסט אין ליד־בוכשטאַב, ביים דרוקער —
אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט;
פלאַצט נביא, גאָט — אין וועלט־פאַרוקער,
פאַר „פ ל אַ צ מ אַ נ ג ל״, מיט צייט און אָרט.

היינט קלאָגט מיט טינט דער צייטונג־שמירער
אויף קאָנצענטראַציעס שטעכיק־דראָט;
דאָך, ער אַליין — דער טינט־שמיר־„פירער״ —
פאַרשפאַרט די טיר פאַרן וואָרט פון גאָט.

אויך נביא, דו ביסט דורך דורך שוועבל
אין טייוולס בלאָטע־בלוט־פאַבריק;
דאָך, ניט ווי היינט, דורך ו ו י י כ ע מעבל,
וואו ס׳ג ל י ק ב ע ט ־ א ו י ס ביי דער קריטיק.

און, ווי דיין פאָלק, פאַרפאָלגט אין בבל —
האָט אויך דאָך דיך פאַרפאָלגט דיין פאָלק;
דאָך, ניט ווי היינט, פאַרפאָלגט דעם נביא,
ס׳פאַרפאָלגט קליין פאָלק — מיט גרויס דערפאָלג.

דער מאַרק פון פערד־פאַרטייען־בייטן,
דערשטיקט דעם היינט־צייט־נביאס קול;
אַ, נביא־פלאַם פון אַלע צייטן —
גאָטס פלאַם — צינד־אָן דעם יאָמער־טאָל. — — — —

דו — בײַ די פעלקער, איך — בײַ דיר

איך שוועב, ווי דו, מײַן פאָלק — אַלײן —
געוואָרפן פעלקערס עלנט־שטײן,
דו — צווישן פעלקער — שלאַנגען, וועלף —
ווי איך בײַ דיר — אַ, וועלט־געוויין,
גאָט, העלף אונדז בײדן, גאָט, אַ העלף!

ווי יוסף בײַ די ברידער — עלף,
צו קלוג, ווי יוסף, און צו שײן,
מײַן צווישן־פעלקער־פאָלק — אַלײן.
דו, אײנג־קלײן אינדזל — צווישן וועלף —
ים־פלאַם־געריגנלס — צווישן וועלף,

מיט בלוט־בילבולים — פע געמײן,
אין ים פון בלוטיקן געוויין;
מיטן פאַק — אין רינג — פון הינט און וועלף;
ווי איך בײַ דיר — ווײס גאָט — אַלײן — — —

די קרוין

עס ווײנט און לאַכט דער וועלטן־האַר:
צו־שווער די קרוין — דעם אמת־קעניגלעכן קעניג;
דער קעניג זאָגט זיך אָפּ צו שלעפּן שלעפּ און קרוין,
דער קעניג — קניט נאָר פאַר זײַן הירטין, אונטערטעניק,
וואָס היט איר שעפערס וואָלקנשעפּעלעך־באַוואוין.

ביז גאָר, גאָר גרויס איז די געפאַר!
עס פאַכט אין לופט מיט הויך־פאַרראַט, פון שד — גאָר שעדלעך!
דאָס פאָלק, די פאַזשן — מ׳שטײט אַנטוישט בײַם גאָלד־טראָן טרעפּ;
ס׳העלפט אויך ניט ס׳קלוג־דערפינדונג פון — דער שלעפּ אויף רעדלעך,
דער קעניג ווידערשפּעניקט, קנעפּלט־אָפּ, און ס׳פאַלט די שלעפּ.

און רוהם, און מאַכט — פאַרשקלאַפּט דעם נאַר —
ווײַל ער ד ע ר ג י י ן: די „אורזאַכע", די „טריבע סיבה".
פאַרוואָס: אָן גאָלד־געצאָלט, הייס, גאָלדן, שטראַלט די זון?
פאַרוואָס איך שענק מיין „דיכטער־שפּייז": ס'באַרימטקייט, ליבע —
אומזיסט, דער אייביקייט — אָן „ליבעס־גליק"... אָן רוהם?...

און ס'לאַכט ליד־מעשה־מייסטערס צער:
אָ, נאַר, דו נאַר, דו זעסט: דאָס שפּינדל — אויסגעשפּונען!
שוין, שוין! דעם לעצטן זייד האָט שפּינראָד־צייט — צעקייט;
דאָך, דאָ — אין גורל־שפּיל — זיי ב י י ד ן ניט געוואונען —
ווייס, טראַגיק־קנופּ, דעם שפּינוועבס רעטעניש־באַדייט!

און ס'לאַכט, אין שלעפּ, באַקרוינט, דער נאַר:
צו־שווער די קרוין — דעם אמת ק ע נ י ג ל ע כ ן ק ע נ י ג!
דער ק ע נ י ג זאָגט זיך אָפּ — כאַ־כאַ! — פון שלעפּ און קרוין!
דער ק ע נ י ג — קניט נאַר פאַר זיין הירטין, אונטערטעניק —
וואָס היט איר שעפּערס שעפּעלעך — פאַר זונגאָלד־לוין — — —

די לעצטע רגעס

גאָטס קוואַל פון פּיין — מיין אַלט־נײַי, עלנט, י י ד י ש ליד,
מיין טיפער באַרג־קוואַל, פון מיין לעצטן שטורעם־רעגן,
איך ציטער דאָ, אין זון־געבלענד ביים לעצטן שניט,
אַז דו זאַלסט ניט אַרויסברויזן פון דיינע ברעגן.

ביז לעצטן הויך, פאַרשווענדט דער הימל גאַר זיין בלאָ.
מיט אוצרות גאָלד, אויף זיינע דורכזיכטיקע פּלעינען;
נאָר מיר — אין זונגאָלד־בלענד — אין פּראַכט־שפּיל דעמער־שעה,
מיר — ווינקלען, טונקלען — עלנד ליד מיינס — ביידע, וויינען.

מיר שטייען דאָ, אין גרין־געריגל פון די בערג,
מיט ים־געברויז, מיט האַרץ־באַלאַסט, שווער איבערלאָדן;
ניט ברויז, מיין ליד, צאַם־איין דיין ווירקונג פון דיין ווערק,
דיין אויבערברויז קאָן, חס־ושלום, אָנטאָן שאָדן.

מיר שטייען ביי די בלאָע וואַסערן פון טייך,
טאָ לאָמיר תפילה־טאָן צום טייך־גאַנג־בלאָען טעמפל,
וואָס רינגלט אום מאַנהעטן־אינדזל קרח־רייך,
וואו קרח־איינגעזונקען, ליגט פאַר ליד, דער שטעמפל.

מיט לידער־פליסטער פליסט דער טייך, צום אייביק ווייט,
וואו ליד־געוערכטיק־שטאַמפּ פון אייביק טאָגט און נעכטיקט,
ליד־ווייט — אויף יענער זייט דער זיבן־ים׳יקייט —
ליד־דורכזיכטיק, אין זון־בלענד, שכינה־ציר־צעפּרעכטיקט.

נאָר איצט, מיין ליד, טריף־אויס דיין ים — אין איינצל־טראָפּ!
ניטאָ פאַר וועמען און וואוהין, צו שטורמען, ברויזן.
און לאָמיר שטיין ביים טייך, געבויגן ווייס דעם קאָפּ,
פאַר אונדזער פאָלק, פון פעלצן־מאַכער און פון הויזן.

עס קאָן דיך ניט מיין פאָלק, מיין עלנט יידיש ליד.
צו טיף דיין באַרג־קוואַל — אים — פון לעצטע טרערן־רעגנס!
און כ׳ציטער נאָר, אין זון־בלענד לעצטן האַרבסט־שניט,
אַז דו זאָלסט ניט אַרויסברויזן פון דיינע ברעגעס — — —

ת ח י נ ה

גרויסער האַר פון די וועלטן, ווי לויב איך דיין נאָמען!
דורך די אויגן, די בעכן פון טרערן־געבעט,
קוואַלט אַריבער מיין האַרץ, אויף מיין פּנים, אין שטראָמען,
פאַר דיין שטראַל, וואָס אַמאָל טרעפט אויך מיך מיט אַ גלעט.

ווארום, וויסן זיין, ווייס איך דאָך וואויל, טו איך וויסן,
אַז דיין שטערן־לבנה־זון־גאָלדענער ציר,
וואָס דיין הימל־קוואַל אָפּבליאַסק טוט שטראָמען און פליסן
דורך דיין טוי־בריליאַנט־טריף — טריפט דאָך גאָר ניט פאַר מיר.

וואָרום טונקל, פאַרווינקלט, פאַרשאָטנט, געזונדערט,
שניידט דורך וואַסערן־תהום מיין אַליינגעזאַנג שטראָם,
שלייכט זיך, שלענגלט זיך דורך, דורך מיליאָן־טויזנט־הונדערט,
שניידט דורך זיי, וואָס פאַרוואַנדלען דיין וועלט אין אַ קראָם.

דערום שוועב איך דאָ פרעמד, אויף מיין ליפּ שוועבט דיין נאָמען,
וואו זיי האַנדלען מיט זיך און מיט דיך, מיט דיין צער,
איז דיין קרוין — זייער אַלף־טאָפּ, אין „קונסט־קריטיק" קראָמען,
זייער פרייד — גרויס געפאַר, ביים דערזען מיך, דעם נאַר.

די געבוימלטע „לייטע", פון פאָרנט דאָס קלייזל,
פון דער „קונסט"־אויגנגלאָצעניש ליטעראַטור;
און פון הינטן — דאָס ברייט צעשפּרייט שונד־ראָמאַן־הייזל,
פון „ר' רענדל" פאַר'כשר'ט — שונד־ממזר און הור.

שטראָמט פון „קונסט־קריטיק"־שוחט דאָס בלוט פון געזאַנגען,
וואו עס כאָוועט זיין כבוד שונד־צעבוזימטע אַם.
בלייבט דעם נביא — דער שפּרונג פון די פעלזן־אָפּהאַנגען,
מיט דיין ליד זיך „פאַרטיפן" אין בוזים פון ים.

און דערום קוואַלט מיין אויג פאַר דיין הימלשן טורעם,
מיט גרויס שבח און לויב אין דיין ליכט־ראַדואיר.
ווייל איך ווייס, אַז מיין וועלט איז נאָר מאַטער־יסורים,
און איך ציטער און שטראַל פון דיין זונגאָלד־וויבריר.

וואָרום, הויך יאָגט און טראָגט מיך פון באַרג „צער־גריזאָטע",
אָט־דאָס פאַר, וואָס באַפאַלט אונדז ביים שפּע־שאַף קוואַל;
מיט דער פרייד פון גרויס שאַפן — דער „פּיין", די „חרטה",
די צוויי ברוגז'ע ברויזער פון גרויזאָם־ים גאַל.

דערום, האַר פון די וועלטן, ווי לויב איך דיין נאָמען,
דורך די אויגן די בעכער — פון בעכן געבעט,
קוואַלט אריבער מיין הארץ, אויף מיין פּנים, אין שטראָמען,
פאַר דיין שטראַל, וואָס אמאָל טרעפט אויך מיך מיט א גלעט — — — —

וואָס מאַכט דען אויס, ווענמעס ? !

ס׳דאַרף מיין ליד ניט צעיאָגן די הימלשע פערד,
זיי מיט שוים ניט באַשלאָגן אין וואָגן פון טעמעס ;
דאָ, ווי דאָרט — יעדעס אָרט, וואו מיין טראָט טרעט די ערד,
שפּראָצט מיין אייביקע טעמע, זיס־ביטער־פלאַנץ — אמת...

ניין, ניט אויסטראַכטן ; אויס טראַכט מאַכט : טראַכטן איז אויס !
אָנשטאָט אויסטראַכט — אַריין־טראַכט ; פאַרטיפן, פאַרטראַכטן,
אַראָמאַט־קאָליר־שטאָכל — מיין ליד, ווי די רויז,
מיט גאָט־זון־אויג אין טוי־טראָפּן־טרער פון פאַרלאַכטן —

שפּילט מיין ליד, טאַנצט דעם וועלט־קינדיש־נאַקעטן לאַך,
מיט רויז־שטאָכל קעגן רשעות־שטות זיבעציק זאַכן,
פון תנ״ך, נאַקעט־קינדיש־נאַאיוו־קלוג — איר שפּראַך ;
איר קנאַפּ־ווערטער־דין־פויגל־געזאַנג — שפּראַך פון שפּראַכן...

דאַרף מיין ליד ניט צעיאָגן, צעטראָגן די פערד,
זיך מיט שוים ניט באַשלאָגן אין וואָגן פון טעמעס.
ס׳פליען קעפּ, אייביק באַרג־אַראָפּ — אייביקע שווערד !
פליט היינט מיין קאָפּ — צי יענעמס — וואָס מאַכט דען אויס ווענמעס ?...

בת־השירה — יידישע טאָכטער

און זי שוועבט אין איר אייגענער שכינה פון הייליקער שיינקייט,
אונטער זון, ווי די זון מיט דער וועלט, אַ צעשפּילטע, צעשטראַלטע,
מיט איר פאַווע־גאַנג־שטאָלץ, מיט איר שלעפּ פון באַרג־סיני־ליכט־ריינקייט,
צו פאַרגלעטן די טרער פון דער וועלט, די פאַרגאַלט־פאַרבאַנאַלטע.

און זי שוועבט מיט איר שכינה־שטראַל־טראַגיק דורך חן־גריבלעך־שמייכל,
אין פאַר׳חלש׳טער געטאָ, פון וועלטס געל־געלאַטעטן וואַן־גאַנג.
זי דערשיינט, ווי זי טראָגט איר נשמה אַרויס פון גאָט׳ס היכל,
זיך צו ברענגען די קינדער, א מאמע, פון אַל־וועלט געזאַנג־גאַנג.

און זי שוועבט אויף איר אייגענער שכינה׳ס וועלט־מוטערשאַפט־פליגל,
וואָס זי שפּרייט אויפן פּיין פון דער וועלט — טיף אין זיך אַ פּאַרטראַכטע,
איבער ימ׳ען פון זון צעשפּילט, ווייט, ווי זי קוקט דורך אַ שפּיגל —
זיך צו שענקען צום וועלט־צער, דורך אויגן פון פּיין האַלב־פאַרמאַכטע.

און זי שוועבט אין איר אייגענער שכינה, פון לויטערע וועלטן,
צום „נאָך ווייטער־פון־ווייט״, צו דעם ווייט־רוף פון ווייטיקע דורות.
מיט זון־שטערן־געשריפטס אויפן זיפץ־רוף פון אַל־וועלטס־געצעלטן,
אין דעם זיפץ־פּייף פון יונג, צו דער מויד, פאַר די צוקונפט־מנורות.

און זי שוועבט אויף איר שכינה פון ווייט־געזאַנג סיני־האַרמאָניע
מיט גאָט׳ס רחמים, דער וועלט, דער צעבלוטיקט־צעקנוטיקט־פּאַריאַכטער,
און זי שוועבט מיט דער געטאַ־טרער צווישן־ערד־הימל־סימפאָניע.
און זי שוועבט — דען דער ערד טאָר ניט טרעטן אַ יידישע טאָכטער — — — —

ליד

וואָס איז ליד ? וואָס איז ליד ? — ליד איז שטראַל פון גאָטס טרערן
שמעלצט די שניי־קרוין פון חרמן, צום כרמל — דורך סיני ;
וואָס ער פירט צו דער חופּה, דורך רחמים־זון־שטערן,
ליד, מיט כנסת־העולם, אין שטראַל פון דער שכינה.

וואָס איז ליד ? וואָס איז ליד ? — ליד — על־עליון — דערהויבן,
ליד — איז תורה־ליכט־רחמים־האַרמאָניע,גערעכטשאַפט ;
ליד — אַז־ישיר, דורך מדבר, גאָט־האָפן־און־גלויבן,
אין גרויס הארץ פון די פרייע, אין ראַנגל מיט קנעכטשאַפט.

וואָס איז ליד ? וואָס איז ליד ? — ליד איז גליד פון גאָט׳ס גלידער,
פון זיין אויסשטראַל־וויבריר־חוט־השדרה, פון סיני,
וואָס ער שפּילט צו דער חופּה, פון באַרג פון די לידער,
מיט דער כנסת ישראל, אין קוואַל פון דער שכינה.

וואָס איז ליד ? וואָס איז ליד ? — ליד איז גאָט־גרויס־פּאַרנעמען,
צום וועלט־חתונה־ריפּ־געזאַנג — „אָדם נעמט חווה׳ן״ ;
תורה־ליד — סענסיטיוו, טיף, פון העכסטן זיך שעמען,
נביא ברענגערס וועלטס פרייהייט — דורך צען־געבאָט־לאַוו׳ן

וואָס איז ליד ? וואָס איז ליד ? — ליד איז ריפּ, פון גאָט׳ס ריפּן,
פון זיין אויסשטראַל־וויבריר, אין באַשאַף פון זיין שכינה,
וואָס שטראַלט־אויס, פון זיין קוש, אויפן גאַר־דער־וועלט־ליפּן,
אונטער אייביקייט־חופּה, אויף רחמים־באַרג־סיני — — —

שוין רייף...

ליד־צו־קורץ, לאַנגע נעכט, דורך צו־לאַנג־קורצע טעג,
פון דער יוגנט אָן אַלט, ביז אין עלטער גראָ יונג.
צו מיין אַלט־יונגן גאָט, אויף זיין יונג־אַלטן שטעג,
אין זיין ליד — טו איך אייביק — מיין לעצטן דערזונג.

אַלץ דעם לעצטן דערזונג — פאַר די מערק אומבאַמערקט —
און די צייט לויפט און שרייט — און די צייט שטייט און שווייגט.
און דער לידער־באַרג בערגט זיך, ווערגט, העכער — צעבערגט !
און איך — אונטער דעם באַרג, און דער באַרג אויף מיר — שטייגט.

און די נאַכט שאַרכט ביים פענצטער מיט פליגל־שאַרך, שוואַרץ,
און דער שאַרך כאַפּט מיין בליק און אַ פלי דורך דער שויב,
טרייסלט־אויף מיין פאַרטיף און צעפלאַטערט מיין האַרץ —
דורך דער שויב — קוקט דער זיידעלע — גראָ ווי אַ טויב...

קוואַלט זיין טרער — דורך מיין בליק — און שטראַלט־דורך מיין געביין,
און פון זיידעלעס ברעם אַ ברילִיאַנט־בלאַסק צערינט :
„כ׳האָב געהערט דורך די וועלטן, דיין גרויסן געוויין,
כ׳האָב געזען דורך די שטערן, דיין יאָמער, מיין קינד.

קום מיט מיר, עלנט קינד !״ — שניידט דעם זיידעלעס זיפץ —
שניידט דעם חלל פון נאַכט, מיט אַ פויגל־פּיפּץ־פּיף ;
פאַלט דעם זיידעלעס טרער אויף מיין לעצטן געשריפט׳ס :
ס׳איז דיין ליד — פאַר די אויבערשטע וועלטן — שוין רייף — — —

1935

אויפן שפּיץ

שוין, שוין! — דערגרייכט דעם בנין־שפּיץ — ליד־העכסטן שפּינען,
איך בליק אַראָפּ — און אין די אויגן — לידער שווינדלען!
צו־שוואַרץ די נאַכט, דעם לעצטן שינדל צו געפינען,
מוז איך פון זיך דערפינדן, כ׳מוז דעם דאַך — דערשינדלען!

און אָט־אָ ווינקט מיין שטערן־ווייט, צום „דאַרטן־גאַרטן",
מוז איך פון פעל זיך שינדן — זיך אויף שינדלען שפּאַלטן;
פאַר דיר, מיין ליד — פון פעניק ברויט, פאַר וועלט, געשפּאַרטן,
ביז לעצטנס, שוין ניט אויסצוהאַלטן — דיך דערהאַלטן.

מוז איך דערברענען, ביז די לעצטע אָדער־קנויטן,
געטונקט אין קוואַל — אין קאַלכאויוון — דעם אויסגעווייִנטן.
פאַר אייך מיין לידער־מקדש — גוט, צי שלעכט געבויטן,
דאָך, קאַמעראַדן, אָן שום צווייפל, גוט געמיינטן.

און כ׳וועל שוין לאַנג דאָ, הויך פון שפּיץ, מיין טרער ניט טרערן
און אויך, אַ, בלוט־ברידער, מיין בלוטסטראָפּ, לאַנג ניט בלוטן;
עס קאָן מיין האַרץ שוין זיין פּאָדקאָווע־קלונג דערהערן —
ער קלינגט שוין אָן נאָך די געציילטע צאָל־מינוטן.

דאָך, איידער ער ווינקט־אָן, פון שטערן מיך אַ רוף־טאָן,
קאָן נאָך מיין לעצטער טרער־טריף נוץ טאָן מענטשן;
מיין קללה קאָן וועלטס שטיינהאַרץ שמעלצן — וואונדער אויפטאָן! —
ווייל, ווי אַ מאַמעס, מיינט מיין קללה, גאָר דאָך — בענטשן — — —

לידער פאַרלאָרענע

צי ווייס עמיץ פון ליד־וואונד די וואונד־וואונדער זיבן,
וואָס אין בלוט־וויץ באוואשט איצט דער טרויעריקסטער לץ?
אָט, פאַרלאָרן דיך, ליד, ווי אַ נאָענטן ליבן,
טוט אַ גריך־פרישער קבר אין האַרץ אַזאַ — זעץ!

ליד, מיט יאָרן פאַרלאָרן, אין תהומען אַנטרונען,
ווי אַ קינד שטאַרבט, און מוטער־האַרץ אייביקער בראָך!
ווי אַ שטיין טוט אַ פאַל אין אַ טיף־שוואַרצן ברונען —
אָט, דערמאָנט זיך אין ליד, טוט אין האַרץ אַזאַ — טיאָך!

אָט, איך זע מיינע לידער, ווי שיימעס פאַרשעמטע —
פון מיין זעקס־מיליאָן פאָלק ברענט די קאַלכאויוון־טרער.
מיינע הענט הענגען אָפּהענטיק, ליימיק־געלעמטע
און דאָס האַרץ — שלעפּט־זיך־נאָך נאָך די קלעצער־פיס, שווער.

גאָט, ווי שווער פאַלט מיין קאָפּ אויף דיין הויכן באַרג לידער,
און איך — זינק אויפן באַרג־שפּיץ אין טרערן־וויין קוואַל.
אָט, צעבערגט זיך דער קוואַל — אָט, דער קוואַל אין דערנידער.
איך — אין תהום מיטן באַרג — טיפער, טיפער, איך פאַל.

טיף אין תהום מיט מיין ליד — כבקרת רועה עדרו,
ווערטער־שעפעלעך תמימות׳דיק רופן צו מיר;
אָט, די שעפעלעך לויפן דורך מ י י ן חוט־השדרה,
ביז זיי ווערן אַנטשלאָפן אויף ווייסן פאַפּיר — — —

1936

איבער מיין צוקאָפּנס

אַ, לידער, לידער, עלנט־מיינע,
מיט בעכער־אויגן — וועלט־ווערך טראָפּנס!
געדעכט, אין בלוט, קאָכט אייער טענה,
מיט שאַרפער האַק, אויף מיין צעקאָפּנס.

ס׳טריפט בלוט פון האַק, אויף מיר פאַרמאָסטן,
אַט־אַט... זי שווינגט... שרייט שאַרף: „נקמה!״
אויף גאָט׳ס בארַאט, האָסט פרעמד פאַרלאָזט אונדז,
אין וואָגל־פלאָטער — הויל־נשמות.

מיר פלאָטערן אין עלנט, דאַכלאָז,
אין האַרץ, מיט וועלט־צעבליטער מכה;
פאַרנאַכלעסיקט — אין העכסטן גאַכלאָז,
דיין לידער־קול — דממה דקה.

מיר בלאָנדזשען־אומעט — אומעט־פרעמדע!
ווער „ס׳גלויבט אין גאָט״ — פון אונדז רייסט שטיקער.
ווער ס׳רייסט פון אונדז דאָס לעצטע העמדל,
ווער „ס׳האָט אַ האַרץ״ — דעם גאַנצן עיקר.

איז בראָדזשען מיר דאָ אום, פאַרוואָגלט,
פאַרשטעלט! — דער וועלט ניט־פאַרגעשטעלטע.
נו, שאַפּט מען זיך מיט אונדז, ווען „ס׳האָגלט״,
מיר שלעפּן וואַסער זיי — אין קעלטן.

„ביי לייטן״, לידער — פרעמדס! געגנוצטע,
דאָך, „אַדאַפּטירט״ אויף כריזאַנטעמען!
פרעמד־פויגל־פעדערדיק־געפּוצטע,
אַזש — די כאָלערע זאָל עס נעמען!

און מיר — אין בלוט־דינסט, דיר געטרייע,
נאָר דו — אויף אונדז, טוסט קנאַפּ־וואָס אַכטונג;
פאַרנומען אַלץ, מיט לידער בייע,
אין דיין טיף־אייביקייט פאַרטראַכטונג.

גענוג!! — מיר ווילן קראַנצן! — לאָרבער!
די קרוין פאַר אונדז! — בלוט־דיכט־יאָר דרייסיק;
דעם „יידיש״־לוין — פון שלעפּער־טאָרבע,
צום גאָט־באַוואוין — פאַרלייזיקט־בייסיק.

גערעכט! יאָ, לידער, אייער מאַנאַכץ;
די יובילעי־ווינד־וויי־לויב־קרענצלאַך.
דער קללה׳ס בידנער „אַנערקאַנאַכץ״.
וועלטס שטאַרקסטע שוואַכקייט! יאָ, גאַנץ מענטשלאַך.

גערעכט! מיט פראַכט פון רעגנבויגן!
און, דאָך — צו אַלדי בלוט־וויין־ימ׳ען! —
גענוג! — גענוג מיין בלוט צו זויגן!
צו־רו לאָזט, בידנער „קליאַטשע״, מאַמען!

זיך אַנגעזעצט! גיי, גיב זיי כבוד!
גענוג! איר בערג אויף מיינע אַקסלען.
זענט איר, בן־יחידלאַך־געכאָוועט
אויף אייער־קיכלאַך דען געוואַקסן?

וואָס גלייכט איר זיך צו מאָדע־לייטן,
מיט כריזאַנטעמען־קוואַס פאַרכליניעט?
איך שלעפּ דאָך אייך, נאָך פון פאַרצייטן,
דורך מדבר־אומוועג — „פאַרבאַרג־סיני׳ט.״

בלאָזט איר דען פון פאַריז־בולוואַרן,
מיט ציקלאָפּעדיע־מאַרצעפּאַנעס,
פון אייפל־טורעם־קולואַרן,
געקוילעט זיך מיט קורטעזאַנעס?

און איך דער קיינעמס־ניט — וועלט־גרעסטער!
פון אַלוועלט גרעסטן קיינער־ניטן,
פאַלש־וועגערס־מעסטער — גרעסטער לעסטער,
פּאַס איך אין רוצחים־שיינעם מיטן?

פּאַסט דען מיין פּלייצקע יענע קלאַפּערס? —
די דאַס־יענץ־מעקלער רום־פאַרמיטלער,
וואָס שילדערן די בלוט־פאַרצאַפּערס —
וואָלט שאַנד־פאַרבלאַסט דעם פ א ר ב ע ר היטלער.

קאָן איך פאַר אייך דאָרט כבוד קליאַנטשען?
אַז כ׳וויך פון יענע רומזוכט־רייען,
קאָן איך דערהויפּט מיט אייך זיך גיאַנטשען,
אין מיין פ א ר ג י י ן אין מ ו ט ע ר ו ו י י ע ן?

און שווער, אַ, שווער, קומט אָן מיר ס׳טראָגן,
שווער, קריעת־ים־סוף, דאָס געבערן!
כ׳מוז מדבר־שטיין מיט שטעקן שלאָגן,
דעם בלוט־ים שפּאַלטן — מיט בליץ דורך טרערן.

איך מוז אין מדבר־שטיין זיך וואָרצלען,
נאָר, צוליב אייך, זיך דאָ דערהאַלטן.
פאַר ווייטיק זיך אין דרייען קאָרטשען,
דעם וועלט־האַרץ־שטיין — מיט באַקציין שפּאַלטן.

טאָ, ווי קאָן איך, איר עלנט, מיינע
מיט־בלוט־פאַרלאָפן אויגן־בעכער?
כאָטש זון־גערעכט שרייט אייער טענה,
מיט שאַרפער האַק, אויף אַל־וועלט־דעכער — — —

סאַקאָוואַזשן, שופלאָדן

בריוו־פּאַפּירן — שופלאָדן — געמעלדער, געשילדער,
פלאָם־געצונדן — פאַרלאָשן — דורך יאָרן־סעקונדן;
סאַקאָוויאַזשן — געל־בלייך־און בלאַס בריוולאָך, שריפט, בילדער
פלאַצן־אויף פון דאָס ניי — אַלטע מכות, ניי וואונדן.

שמות הייליקע — האַרץ־בית־הקברות פון האַפן,
איר, מצבות פאַרשעמטע — היסטאָריע־דאָקומענטן;
ברויזט איר האַרץ־ים! פלייצט־איבער! בלוט — בריקן פאַרלאָפן,
מאָנט איר טרערן, דערמאָנט אָן בלוט־נאָנטע מאָמענטן.

כוואַלעט, זיגזאַגט זיך, לידער־טייך, בלוטשריפט־געשיכטע:
באַרג־אַראָפּ־טאַנץ קאַסקאַדן — פון טראָפּ אינדיווידּ;
אויפן וואָלפנטריט־שניי, בלומט מיין בלוט, רויט־געדיכטעס,
אין צוריק־טרעט פון גזלן־טאַנץ — לידער־יאַריד.

אָט, אַ בלום אין אַ בוך; דערמאָנט בערג... און ס'צעבערגט זיך:
דורך אַ סאָד ליכט אַ הויז, אויף דער בערג־פּאַנאָראַמע;
טרערן־פּליסטער פון באַרג־קוואַל, אַ, טרערן דערוועריגט מיך;
ווי דער באַרג, שווער געשוואָלן דאָס האַרץ — אוי, וויי, מאַמע!

ווערגט קאָנווערטן — דורך לענדער געשטעמפּלט — אַדרעסן,
פון שוואַרץ־יאָר ווייסע טויבן צעפּאַטערט — צעפלאַטערט —
יאָרן — טויבן, ניט וואַרקעט, פאַרגעסט ניט — פאַרגעסן;
כיטרע ראָבן צעפרעסן — צעפלאַטערט! ניט מאַטערט!

שריפטן־תהומות, צעעפנט דעם געניץ, פאַרשלינגט שוין —
עפּעמערע־געצאַפּל, אין שפּינגעוועב־בריוו.
ים־לעגענדעס, אַנטרינט, טריקנט־אויס, צו דערטריקנט שוין,
מיטן ענדלאָז־געזאַמלטן בלוט־ים אַרכיוו.

אָט, אַ בריוו, שרייט מיט סודות, אין שלייערן זיבן,
טויט־פאַר'חתמ'עט: „פון אומקום צום אָנקום־דור, עפן";
אונטער גיפט־בעכערס שטעמפּל, אין טויטאַנגסט געשריבן,
עס זאָל קיינער ניט טרעפן — זאָל קיינעם ניט טרעפן.

און אַט שטשערעט אַ שריפּט, מיליאָן־גיהנום־וואָן־צוואַנגען,
מאָרד־פאַרלאַנגען, דורך וואָן־גאַנג גוואַלד־קראַנקן צעפּלינדער;
אַזאַ שלענגלען פון מויל־געקנויל גיפט־ווערטער שלאַנגען,
מיט פאַרצאַפּלטע זינדער, אויף גיהנום־פלאַם־צינגער.

שורות שלאַנגען־גיפט טשישעט, פלעכט קנוילט צום באַטריגן,
און אַט בוזימט זיך שלאַנג: „גליק! אַ, גליק! ניט באַטריג!"
„גליק" — באַטריגן — פאַרשפּיגן, גראַם — קאַמאַרעס, סם — פליגן,
שניי, מיט וויי „פעדער־פעי", דורך זנות־קלעי — מיט מוזיק.

סאַקאָוואַיאַזשן, שופלאַדן — געמלדער, געשילדער,
פלאַם־געצונדן — פאַרלאַשן, דורך יאָרן־סעקונדן;
וועלקן, געלבן זיך, בלייך־און־בלאַס בריוולאַך, שריפט, בילדער,
פלאַצן־אויף פון דאַס נײַ — אַלטע מכות, נײַ וואונדן. — — —

מײַן באַרימטע . . . „ניט־באַרימטקייט"

אַ, שומר פון דער נאַכט —
אויף דער לבנה טאַנצט איצט אייביק־אייביקייט׳ס געדויער,
פון אַלע זון־זין, שטערן־טעכטער — אין איר אָפּגלאַנץ־שפּיגל;
עס גייען אַן אַזעלכע טענץ, אויף דער לבנה׳ס טרויער,
מיט מײַנע יונג־געטויטע לידער — אין תכריכים־ניגון.

אַ, וועכטער פון דער נאַכט —
אַ, וועכטער, ביים געלעכטער־יאָמער־טאָל, פון טרוקענע ביינער,
וואו יאָמערט שטילקייט־טויט־געשריי פון חלף־טויב־און שעכטער? —
— אין ליד — מײַן אומגליק־לאַך, צום „בויט־און־ברויט" געטויטן לייענער.
פאַר לבנה־גלאַנץ — דורך נעכט־געפּעכטער שלאַכט פון די געשלעכטער.

אַ, היטער פון דער נאַכט —
עס שרײַט דער טויט פון מײַנע טויזנט יונג־געטויטע לידער,
צום האַר פון „בית־הכבוד" — פאַר דער וועלט, צום טויט־פאַרשווײַגן.
עס פאַכט די פויסט פון טויט, אין כף־הקלע־ און תהום־דערנידער,
פון מײַנע ניט־געבאָרענע קינדער, אין זײַן טויט־פאַרוויגן.

אַ, וועקער פון באַגין —
זי יאָמערן: מיר ווילן „זיין״, מיר ווילן „זיין״, אוי, טאַטע!
אין זייער מוטער׳ס ברוסט — שטאָט מילך — ברענט אַנערקענער׳ס שטעמפּל.
די טויט־געבערערין! געלאָזט זיי טויטע — ניט געהאַטע,
זי געניצט איצט מיט טויט פון אַנערקענער׳ס טויטן־טעמפּל.

אַ, שומר פון באַגין —
איז דען אין יאָמער־ים פון סם פאַראַן, ווי איך, נאָך איינער,
וואָס האָט די אַנערקענעוואַטע פויל־פּוזאַטע פויקן־פּוסטקייט
אַזוי צעקלונגען טויט־שווייגן פאַר וועלט פון מיינע לייענער,
מיין דממה־דקה־ליד אין וועלט־באַרימטסטער ניט־באַוואוסטקייט!?

אַ, וועקער פון באַגין —
עס קלינגט אַ וועלט מיט מיין באַוואוסט־באַרימטער „ניט־באַרימטקייט״,
פון פוסט און פאַס באַרים־פויק צו דער זון אַרויף געפייקלט;
מיין דינקייט־ליד צום דין רופט גראָבער ניט־פאַרגין־פאַרדינטקייט,
גייט דורכן וועלט־אַל, פאַר געוויין־געלעכטער וועלט־צעקייקלט...

אַ, וועכטער פון דער נאַכט —
וועט סיטרא־אחרא פידלען מיטן עק, לאַנג, אָן אָן עק, ביז וואַנען?
ביים קוואַל פון גוטס, וואו ס׳רייט דאָס שלעכטס אויף גאָט־באַשאַף באַפליגלט,
פליט שקר הימל־הויך היינט, אין קאַרעטן־עראָפּלאַנען!
און מיט זיין טריפוואַקס־שטאַמפּ, מיין ליד, אין הימל־טיר פאַרזיגלט.

אַ, שומר פון דער נאַכט —
מיין ניט־באַוואוסטקייט פּראַלט אַרויס מיט גאַז פון טויזנט באָמבעס!
עס קנאַלט אַראָפּ דער טויט אין דזשאַז פון טויזנט עראָפּלאַנען!
מיין ניט־באַרימטקייט בלוטיקט פון מיליאַנען געמבעס, גאָמבעס
אין לבנה־נעכט־געפעכט פון פּלאַם־צעפּראַלטע ווייבער, מאַנען.

אַ, וועכטער פון באַגין —
עס וואַכט אויף דער לבנה איצט דער אייביקייט־געדויער,
פון אַלע שטערן־טעכטער, זון־זין — אומזין, רויב און ליגן.
עס וואַכט אין שלאַכט פון די געשלעכטער דער לבנה׳ס טרויער,
אויף מיינע טויט־פאַרשנייטע לידער אין תכריכים־ניגון — — —

1933

די „פּיל־פּאַרשפּרעכענדע"

די וועלט, די גאַנדז, אויף שמאַלץ, פאַרפּוצט מיט ראַזער ליענטע,
זי שוועבט אויף שוואַן־געזאַנג, צום אָפּנאַר, וואָס זאָגט־צו;
זי קעכלט קיכעלאַך, די „פּיל־פּאַרשפּרעכנדע־טאַלענטע",
אויף קעז פון פויגל־מילך, פון — דאַך־געפלויגן־קו.

די וועלט האָט ליב איליוזיעס — גולם־ערנסט־ליגן,
אויף וועלט־בוידעם מיט ליגן ליגנדיק — הויך! גרויס!
ס'האָט ליגן־וועלט, אויף ליגן־פליגל, ליב זיך וויגן,
טעאַטראַליש־זיס, מיט שוואַן־געזאַנג, אויפן שוויינען־שויס.

די וועלט האָט ליב אויף ליגן שטייגן, ניט געשטויגן,
צום גאָלד־בעט־ליגן פאַלשקייט צוזאָג־גאָלדקאַרעט,
וואָס פליט פון ערגיץ־ניט־אין־ערגיץ־ניט־געפלויגן
מיטן „וועלט־באַגאַבטן־פּיל־פּאַרשפּרעכענדען" פּאָעט.

די וועלט, דער אַלט־סקאַרבאָווער כיטרער נאַכזאָג־פויגל,
פּיקט אָפּנאַר־קערנער פאַר דעם צעטל חיי־שעה,
זי ציט דעם גורל, גנביש־כיטרע, ווינקט אַן אויגל,
און קראַקעט אויס דעם אָן־ענד־גאַר־ניש־ניש־נישטאָ. — — — —

בת־השירה

אָ, בת־השירה, וועלט־געקרוינטע,
פּאָעזיע, קינד פון שׂרפים־גלי;
מיט שטיינער — בלוטיק־וועלט־באַלוינטע,
מיין שיר־המעלות כרובים־פלי.

דו, מיין פורעניות־פרייד־סימפאָניע,
מיין פלאַם־געפלאַטער, אומרו־רו;
דו, אין מיין טיפן ים אַגאָניע,
מיין טרערן־רעטונג־רינג ביסטו.

אין וועלט־געציטער חוט־השדרה,
דו אומעטום־פאַראַנענע ;
דאָך, כבקרת רועה עדרו,
וועלט׳ס זעלטן־זעל־פאַרשטאַנענע.

נאָר דעם, אין טרערן־קוואַל געשפּיגלט,
באַרירט דיין שכינה־פייער־קוש ;
דורך אים, מיט דיין גרויס צער באַפליגלט,
וויברירט דיין פליגל־שאַרך, גאָט׳ס אויסטראַל־חוש — — —

1933

קיניען די גאָלדענע קרוין

ברודער קין, אַ קרוין איז דיין שטעמפּל אַלס גזלן,
גאָט אַליין האָט געקרייצט דיך צו מאָרד און פאַרברעך ;
אַ, דער הערשער־קאַפּריז ! איין קינדס קרבן צו פסלן —
נאָר אַלמעכטיקס קען זיין אַזוי אומגערעכט, פּרעך !

ברענט דיין פּלאָם רויט, פאַרשעמט, ווייל דו האָסט ניט גע׳חנפ׳עט.
דער קונסט פעלט די קונץ, כאַפּן גאָט פאַר דער באָרד.
הבל, גאַרנישט, רויך גרייכט אין גאָטס האַרץ פרום, פאַרגנבעט.
און ס׳האָט גאָט דורך דיין האַנט זיך פאַרבלוטיקט אין מאָרד.

און ווער ווייסט ניט די וואונדער־שיינע מעשה פון מבול,
אַז די טויב האָט געבראַכט פון יבשה דאָס בלאַט ?
נאָר אין יעדן דור־הפלגה איז פאַרקויפטקייט קאַפּאַבל,
צו באַזינגען די ראָב, פאַר דער נאָבעלער טאַט.

ווי באַוואָנצלטער גאָט, וואָס פאַרפירט די בלענד־בלאָנדע גערמאַנען,
צו דעם וועלט־מאָנסטער בלוטיק־צעכוואַליעטן פליוך,
האָט פון זיינע בלאָנד־בלינדע שעפּס־וואָלף אונטערטאַנען,
אויסגעהאַקנקרייצט פיל מיליאָן גאָלד פאַר זיין „בוך״.

און ווי איך, איצט, איך לעסטער דיין ניט־אָנערקענער,
איצט, שפּעטער, מיליאָנען, צי טויזנטער יאָר,
אָט אַזוי וועט פאַרפלוכט זיין אויך מיין ניט־דערקענער,
ביי די קינדער פון אמת, פון שפּעטערן דור.

וויפיל ליכט לויכטן־אויף ערשט אין לויכטיקן שפּעטער,
ס'ווערט דיין קרבן, טאַלענט — נאָכן טויט אנערקענט.
דו „בייסט קיינעם קיין שיך, איז דיר קיינער קיין פעטער",
שענקסט דער קריטיק ניט קיין מעבל־ווייך־געשטאָפּטן סאַקראַמענט.

פאַר דער זון־גאָלד פון מאָרגן, ווערט די וואָר ניט פאַרמיטן,
פון דעם עולם־האמת, צעבליט זיך דער סוד.
נאָר דער איצט, בליט מיט קראָפּעווע־בוריאַן־פּאַוואָריטן,
ברענסט פאַר שאַנד! נאָר אַזוי דרייט די אַקס אונדזער ראָד.

אַ פאַר'משפּט'ער, מיטן נע־ונד־צייכן אויפן שטערן,
האָסט דאָך, קין, ניט געוויילט זיך דיין וועג נע־ונד,
און דו וואַנדערסט אַליין מיט דיין לאָגל פון טרערן —
דיין נשמה בלייבט ריין, אָריגינאַל העכסטן גראַד.

ניט געפּוצט זיך, ווי אַלע, אין זעלבן אוניפאָרם,
אָן דעם בלישטשעדיקן קנאָפּ, אָן דער פעדער אין הוט,
ברענט דיין אינהאַלט פרעמד, ניי, אַזש עס בלענדט פון דיין פאָרם.
ס'גלאַנצט דיין פעדער — ניט אין דרויסן, נאָר טיף אין דיין בלוט.

שווער דער וועג פון אַליין־גיין; ניט געטראָטן נאָך — בתולה;
דאָך, געטרייסט זיי, בלייבסט ריין פון דעם חניפה־שטויב־לויב —
כאָטש דיין לאָגל פון איינזאַמקייט־טרערן ווערט פולער,
דאָך דיין בלומען־שטויב ריין, — אָן דעם גאַס־און־מאַרק־שטויב.

און כאָטש שווער, ווי די בערג, איז דיין נע־ונד וואַנדער,
צו די זקנים פון וויזהייט, די שווייגעדיקע בערג,
און דאָך טראָגסטו עס גרינג, ווי אַ כלה איר גירלאַנדע,
ווי די מוטער — איר קינד, ווי דער שאַפער — זיין ווערק.

:: :: ::

ברודער קין! איין וועג זיינען אונדזערע וועגן,
דו — דער מערדער פון דיין ברודער, און איך — פון זיך אַליין.
הייס טוט קושן די זון, ריין טוט וואַשן דער רעגן,
אויפן באַרג־שפּיץ, אונדזערביידנס געביין, פול געוויין — — —

1935

געלאַטעט

מיינע לידער, מיין ים — מיינע וועלט־פּיין געברויזן,
ריסן, איבעררייס־טרוים — האַרץ־און־גאַל־געברויז,שוים;
צווישן לאַטען דעם קעניגס, דעם לעצטנס, פאַר הויזן,
און דער נעגער־דינסט קירצן ס׳קורץ־קליידל דעם זוים.

ווי די וועלט, איינג — ביז פּלאַצן, צום שויס קורץ — פאַררי͏סן,
שרייט דער זוים צו דעם רוים, פון דעם דור־דורות־ראַד.
רייט אַריין שטאָלץ־פאַרריסן דער קעניג דאָ, צווישן
מיין אַלט־מאָדיש לאַנג ליד און — קורץ קלייד, אַ־לאַ־מאָד.

און רייסט־איבער מיין ליד, הויך פאַרריסן־מעלאָדיש,
מיט די לאַטעס צום רייטן! וויץ — טראַגיש! ליד — גרויס!
אַזש כ׳באַוואַש אייך, אָ, לידער! מיט טרערן — אַלטמאָדיש,
צו פאַרלאַטען די וועלט — פון דער פעל פלאַץ איך אויס.

פון דער פעל פלאַץ איך אויס, אויף אַ קלייד, אַ וועלט־ברייטע,
וואָס פון ליד רייסט מיך אָפּ ס׳ברייט ציגיינערן־קלייד;
ראַנגלט ליד זיך מיט קלייד, פאַלבט זיך איינס אין דאָס צווייטע,
בלומען, פאַלבן, געמעלד־ים מיט וועלטן — צו ברייט.

רייט געלאַטעט מיט לעדער — דורך לידער — דער קעניג,
די ציגיינערן לייענט אים ס׳בלעטל פון טיי:
אַז דאָס פאָלק אויף זיין קרוין־קאָפּ, ברענט — העכסט ווידערשפעניק,
און „פון דער וועלט איז אַוועקצוגיין — ווינד דאָך און וויי!"

און אַז ס׳ציגיינערן־אויג, אין זיין קעניג־האַרץ, בויערט,
קאָן דער קעניג ניט אויסהאַלטן מער און ער — ניסט.
ווערט ביים קעניג דער בליק שוואַרץ־וואואַלן־פאַרטרויערט,
און זיין גאָלד־פיסטאָלעט, דער ציגיינערן — שיסט.

זעט ער רייטן פון וועלט־שויס מיליאָנען סאַלדאַטן,
און צו זיין מאַיעסטעט, מיט „הוראַ״, טוט אַ הילך.
ווערט דער קעניג פאַרשוויצט און שטאַרק רויט — ווי אַ בראַטן,
פון זיין בלישטש־שוואַרצן פערד נעמט אַזש שלאָגן אַ „מילך״.

זעט ער פליען פון וועלט־שויס די פליער־סאָלדאַטן,
טוט צו זיין מאַיעסטעט פון די הימלען — אַ הילך!
און זיין „ד ע ר ל י י ז ו נ ג ־ אַ ר מ י י״ שיסט מיט לידער־האַרמאַטן:
מען זאָל שענקען די עופעלאַך, נעבעך, ס׳קאַפּ מילך.

זיין „ס אַ ל ו ו י י ש ן ־ אַ ר מ י י״ פּראַלט אין וועלט־אַל־געוועלבל,
לאָזט ניט רוען, מאַנט רו! מיט גאַטס טרובעס: טרו... טרו!...
מאַניעט, בלעקערצט, מיט טאַנץ־שפּיל צום גאָלדערן קעלבל,
וואָס זויגט אויס גאָר די מילך — פון מיין „לידערנער״ קו.

דער ציגיינערינס פּאַפּוגאַי זינגט פון מזל־פּאַדקאָווע,
צום משיח־אַרמייס ווייבערס גרימפּלען אָרגאַן:
... „פאַר די קינדערלעך, מילך — אליהו הנביא...
אליהו התישבי... הגלעדי... גלין־גלאַן...״

גלין! און גלאַן! מיינע לידער, איר וועלט־פּיין געברויזן!
ריסן — גוואַלדריסן־טרוים. לאַטעס — האַרץ־ און־גאָל־רוים —
צווישן לאַטען דעם לעצטינקן קעניגלס הויזן,
און דאָס קירצן ס׳אַזוי־אויך־קורץ־קליידל, דעם זוים — — —

מיין מי

...קאַן זיין, קאַן זיין — אַ, טרויער מיינער,
איך מוז מודה זיין, לכל הדעות —
אַז ס׳איז מיין פּייער, דאָך, גאָר זיינער,
איך באַ׳גנב׳ע אים — ווי פּראָמעטעאוס.

דאַרף וואָרצל, בלי, דער לידער־יאָדער —
און כ׳גנב׳ע טוי פון זיינע קוואַלן;
זאַפּט־איין דעם קוואַל מיין יעדער אָדער —
וועלטס טרערן־פאַל פאַלט — ניט פאַרפאַלן.

אַלץ פאַלט צום וואַגשאָלס באַלאַנסירונג —
פאַר אַלדע קרומוועגנס פאַרגלייכן;
ווער ס׳נעמט גאָטס בליי, איך — זונגאָלד־צירונג,
ווער ס׳נעמט מיין טרער, איך — שכינהס טייכן.

ווי טייך־רעפלעקס טוט דובליקירן
ווען מוטער־שוואַן — אין דובליקאַציע —
די קינדער־שוואַנעלעך טוט פירן
דורך זונגאָלד־פּראַכט אין שטילקייט־גראַציע.

כאַטש לץ „כאַפּ־לאַפּ״ קומט חוזק טרייבן,
פון דעם וואָס האָט אים וואָס צו געבן;
ווייל לץ קומט יענעמס ברעקלעך קלייבן,
אויף פרעמדס, זיין חוזק — „מאַכט זיין לעבן״.

איז וואָס איז דאָ זיך דאָ צו שעמען?
זינט גזלה איז ניט אומבאַרירלעך;
איז מאָגט איר זיינס ביי מיר אויך נעמען,
און צווייפלען צי ס׳איז מיינס — נאַטירלעך.

דאַרף זיין „זשעני" זיך ניט זשענירן,
אויב איר זענט דאָ אויף אַ ל ץ קאַפּאַבל,
און קאָנט'ס אַלס א י י ע ר ס פּאַטענטירן
ווייל מ י י נ ס — איז ז י י נ ס, גרויס — „פּאַטענטאַבל" !

אויך איך — איך צווייפל, גאָט ווייס, גאָט ווייס,
מיין מי איז נ אָ ר דאָך ז י י נ ס — קאָפּירן.
איך טו נ אָ ר וואָס ז י י ן ליד־געבאָט הייסט,
מיין ווערק — זיין ווירקונג, זיין דיקטירן.

און א י ך קאָפּיר — זיין ערד און הימלען,
לויט ז י י ן מ אָ ד ע ל — כ'מוז טריי באַנייען.
זיין בליץ־סימבאָל שניידט גאָלדענע גימל'ען,
פון זיין מיסטעריעס גאָלד־כלי־זיין.

לויכט זיין קאַפּריז פון הויכן היכל,
מיט דונער־בליץ געבייטשט — וועלט־מורא —
מוז איך דערבליצן גרויס זיין שכל,
צום פּראַכט־כלי־זיין פון זיין תורה.

מוז איך דאָך אַלץ — מיט בלוט — דערמאָלן,
אָן בלוט — צו טרוקן וועלט־בראָך־פאַרבן.
וואו אייביק מוז דין־חשבון צאָלן,
דער זאַמלער פון די גאָלדענע גאַרבן.

דערקלערן נביא ישעיהו —
זיין אייביק־לערנען ניט דערלערנט,
דערפּערלען נביא ירמיהו —
זיין טרערן־פּערל, ניט דערפּערלט.

ס'גייט וועלט אין לעבן — בלוטיק־נייטיק —
איך זאָל דערזינגען י ע נ ע ם מאָרגן,
וואָס יונגער קיטס האָט ניט דערווייטיקט —
ס'האָט אַלטער טויט אים יונג דערוואָרגן.

מיט שעליס וועלט־האַרץ, פּיין־צעשפּרונגען,
מוז איך דאָ דורכגיין דאַנטעס גיהנום;
ער — יונג דערטרונקען, ניט דערזונגען —
מוז איך דערזינגען — ליד־דערברענען.

געטונקט אין בלוט, געוויקט אין טרערן,
מוז איך פאַר גאָט געטריי קאַפּירן —
וואָס ניט דערשלוכצעט פאַר די שטערן,
האָט גרויסער בייראָן, נאָך שעקספּירן.

אַ, שאַפונג־פרייד־און־טרויער מיינער,
איך ווייס — פאַרשטיי עס — אָן שום טעות,
אַז ס׳איז מיין פייער גאָר דאָך דיינער —
ס׳נעמט פּראָמעטעי — ביי צעוס־צבאות — — —

מיין סטיל

צעבראָכענע אָדלער־פליגל פּאַכן,
אין שווערן לאַסט פון מיין געדיכט;
אין אימפּעט קראַכט וואָס — לאַכט, צעבראַכן,
פון איבערלאָדענעם געוויכט.

ווי איך, געבראָכן פּאַכט מיין פעדער,
מיט פּתח (—) טירלאַך, פּינטלאַך־(...)־שריפט.
פון אונטער זומפּן־שווערע רעדער,
טריפט, טריפט, מיין האַרצבלוט — טריפט־טריפט־טריפט.

ס׳האָט ווער פאַרבראָכן אַ פאַרברעכן,
און איך שטאָם־אָפּ פון יענעמס דיך!
כ׳ווער רויט — גיב אָפּ פאַר יענעם רעכנונג —
דער וועלטס פאַרברעכן ברענט דורך — מיך.

אַט, ברייט־פריי־אָפנקייט צעעפנט
מיין נאַכט, מיט דורכזיכט־שטערן־פּראַכט ;
נאָר באַלד — מיט נעפּלען, בלוטיק, טרעף איך
פון טאָג די טויערן — פאַרמאַכט !

אַ וועלט־בית־עולם׳קייט — מיט גריבער,
אויף שאַרף־פאַרשפּיצטע בערג מיט לייד ;
אַזאַ צעבראָכנקייט ברעכט איבער,
מיין בליק־געדאַנק : אַט — טרער, אָט — פרייד.

אָט גילדט מיין שטראָם — זון־באַרג־אַראָפּ־פלוס,
און אָט — אַ שטיין, כבֿד־פּה — פרייכט, קייכט ;
אָט ברעכט מיין וואָרט־שפּיל, אין גאַלאָפּ־פלוס,
דעם שטיין, וואָס ווערגט דעם האַלדז פון טייך.

מיט הייסן הירש־בליק, שטראָם־געבראָכן,
אין טייך — פאַרשטעלט, פון לייבן־בריל ;
צעבראָכענע אָדלער־פליגל פאַכן,
אין איבערלאָדונג פון מיין סטיל. — — —

זיבעטאַלבן...

אייל זיך, מייסטער־דרוקער, דרוקן
מיינע ז י ב ן עקזעמפּליאַרן ;
ס׳דורשטן הימל־גומענס — טרוקן !
הימלען זיבן — לעכצן, גאַרן !

יאָ, נאָר זיבן ! גרעסטער דרוקער !
כדי זיי זאָלן דאָ ניט שימלען ;
ס׳איז דאָס לעבן זיס ווי צוקער,
דאָרטן — אין די זיבן הימלען.

ווען מיר די ז י ב ן שיקן —
אין יעהאָוואַ׳ס ביבליאָטעקן;
דאָרט, אין „ייוואָ״, אַלס אַנטיקן —
איינס אין יעדן הימל — שטעקן.

מיט דער תורה, נביאים, כתובים,
וועט זיך גאָט אין זיי פאַרטיפן;
ווען יעהאָוואַ, שרפים, כרובים,
שכינה־טרערן לויטער טריפן.

יעהאָוואַ׳ס שטערן וועט זיך פאַלבן;
טראַכטן וועט ער: לויב־קריטיקן!
מיך — וועלטס צוקונפט־דיכטער זאַלבן,
ה אָ נ אָ ר אַ ר, — זיין אויסשטראַל — פליקן!

וועט דער הימל זיך צעפּאַכן,
פליגלען וועלן בראַוואָ קלאַפּן,
און מיליאָן־מיליאַס מלאָכים
וועלן מיינע ווערק צעכאַפּן.

אייל זיך, מייסטער! גרעסטער דרוקער!
זעסט? די שטערן — שטערנס פאַלבן —
וועלט־קלאָג, הינטער וועלט־פאַררוקער! —
וועלן מיר דרוקן — זיבעטאַלבן!

וועלן מיר דעם האַלבן נעמען,
פאַר דעם עולמ׳ל התחתון;
וועט זיין ערד, דאָך ניט פאַרשעמען,
דער, וואָס זי טוט אים פאַראַכטן. — — — —

גרייט געלאָדן מיטן פּאַק

געווען אַמאָל אַזאַ סעקונדע, גאָט, ווי ס'טרעפט, דיר גיט זיך איין,
אַ דורכזיכטיקער מאַי־פרימאָרגן, שטילער שטיל און שיינער שיין;
האָט מיין דאָ־זיין, אין פּראַכט און שיין, פאַרבלאָנדזשעט „ז י י ן"
דיין פּראַכט־צעשיין,
ביים ווינקל־שטיין פון וועלט־געווין דיין דורכגעוויקטסטער פון געווין.

בין איך געקומען דאָ, צוגאַסט, אויף — ווי עס גיט אַמאָל זיך איין —
אַ וו ע ל ט ל־„פּ י י ן", פון טרערן־ווייַן — וואו „ס'צ ד ק ו ת" וואַשט
אין בלוט זיך — „ר י י ן".
פון אַלדי העכסטע דעכער פלייצט מיט בלוט־ווייַן, רויט, דורך געלן פיין,
און אַלע קעלערס, מויזנלעכער — בעכן, בעכער מיט געוויין!

און — שוין; אָט שטיי איך גרייט, געלאָדן מיטן פּ אַ ק פון — אומגליק־מיין,
איך דערקלעטער באַר צום שפּינוועבס־שפּיץ, וואו ס'ליגט און ווייַנט דאָס קונסט־געוויין;
צום פאַלשקייט־קוואַל, פון קונסט־באַרג־שפּיץ, איך ברענג מיין קרבן, טרערן־ווייַן,
מיין לעצטן טראָפּ — דער העכסטער פאַלשקייט! און — איך לאָז
אין וו ע ג זיך גיין — — — —

1936

רייניקייט־באַרוף

דער אַלטער אויפראַמער און קערער פון די דילן,
ער ראַמט מיר איין, מיט טרויער־האַרץ, אַ סוד אין אויער:
— „איך קער און פוץ און האַלט זיי ריין, די דילן — שפּילן,
און זיי, אויף מיר — זיי קוקן גרוי, פאַרשימלט — זויער.“

דו קריגסט דעם דאַנק פאַר האַלטן ריין די לייט פון ד אַ נ ע ן;
פאַרשטאַנען? נו, באַטראַכט מען דיך מיט אומריין־נידער;
פון וואַנען נעמטצעכעס? פון וועלכע אומריינס וואַנען?
צום רייניקער, אַזאַ מין אומריין קידערווידער!

— איך זע עס ריין, פון קדשי־קדשים נאָך, מיין טייערער —
— און איך אויך זע, איר פילט! אַזאַ זאַך פילט ניט יעדער —
— ווייל מיין באַרוף שיינט אויך פון זעלבן רוף, ווי אייערער:
א י ר דינט דעם ג ר י נ ג ן בעזים, א י ך — דער ש ו ו ע ר ע ר פעדער!

דאָס קריגט, פאַר „ר י י נ י ק י י ט“ דער קייטן־געצן־ברעכער,
דעם דאַנק — פון אייביק־יידנ׳ס קיינמאָל־פולן בעכער — — —

ליד — געדולד

אָ, ליד, דו וועלט־צעקראַצטע וואונדער־וואונד,
וואָס מיט דיין וועלטשאַפט איז מיין וואונד געהיילט;
וואו וואַלט מיין טרער, אָן דיר, מיין ליד, דערציילט
ווי הויך, און טיף, מיין וואונד איז, אָן אַ גרונט?

און מיט מיין וועלט־צעבראָכענעם געמיט,
צעבראָכן־קראַנק! — שייך קראַנק? — אַזוי געזונט! —
באַליידיקט, ליידיק — אויסגעזעצט דער שפונט,
וואו וואַלט מיין טרער געקוואַלט, אָן דיר, מיין ליד?

וואו וואָלט געפּיעסטשעט זיך, אָן דיר, נאָך טרייסט,
מיין איינגעזאָלצן־וואונד־געקושטע טרער ?
מיט וועלט־שולד אויגן־ווערכן איבערפולט,
פון גאָט־קאַפּריז, וואָס נאָר מיסטעריע ווייסט ;
ווער וואָלט עס נעמען ? נאָכגעגעבן ? ווער ?
אויב ניט דו, ליד, דו אייזל־גאָט־געדולד ? !

זיין מאַיעסטעט — מיין טרויער

אוי, טרויער — קושסטו, האַלדזסטו מיך !
און שייך געטריי ? — אַזש ביז אין ביין !
פון זעלבן טראַכט, פון זעלבן דיך,
איין ביין — פון איין גרויס וועלט־געוויין !

סאַי יום־טוב, סאַי אין פּראָסטער וואָך,
מיין טרויער־טרייער קאָמפּאַניאָן ;
דו קלינגסט פּארויס און זינגסט מיר נאָך,
מיין טרויער־טרייער פּאָטשטאַליאָן.

דיין אייביק־טראַגיק־קייט־גלין־גלאָן,
לאָזט קיינמאָל מיך ניט אומעטיק —
אָ, טרויער — לאָזסט מיך ניט אַליין ;
צום אייביק־טרויער־קאָמערטאָן,
דיין אַלוועלט־אומעטומעדיקס —
שפּילסט־איין אין מיין קלאַוויר־געביין — — —

1924

פערל־שטויב

קויפט — טרערן־פערל־שטויב! — קויפט, קונים!
אַלט־פרישן פערל־טרערן־וויין;
מיט פיין פון זויגלינגלאַך און זקנים —
געטובלט אין זון־שטערן שיין.

קויפט! קויפט! בלוט־ריימען, טרערן־סטראָפן,
וואָס רייצט צו זינד — ווען ס׳וואַשט די זינד;
צעעפנט וועלט־ליכט־ליד — ברייט אָפן,
זאָל וועלט ניט זיין מער לידער־בלינד.

פאַרבלענדט פון בלענדעניש־גאַזעטן,
מיט חושך־פינצטערסטן דערפאָלג;
פאַרשפיגן — פוילן מיר, פּאָעטן —
פאַר אונדזער בוך־ און תורה־פאָלק.

קויפט — טרערן־וויין! דאָקטוירים זאָגן:
ס׳פאַרמאָגט וועלט־היילונג־וויטאַמין;
עס היילט דעם יושר און דעם מאָגן,
דינט האַרץ און זין און משפט־דין.

ס׳ברייננגט דינקייט, צומצום, צום פּוזאָטן,
ס׳ברייננגט פרייד צום אומעט — אומעטום;
און ס׳ראָט דער שד — צום טייוולס טאָטן —
אנשטאָט אַ לאַנד, צום יידנטום!

קויפט! — קריטיקער־דאָקטוירים ראָטן:
צום פען־פאַרשאַרף פון דיכטערטום;
ס׳טוט שאַרף צעהאַקן וועלטס קאַנאָטן
פאַר וועלט־באַרימטקייט! כבוד — רום!

בלוט קלינגט אין מיין ריטם

עס קאָן זיין אַז צו יונג נאָך האָב איך זיך דערוואוסט פון אכזריות און בלוט,
און צו־פרי שוין דערזען, ווי בלוט שפריצט פון הויל־לייב, אונטער גרויזאַמער
רוט;
כ'האָב געלערנט מיין יידיש אין בלאָט, אויף די נייס פון געקוילעטע קינדער,
און מיין צו־קינדיש בלוט האָט געקאָכט אינעם פייער פון וועלט־
אונטערצינדער.

ס'האָט מיין האַרץ מיט־געצאַפּלט אין חלף פון שחיטה־פאַרצאַפּלטן עוף,
זיך געטרונקען אין בלוט — אין מיין קינדערשן חלום — מיט גוואַלדן
פון שלאָף;
יענעם טאָג האָט געררישט גאַס און קלויז, אַז פאַן וואָל האָט מיין
שוועסטער געשמיסן;
און מיין ברודער — אין שליסלבורג; מ'דאַרף נאָך באַשליסן: „צי
הענגען, צי שיסן?...

פרייט זיך, דרייט זיך די ראָד — אויף איין אָרט — ניט פון אָרט!
שנעל פאַראויס — צום צוריק!
זעסט — דו דרייסט זיך אין ראָד, שלאַנג — אין ראָד, קומט בעטריגט,
נאָך אַ ליד, פאַר מוזיק;
שפּילט די שלאַנג, גרויס איר ראָל: אין „קריטיק"־„קונסט"־„מוזיק" —
אויף מיין האַרצשלאָג־סך־הכל,
ערשטע פידל שפּילט טייוול — איין פערטל־„קונצט"־דריי־פערטל־
זשוליק־ספּעקטאַקל...

און דערפאַר קאָן עס זיין, וואָס עס שרייט פון מיין ליד צופיל יאָמערדיק בלוט;
כ'האָב צו־פרי אויך דערפילט, אויף מיין קינדערשער פלייצע,
פון קונסט־מאַרק די קנוט.
ווייס איין גאָט ווי איך היט זיך אין ליד אַז דאָס בלוט זאָל נאָר ווערן
פאַרמיטן;
נאָר דעם בלוט־שליינגל'ס שלאַנג טוט אַ שלייך זיך פון גראָז און —
בלוט קלינגט אין מיין ריטם — — —

געקומען — מוז גיין

בין געקומען אַהער, אין דער פרעמד, מיט מיין איין־איינציק ציטערדיק ליד,
נאַר, אומגליקלעכערווייז איז, ווייזט אויס, דאָ צו פשוט דיין ווייזהייט־
געזאַנג;
קאָן דער קרומוועלט־גאַנג, אומוועג, דיין דורך־און־דורך דרך דירעקט ניט
פאַרשטיין.

נו, פאַרשטייט זיך, בין איך דאָך דער עקשן פון וועלט־ליד, דיין ייד־אינדיווִיד,
כ׳לאָז ניט פאַלן אין דיכטונג־רינג־ראַנגל דיין אַלט־יונגן בראשיתשאַפט־ראַנג
וואו איך קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס מען קאָן ניט פאַרשטיין מיין פראָסט־
בראשיתשאַפט־מיין.

ווי דו, גאָט, דיינע בוים־ און בלום־לידער, כ׳זינג איבער אין לידער דיין ליד,
מיטן קלאָרסטן געדאַנק פון דיין זונגאָלדן־טראַנק צו דערקלערן דיין גאַנג,
אויף די בערג פון מיין ווערק, וואָס איך בלוטיק און טרער, פלאַנץ דורך
דאָרן און שטיין.

אַזוי, אָבער און ווידער, אָן בראַוואָ — מיט ביס — ביז איך נויג זיך
גראָ, מיד,
אונטער באַרג פון פיל טויזנטסטן ליד, פון פיל טויזנט יאָר נביא־קוואַל־טראַנק,
ביז — כ׳לאָז איבער אין מיטן, מיט וועלט׳ס ניט־פאַרשטיין, מיין געוויין —
איך מוז גיין — — — —

1941

מיין לעצטע תפילה

אָ, גאָט, מיין גאָט ! זאָל זיין גענוג ! אַ סוף, אַן עק !
שוין, אַלע סודות, מיט די שטערן — אויסגעסודעט ;
דעם גאַנצן ביטער־ביר פון גאָר דער וועלט, ביז דעק,
האָב איך דאָך אויך צום שוידער־לעך שוין אויסגעשוידערט !

ווי ווערט ניט נמאס דיר די שפיל פון „קאַצע מויז",
פון נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ שעה, קאָמי־טראַגעדיע ?
עס ציט זיך פעכיק, שלעפט זיך — לאָזט זיך גאָרנישט אויס —
די גאָרניש־ניש־מיט־גאָר־ניש־ניש־טראַגי־קאָמעדיע.

אַ סוף זאָל זיין מיט דיין בורלעסק און וואָדעוויל,
אַן עק זאָל נעמען מיט דעם שונד־ און שאַנד־טעאַטער.
פאַרלעש די שרייעדיקע לאָמפן — זאָל זיין שטיל,
פון הור־ און גנב־־פאַרס־פאַרפאַסונג, פיין און מאַטער.

גענוג מיר שפילן, צווישן קרעמער, דאָ, דעם גלאָמפּ,
וואו מ׳טענצלט קאָזשלקעס מיט חניפה־רעצענזענטלעך ;
לעש אויס דעם לעצטן שטערן־זון־לבנה־לאָמפּ,
און — אויס די שפיל מיט פאַלש־אַפּלאָז, פון פרעס־אַגענטלעך.

דאָס טעאַטער־שטיק, מיט פוילע שטיק, וואָס ווערגט און שטיקט,
ווי קום איך דען, מיט סיני־באַרג, אויף מיין קליין פלייצע ?
און לויט ד ע ם ש ט ר י ק ל, טענצלען אויף דעם איין־מענטש־בריק,
נו, בלייבט שוין ניט, אָ, גרויסער גאָט, קיין ראָט און עצה.

זאָל זיין ס׳איז וואָס — מער־ווייניקער — מיט מיר „דער מער",
זאָל זיין די שולד איז מיין ! און אויב אַזוי אַפילו —
עד ! לאָז׳סגעמאַך ! — מיט האַק און פאַק, מיט לעצטער טרער,
און אָנגענומען ווערן זאָל מיין לעצטע תפילה.

אָ, גאָט, מיין גאָט ! רייס איבער — קורץ — זאָל זיין גענוג.
מיין לעצטן וואונק צום לעצטן שטערן, אָנגעוואונקען,
דעם גאַנצן ביר, פון שאַרבן וועלט־סקעלעט, דיין קרוג,
שוין ביז אַ לעק צום דעק — מיט לעצטער טרער פאַרטרונקען — — — —

ליד — אמונה

אַנגעצויגן שטערן־סטרונעס,
אויף דער נאַכטהאַרף חלל־לופט,
שפּילט די האַנט פון ליד־אמונה,
וועלט־מיסטעריעס שכינה־רוף.

אויסשטראַל ציטער־קלאַנג פון ווערן,
ציטער־סטרונעס קוש־באַריר ;
שטערן אָפּבליאַסק־קוש מיט שטערן,
שלאָגט דורך נאַכט־פּולס טייך־וויבריר.

וועלטן ווייט־געזאַנג צו וועלטן —
ליבע־וואַנדער זיפץ־געזאַנג ;
פּאַר לבנה־שטראַל־געצעלטן —
וואַנדער־פליסטער טייכן־גאַנג.

פון דעם הימלס שטערן־אייטער
סטרונעס גאָלד־מילך פליסט צום טייך ;
שפּילט דעם אָפּבליאַסק ווייט צום ווייטער,
ווייט — פון אָפּדאַכט־קעניגרייך.

אַנגעצויגן שטערן־סטרונעס,
אויף דער נאַכט־האַרף־חלל־לופט ;
שפּילט די האַנט פון ליד־אמונה,
וועלט־מיסטעריעס שכינה־רוף — — —

1928

גזלן־הור — ליטעראַטור

אַ גרויסע קלאָג איז אויף דער וועלט! אַ, אַבי! אַבי!
פאַרנעם איר גרויס־געוויין, אַ, הימלשער באַוואוין;
ווען פאַלשקייט האָט די אויבערהאַנט — ווי ס׳קלאָגט דער נביא —
און ליגן טראָגט — מיט דימענטן — די גאָלדנע קרוין.

עס שלוכצט די וועלט, אין בלוט און בלאָטע, קראַנק, פאַרשפּיגן,
פון אונטער טראָט, פון גרעסטן גנב־גזלן־הור,
וואָס רופט זיך הויך, מיטן שענסטן נאָמען פון דעם ליגן:
„עסעי־ראָמאַן־פּאָעזיע״ — קונסט — ליטעראַטור״!

און אונטער דעם־אַ פאַלשן נאָמען, קרוין און שטעמפּל,
באַקלאָגן זיי איר קלאָג — אַלס זייער קלאָג־פאַרמאָג;
אויף זייער האַלדז הענגט ס׳גאָלדן שליסל פונעם „טעמפּל״ —
אַלס קלאָג־עקספּערטן — לאָזן קיינעם ניט צום קלאָג!

און גלאָריע־שיכור, הוליעט „קונסט״ — און חוכאַ־טלולאָט,
צום גלחיש־טענדעווענדעס אויגנלאַצעניש־„קריטיק״,
וואָס טיילט צום „אייגן־מענטש״ מעדאַלן, פּריז־טיטולן,
פאַר ליריק־סאַכאַרין־כליק — זיסקייט חלף־כיק.

און קינד און קייט טייטשט ס׳ליד, מיט פרום־פאַרגלאָצטע אויגן,
דער שרייט, אַז זיינס איז ס׳העכסטע קונסט־טייטש — לויט פּאַריז;
און דער שטייגט הויך — אַטהען־געשטויגן! רוים־געפלויגן!
נאָר קיינער ווייסט ניט, פאַר דער וועלט־קרענק, וואָס קונסט — איז!

און אַט, שוין אויך ס׳„אין־זיך״־קינד, גייט אין טאַטנס היטל,
רעדט טאַטע־גרויס, אין טאַטנס קאַמעזויל — ביז דר׳ערד,
און שפּרייזט אין טאַטנס שטיול, ביזן האַלדז — ציט ס׳קוויטל
פון ליד־פּאַרטייטש — אויב וויסן ס׳קונסט, איז אונדז באַשערט!

אַ, וועלט, מיין וועלט! מיין איינציקע! אין פּיין יסורים,
וואָס אויף איר קראַנקן האַרץ טאַנצט גנב־גזלן־הור,
און שטאָלצט־אַראָפּ פון עלפנביין־געפּעלשטן טורעם,
און דרייט זיך אויפן קונסט־ליד־קאַרעק — „ליטעראַטור״.

און מער יאַר־טויזנטער דער קינסטלער „וואַקסט״ באַגראַבן,
נאָך הונגער, צער — מער טויזנטס, קריגט קריטיק, זיין שכר!
ווייל הור־שבתאָוויצ׳ס אָרון־קודש מוז זיך לאָבן —
לויט קונסט־אַלפאַנס — מיט מוזע־רייניקייטס אַן עקזעמפּלאַר.

און ס׳כאַפּט זיך אַן די קראַנקע וועלט אַן שאַרף פון מעסער;
נאַר, הענט צעבלוטיקט, וואַרפט זי זיך צום פייער־צונג;
דאָך — אפשר איז די שלאַנג גאַר גלאַטער, קילער — בעסער?
און, פאַר פאַרצווייפלונג — טוז! — צום שלאַנגען־פּיסק אַ שפרונג.

און ס׳צאַפּלט זיך אין פּיין, פּורעניות פון גסיסה,
פון נאַרן־„קונסט״ — אַן נערונג־קונסט — פאַרסמט, די וועלט;
און „זיי״, די הור — קונסט־ליטעראַטור — ווי פאַר איר מיתה,
זי לאַכט אין אַרבל, פון דער וועלט, צעזעצט און קוועלט! — — —

1922

דעם אייביקן גאַנג

אַזוי, צענדליקווייז, „אַ ל ע נ ק ע" — גייען דעם גאַנג,
מען באַגעגנט זיך ניט און מען זעגנט זיך ניט;
און אָט זיצן שוין אַנדערע לייט אויף דער באַנק,
וואו מ׳פלעגט איינער דעם אַנדערן לייענען ס׳ליד.

אַלץ דאָס זעלביקע ליד — דאָ אין זעלביקן פּאַרק —
מיט דער זעלביקער איבערגעפּערלטער טרער,
וואו מ׳פלעגט איינער דעם אַנדערן לויבן זיך שטאַרק,
און די ג ד ו ל י ם — פּאַרניכטן מיט שאַרפסטן געווער.

און מען פלעגט זיך עס אַמפּערן וועגן דער „ק ר ו י ן",
וואָס איר רום שווערט אַראָפּ פונעם קאָפּ פון פּאָעט;
און, פאַרשטענדלעך: אַן „א י י ג ע נ ע ר מ ע נ ט ש" קריגט דעם לוין,
און דעם פרעמדן — אַרונטערגעריסן! באַרעדט!

און האָט ווער אָריגינעלט פון אַלטפרענקישן גראַם,
זיין ליד־מעשה געמייסטערט מיט בלוט־שפּיל גאָטס וואָרט,
פלעגט מען שפּאָטן פון אים אַ גאַנץ זומער ביים ים,
און מ׳פלעגט ווינטער ז י י ן ענלעכקייט זען דאָ און דאָרט!

און האָט ווער אין „פּאַרגאַנג" זיך אַ לידל געדרוקט,
צי אין טאָוולען דערשינען איז עמיצנס בוך;
און האָט ווען „דערמאָנט" די קריטיק, וואָס „פּאַרקוקט",
פלעגט עס שלאָגן פון יענעם מיט גאווה־געדוך.

האָט „ס׳קריטיק" אים דערמאָנט אַלס אַן אַ ר ב ע ט ו ר ע ר
און באַקידוש־לבנה׳ט זיין נאָמען, זיין ווערק —
פלעגט ער גיין אָן אַ קאָפּ — ווי אָן אַן עק גייט אַ בער
און פלעגט שפּייען מיט חוצפּה־פייערשפּייענדיקע בערג.

נו, און היינט — וואָס מיר לעזער!? וואו בוך?! — ניט אַן אות!
לאַנג, אַמאָל, איז געפלויגן אַ קו אויפן דאַך!
און אין ברוך ליגט דער טיגל, די וואָג און די מאָס,
און ניטאָ ווער זאָל מעסטן דעם בלוטיקן לאַך.

עד! וואו זיינען די „יונגע״? לעבט ווער נאָך פון זיי?
„שמירט״ מען ערגעץ אַרטיקלען? צי נייס אין אַ בלאַט?
קנעט ווער גולמס פון לידס פּאַראַיאַריקן שניי?
צי געשטאָרבן? צי חתונה ערגיץ געהאַט?

און אויך די, וואָס פון מיין שוואַרץ יאָר — מזל־פאַרקנאַפּט,
נאָך די „יונגע״, געבאָרן אַ פינף יאָר צו שפּעט,
ווען די עלטערע „יונגע״ די „קרוין״ שוין פאַרכאַפּט,
און פאַרוואָס? — ווייס נאָר גאָט, און פאַר ווען? — ווייס דער שד.

און עס ווייס אויך דער אירלענדער ממזר־יונג — דזשים,
דער, וואָס לאָזט זיך קיין „פּריסקאָ״ נאָך טאַבעק אַ שמעק,
אַזאַ ליבע פון יידישע דיכטער מיט אים,
אויך שוין ער פון דער יידיש־משפּחה — אַוועק.

און עס פירכעט שוין מער ניט דער הערבל „טאַגאָר״,
וואָס פלעגט לערנען טאַגאָרן, מיט שטאָלץ — אויף פראַנצויז!
פלעגט פאַרדייטשן אויף — ב ל ו י ז, אונדזער יידישן — נ אָ ר.
שוין אויך ער, מיט זיין „בלויז״, מער נישטאָ, נאָר אַ בלויז!

גרויסער גאָט, סאַראַ טרוקן, אָן טרערן, געוויין,
טוט צום הימל דאָס האַרץ אַזאַ שוואונג, אַזאַ הויב!
און דאָס האַרץ — ווי מען וואַרפט אין אַ ברונעם אַ שטיין,
און דאָס האַרץ טוט אַ שפּרונג — ווי אַ שטיין אין אַ שויב. — — — —

מענדעלי — ווילנע, 1909

(יובילײ-אימפּראָוויזאַציע)

די אײניקלעך גאַפן און קװעלן פאַר שמחה,
װי עס רוט אויפן יונג־גראָען זיידן די שכינה;
דער זיידע פון יידישער ליכטיקער דיכטונג,
װאָס זינגט אונדז פון גאָטס שײנער װעלט דער יונג־גרינער.

ניט דאָס איז ער אויסן, דאָך װערט ער באַצױבערט
װי אַ קינד, פון אַ גרעזל פון פרילינגדיק בלימל;
ער שװעבט מיט דעם שמעטערלינג, באָדט זיך אין שטראַלן —
אַ נשמה פון אײן ברעג ביז צװײטן ברעג הימל.

זײנע טענות צו גאָט טרײסלען אויף אַלע הימלען:
װאָס קלײן מענטשעלע טוט אין גאָטס קרוין, מיט דער „טאַקסע".
אויף גאָטס שײנקייט און פראַכט רייט — צעפּוילטקייט — ר' שימל,
און רייסט סטרונעס פון עק, ביי ישראליק די קליאַטשע.

זאָל לעבן און זינגען נאָך לאַנג, לאַנג דער זיידע;
יאָ, אַלט איז דער זיידע אין שכל און יאָרן,
ס'איז אָבער דעם זיידנס יונג־ריינע נשמה
נאָר קינדעריש־תמימותדיק, אַלט נישט געװאָרן.

זאָל לעבן און זינגען נאָך לאַנג, לאַנג, דער זיידע,
צוזאַמען מיט אונדז, זײנע אײניקלעך, קינדער,
באַצױבערט פון כאַר, װעלן גאָט און מלאכים
פאַרגעסן צו שטראָפן ישראליק דעם זינדער — — —

י. ל. פּרץ, 1910

אַט פלאַטערט־אויף אין אַלטן שטראַל, דורך נייעם, ווידער,
מיין פרץ־פרילינג־יאָר, מיין פרץ־יוגנט־זעל;
זיין נביא־בליק שטראַלט־דורך דורך מיינע ציטער־גלידער,
זיין נביא־ליכט־געשטאַלט גייט־אויף — צעפלאַטערט העל.

שטעלט ווייסנבערג מיך פאָר: „געבראַכט אַ מאָלער, פרץ.”
מאַכט פרץ: „לאָמיר הערן זיין געזאַנג־געמעלד.”
איך לייען. ער האָרכט־צו מיט טיפן דרך־ארץ:
„ניין, ניט קיין מאָלער — ס'האָט דער סקולפּטאָר אים פאַרשטעלט.”

אַט פלאַטערן פון זיינע פלאַמען־אויגן פונקען,
אַלפאַרב־געמיניעט — בראַנז־ברוין־גרין, אין מילד־בורשטין;
אין היילִיק היילונג נביא־פייער איינגעטונקען
נעמט־דורך זיין בליץ — מיין האַרץ, שטרענג־שאַרף, אין רחמים דין.

אַ פראָסטער מיטוואָך. ערב־שבועות. שקיעה־שטילקייט.
עס אומעטיקט פון גלאָז אַראָפּ דאָס צווייגל בעז.
די שטאַלצע, שטילע טויב — פרוי פרץ — גוטסקייט, מילדקייט.
זי גיט אונדז רעטעכלעך מיט סמעטענע מיט קעז.

דער סקולפּטאָר־מייסטער מעשה־בראשית'ט זיין סטאַטוע,
ער — אויף די קני, אין שטול, דעם קאָפּ אָן פויסט געלענט.
ער הערט זיך צו — ווייט, ווייט — צום עולמס אוונט־שמועס
און הומט צום שאָטנס ניגון־גילגול אויף די ווענט.

אַט פלאַטערט־אויף אין שטראַל, ביים ערב־שבועות, ווידער,
מיין פרץ־יוגנט־יאָר, מיין פרץ־פרילינג־זעל;
זיין נביא־בליק בליצט־דורך מיין ציטער־זעל און גלידער,
זיין העל־זע ליכט־געשטאַלט גייט־אויף — צעפלאַטערט העל — — —

מאָריס ראָזענפעלד

דו, רויז פון נביאים־רויזן־פעלד,
צעבּרויזטן בּוזימס טרערן־ים!
האָסט אָנגעכאַפּט בּיים האַרץ די וועלט,
מיט רויזן־ריח, שטאָכל־גראַם...

אָ, טרערן — ימ׳ען, האָסט פאַרמאָגט,
פון אויפבּרויז, אייבּיק „נייער צייט״...
געטרייסט, נביאיש, און געקלאָגט,
געוועקט „צום שטרייט״ — די „אַרבּעטס־לייט״...

פאַרבּרידערט זיי, דיין ליד און וויי,
געצונדן שטיין־הערצער — דיין טרער;
און ס׳האָט דאָס פאָלק זיין זיפץ־געשריי
געהערט פון „טרערן־מיליאָנער״...

ווען ניט דיין טרערן־בּלוטיק־ליד,
וואָס שלעפּט דעם גראָבּן דין צום דין —
וואָלט נאָך דער „שלעפּער״ שלעפּן מיד
צום וויסטן „שאָפּ״ די שטעפּ־מאַשין.

דאָך, האַרק, מיין האַרץ — שרייבּאַרניע־האַס
פלעגט איבּער דיר זיך זדזשעקעווען.
מיט שאַנד האָט שניידער־שרייבּער־גאַס
דעם שניידער — זיך — אין דיר געזען.

אין „נייס־בּעקאַרניע״ — יעדער עק
און בּעקער פון קריטיק־געבּעקס;
שלעפּט דיך — אין זיך — זיין שניידער־פלעק —
שטאָלץ־„אינפעריאָריק״־שער־קאָמפּלעקס.

און שאַנד איז זיי, דאָס פיין־געניי,
אין זייער שטשאַבּע־שרייבּעריי;
ווייל ווער ווייסט נאָך אַזוי ווי זיי,
ווי נידעריק ס׳איז שניידעריי?

ווייל, ווי דאָס רייַנע שניידעריי
פאַראומווירדיקט האָט דער פאַרטאַטש,
אַזוי האָט ער דאָס שרייבעריי
פאַראומרייניקט אויך — מיט שונד און קוואַטש...

גאָט! זינט זיי פלעקן מיט דער פען,
איז אויך די פען צו שאַנד און שפּאָט!
וואָלט זייער אויג דיין הימל זען,
וואָלסט זיך פאַר שאַנד צעיאָמערט — גאָט!...

דאָך, ריטער, דו, פון נאָדל-שער,
ס'ברענט אייזן-גלי דיין גלאָריע-קרוין!
מיר זיינען דאָך ניט „אַבי-ווער"!
אַ פּרינץ, אַ גוי, ווייסט אונדזער לוין!

האָט מיך געטראָגן אויף די הענט,
באַטיטלט: „קינסטלער, אַרכיטעקט" —
פאַר שניידעריי! אַלס קונסט-טאַלענט,
צו מעלדן — „יידן" — מיט רעספּעקט!

דו, קינסטלער, קאָנסט אַל-קענטשאַפט קונסט;
דו, „זיבן"-קונסטן-איינזאַפּ-שוואָם —
נאָר לאַטען מוז דער מוזעס קונסט — ביי אונדז,
פאַר שונד-שרייבאַר-לאַטוטע-קראָם.

צ ע ר י י ס ן ז י ך, אַלץ לאַטענדיק,
דעם גוואַלד-ריס שפּאַלט: שרייבאַרניע-פּראַק;
דיין לייבן-טראָן „פאַרפינטלט" פליג.
מיט מאָנסטער-האַק האַקט שונד-שאַנד-ראַק...

שרייבאַרניע-האַק — האַק! ראַק!... בלוט — ריז.
טראָפּ — צער- און צאָרן-טראָפּ — טראָפּ, טראָפּ.
עס האָט די האַק פון „טינט-לאַבירינט"
אונדזביידן אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. — — — —

מיין געזאַנג צו מיין עלטערן ברודער

(דערמאָנונג)

(צו דיין באַגרים־מיליאָן —
איך שטעל אויך מיינס אין קאָן)

דו, ערשטער רבי מיינער, רייזען!
אַוועקגעפלויגן יאָרן — דרייסיק.
אַ, ברודער, טייערער, אברהמ׳ל;
איך פלעג אַלץ „לידלען״, „שאַלעמייזען״,
ביז — כ׳האָב די „צייט־לידער״ גאָר פלייסיק
אַריינגעזאַפּט זיי, ווי אַ שווען.

ביזטו געקומען אין מיין געגנט,
און איך — אַ פּופּצן־יעריק יינגל,
דיך, דרייסיק־יעריקן — פּערזענלעך,
פון בילד — אין ווילנער גאַס באַגעגנט.
אויף טייטשישער, גיטקע טויבעס ווינקל —
מיט אַ שיינער מיידל — ווי געווינלעך.

דאָס מיידל — פרילינג־בלום, נאַיווע,
שטראַלט־אויף, אַ פרילנדיק־אַנציקטע;
אַז: איך און דו — ווי „מאָדנע״... ענלעך.
דו טוסט אַ שאָקל יונג דיין גריווע,
און וויצלסט זיך צום גראַם געשיקטן:
„נו, ווי געווינלעך: דיכטער — איינלעך״...

פלאַמסט אייפערזיכטיק: „ווער איז שענער?!״
טיילסט קאָפּיקעס די אָרימע קינדער;
און דער נאַאיווער — קאָמפּלימענטן.
און אָט, דו שענקסט אַ גאַנצן „צענער״
דעם „דזשאַד״ ביים קלויסטער, „אַלדע־בלינדע״
און רעדסט פון יידיש... ליד... טאַלענטן...

מיר פעלט אויס אָטעם פֿאַר דיין גרויסקייט,
און דו — פּראָסט־פּשוט, ווי אַ חבר
רעדט צו אַ חבר, זיינס אַ גלייכן.
דו רעדסט מיט האַרץ און אויגן־הייסקייט,
אין שטאָלצן גאַנג, ווי פֿון אַ פּאַווע.
מיר זעגענען זיך — ביי ביידע טייכן.

אָ, פֿרייד פֿון טייכן, אין באַגעגנען!
צום ים־צעזאַמענשליס — מיסטעריע —
וואָס ס׳איז מיין ליד מיט בלוט פֿאַרלאָפֿן,
נאָך אונדזער יענעם זיך געזעגנען,
אין אונדזער יידיש־לאַנד „לידעריע" —
זאָל קיינעם גאָט אַזוי ניט שטראָפֿן.

די צייט — זי לויפֿט. טוז! ווידער דרייסיק.
„אַהיים" — — שוין אַלע זיך „צעפּאָרן" — — — —
שוין — אָפּגעיויבעלייעוועט, יאָרידן:
ניו־יאָרק און וואַרשע, ליטע, רייסן,
עס קומען דורות, ס׳פֿליען יאָרן,
נאָר — אַלץ מען האַלט אין קוילען יידן.

— — — — — — —

שפּיל, גאָלד־פֿלייט, יידיש — ליד פֿון האַרבסטן.
שפּיל, וועכטער פֿון דער נאַכט, דורך נעפּל.
אין צייטיק־וועלקונג, אומפֿאַרמיידלעך,
פֿון גאָלדענע גאַרבן האָרכט דער גערשטן:
די צ י י ט י ק ־ שמעקעדיקע עפּל,
זיי פּייקלען ביינאַכט אין דאַך פֿון ביידל.

פֿאַרשעמט לויכט אונדזער ביידנס מנורה,
עס ברעכט מיין האַרץ, מ׳דאַרף זיין פֿון אייזן:
וואָס מ׳וויל אויך דיך ניט אָנערקענען.
כאָטש ס׳איז נאָך אַלץ אַ שרעק — אַ מורא,
פֿאַר דיר מיט אַ שיינער מויד זיך ווייזן,
עס זאָל דיין רוהם זי ניט „פֿאַרברענען".

דו — זעכציק, איך — גראָ, פינף־ (—מיליאָן—) פערציק;
מיר זינגען אַלץ נאָך — לידער. לידער.
נאָך שפּאָט פון אונדז דער מאַרק — געוועלבער;
וועלט — מאַרק, נאָך אַלץ ענג־קאַרג — ענגהערציק,
דו — אַלץ נאָך מיט־ברודער, מיט ברידער...
דו — אַלץ „אברהמ׳ל״, אַלץ דערזעלבער. — — —

י. ראָלניק־געמעלד

טיף גראָבט זיין טראָפּ, קוואַל־שטילסטער דיכטער,
מאַכט ציגנמילך־סטיל, קיל — הבדלה;
ביז צום פאַרשיכורן, קלאָר־ניכטער,
שפּילט גרויס זיין קליינקייט־ראָלניק־ראָליע.

מיין דאַליע טרעפט מיך אין זיין צירקל,
איך — מזרח־גר, אין צפון־ישוב —
דאָך פלוצלינג — זון־סימפּאָניע־ווירקונג,
אויפן אייז־גליטש — זון־קלונג! ווייט־רוף־כישוף.

איך זע אין וואַסער־מיל פון לידער,
ער באַטראַכט מיט חשד פון שאָטן־ווינקל;
באַשיידן אָפּגעשיידט פון „ב ר י ד ע ר״,
מיט וואַנצע־שמייכל, אויגן־פינקל.

האַלט נאָענט מיט גאָט ל י ד ־ מ י ל ־ אַ ר ע נ ד ע,
דאָך, היט ער זיך, מיט גאָט זיך ד ו צ ן;
פאַרוואָרפט האָק־?־פראַגע וואָרעם־ווענדע —
צום ווינקל־פּוק — גאָטס ענטפער נוצן!

כמעט מיט גאָט אין וועלט־שאַף חשיבות,
מיט פרייד־„כי־טוב״ אין ליד־ליכט־היכל,
שטראַלט־אויף זיין ווינקל־טיר־עניוות,
דורך קליין־ליד־גדלות וואַנצע־שמייכל — — —

„צו דער מאַמען"

(עלעגיע אויפֿן קבֿר פֿון א. קאַראַליק)

... און עס טראָגט זיך די אייביק־סימפּאָניע, אָן סוף, צום אין־סוף.
און עס שוועבן מלאָכים, אין טאַנץ פֿון דעם אייביקן גליק.
שלאָף־זשע, שלאָף, דורך דער טראַגיק געלייטערט, דיין אייביקן שלאָף.
אין דער מאַמעשעס אייביקייט, ווייך־שטילע אָרעמס פאַרוויגט...

האָסט אין ליכט־ים געשוועבט אויף סימפּאָניעס געדאַנק־שפּיל־מוזיק.
טראָגט די ליכט־כוואַליע איצטער דיין לעצטן, דיין טויטן־קאָנצערט...
קלאַנג פאַרגייט, וואָרט באַגלייט, דו פאַרגייסט צו דער מאַמען — צוריק.
ס'טוט איר לעצטן, איר אייביקן קוש, לעצטע לאַפּעטע ערד.

האָסט געפלאַטערט צום נעקטאַר, צום זון־קלאַנג, צום פלאַם „פּאָעזי".
האָסט געאָטעמט אין זכות פֿון ישעיה, סאָקראַטעס, שעקספּיר;
און ווי זיי, איצט אויך דיך, וויגט די מאַמע — דיין קאָפּ צו איר קני:
אַי־לו־לו — ליו־ליו־ליו, שלאָף, מיין קינד, שלאָף — זאָל מ י ר זיין
פאַר ד י ר.

ניט דערשלאָפן, געלאָפן, דערהויבן צום הימל די וועלט.
און — אָט פירט דיך פּאָוואָליע דער וועג פֿון דעם הימלישן גאַנג;
ווי קיינמאָל ניט, ביז היינט, האָט די זון היינט פאַר דיר זיך צעהעלט —
ס'פלייצט אַריבער דער וועלט דיין סימפּאָנישער לעצטער געדאַנק.

אָ, געדאַנקען־געראַנגל, סימפּאָניע, דו לעצטע — געשען!
לעצטער לאַך אויפֿן טייוולס געלעכטער, צום נישטיקן אַלץ.
דורך גאָט'ס אויג — דורך דער זון — טייוולס טראַגישע פאַלשקייט געזען,
ווי ער פרעגלט זיך טראַגיש אין נחת פֿון אייגענעם שמאַלץ...

אַ־ו־ר־ף! — פאַרצויגן זון־פאַרהאַנג... זון, לעבן — אַ־ו־ר־ף! צוקערל־זיס,
און פאַרמאַטערט פֿון לעבן, דו גייסט צו דער מאַמען אין רו;
און אָט האָסטו: זאַמד, — צוקערלעך, שטיינדעלעך — מאַנדעלעך, ניס.
אַי־לו־לו, ליו־ליו־ליו, זון־גלין־גלאַן... גלין־גלאַן־זון, ליו־ליו־ליו — — —

„משה לייב! משה לייב!“

„משה לייב! משה לייב!“ האָרכסט? זיי ליאַפּען דיר „לידער“.
כ׳קאָן דיין בליק. אָט, איך זע, דורך דיין בריל, ברענסט אַזש רויט!
וואָלסט אין פּרצוף געזעצט זיי, ס׳דערווידער־דערנידער!
זייער גליק, שרייסט פון גרוב און — זיי מיינען ביסט טויט;
אויף דיין ביין־געווייין טענצלען זיי — חורבן־געבויט...

כאָטש איך ווייס, משה לייב, אַז דיך צערטלט דיין נאָמען,
ווי קאַסטילישער בוימל — פאַר דיין פיין געהער;
פלעגסטו אָפּט — אָפּט, שוין צו־אָפּט — דיין נאָמען דערמאָנען,
דורך אַ לאַך — און אויך אָפּט אין ברילִיאַנט — דורך אַ טרער;
דאָך, צו הערן זיי גרילצן — איז, דוכט מיר — אוי, שווער!

האָט דעם גרילץ דאָך פאַרגאָסנפויקט, ליד דיינס — בלוט־עכטעס,
האָט דאָס ברויט אויסגעמיטן דיין הויז — צו דער זעט,
האָט דאָס שלעכטס פון דער וועלט דיך געמאַכט פאַר אַ שלעכטן,
האָט דאָס שלעכטס דיך געמאַכט פאַר אַ גוטן פּאָעט.
האָט דיין קבר זיי גוט איצט צעבייכלט, גאַנץ פעט...

— — — — — — —

געדענקסט דעם באַל ביי יאַנאָווסקין? דער קליגסטער „גענאָסע!“
אויף געלעכטער אונדז ביידן „באַוויבט־און באַמאַנט“
האָבן מיר בערג מיט... לידער געהאַט — חוץ פּרנסה!
האָט אונדז קנאַפּ־וואָס געפעלט — אין גין־גאָלדענעם לאַנד.
ביז — גאָר פלוצלונג — איך זע... שלעפּסט די קרוין — אין דער האַנט.

נו, איז פלעגן מיר קיינמאָל ניט שווינען זיך — ביידע,
פרעגסט מיין „אויפריכטיקע“ מיינונג אויף דיר — חוץ טאַלענט.
נאָר מיין ניט, „אויפגעריכטקייט“ געפעלט מער דיין זיידע;
יענער רשע, געמאָלט כאָטש מיט גאָלדענע הענט!
נאָר וואָלט ער זיי — אויף קאָווע — אין גאָלד, אַנערקענט? —

— פאַר דעם ל י ד — מאַכסטו — קומט דיר אַ שיינע לוויה. —
— צו לוויה'שער שיינקייט — ניטאָ גאָר קיין גרונט!...
און אַזוי־אַ, מיט ווערטער, וואָס „צערטלען" — „מחיה",
וועלט־צעשמעטערדיק, האַרף־שאַרף און רונד ווי אַ וואונד.
פלעגן מיר זיך צעגיין שווער — מיט „פודן געזונט".
— — — — — — — — — —

ביז... געפלויגן, פאַרפלויגן, די גאָלדענע פאַווע,
עק־צעבלאָזן, צעפעכעלט, אין פאַווע־גאָלד־קלייד
איז געשטויגן, געשטויגן! דיין קרוין, הויך ביים קאַווע —
אויף באַפליגלטע חבר'דיק דיק־„דיקע" רייד
און פאַרדאַרבן דיין פאַווישע גאָלד־אינגעווייד.

איז געפלויגן, געשטויגן, די גאָלדענע פאַווע
אין די הימלען פון שטרויכלונג — זון־שטערן־גלאָץ־גלאָז
און פאַרלאָזן דיין גין־גאָלד־ליב־האַרציקן חבר,
וואָס זיין האַרץ האָט אויף דיר זיך פאַרטרויט און פאַרלאָזט —
נאָך ביז היינט — פראַלעטאַריש־באַמלומט און באַגראָזט.

פון אונדזביידן — נאָר איינער! — צום גאָלד־רוים געשטויגן.
איך פאַרגין! לאָמיר ביידע אַזוי זיין געזונט!
אויף ד י י ן לוויה איז מען אין קאַרעטן געפלויגן —
נאָר, נאָך מיר? — ס'אַ מחיה! — וועט ניט נאָכגיין קיין הונט!
פון גאָטס טרער נאָר, אין הימל, וועט פלאַצן דער שפונט. — — —

גריס דער מאַמען, זישע לאַנדוי...

אַ, דו, מוזע! טו־אָן היינט דיין שוואַרצע גירליאַנדע;
שוין, ניטאָ ווער זאָל מאָנען ביי אונדז דרך־ארץ.
און אַראָפּרייסן ווער וועט אַ קרוין פון אַ פּרץ?
פּוסט דער „קאַפע ראָיאַל" — מאונט פּאַרנאַסער ווערענדע...
שוין! אויך דו צו דער „מאַמען" אַוועק, זישע לאַנדוי!.

האָסט אין ליד האַלב־צו־קלוגן די שיינקייט באַזונגען,
פון דיין גין־גאָלד־געקייטלטן שטאַם פון רביים —
האָט דיין ליד דיך געוואָרגן מיט בערד און מיט פּאות;
האָסטו „איסטערס" געשלונגען, מיט אַקוויט פאַרטרונקען.
אָסקאַר־וואַילד'ישע ביטער זיס־פּרוכט — זישע לאַנדוי.

אין קאַפעי, טראַגי־קאָמיש געפּראַוועט רבנות,
האָבן חסידים געשלונגען פון מויל דיינע חכמות,
דיינע פּסוקים און קוויטלעך, ליטעראַרישע ברכות,
ווי! פאַרשלונגען האָט מען. קאַלאָסאַל, אָן רחמנות!
האָסט געשפּילט ביי אונדז גראַנדע אַמאָל, זישע לאַנדוי.

האָסט געהאַט טרערן־פּייער צו זינגען און זאָגן.
דאָך, דערנידערט דיין ליד האָסט צו נעגערטעס־בייכער.
און פאַרשלונגען מיט איסטערס פון ניט־פרישע טייכער,
און פאַרדאָרבן דיין עסטעטיק־רבי'אישן מאָגן;,
דיינע לעצטע טעג — טראַגיש, ווי ראָזענפעלד'ס — לאַנדוי.

כאָטש אַ דיכטער געווען ניט ווי ער, אַזאַ עכטער,
דאָך געפּלייסט זיך צו זינגען מיט פורפורנע טענער.
און געריניקט דעם „גאָרטן" פון ראָזענפעלד־שפּענער.
געווען טראַגיש־צו־קלוג און אַ מענטש ניט קיין שלעכטער;
האָסט אַפּט מיט־געלאַכט מיין ביטער־לאַך — וואַילדיש־לאַנדיש.

אָט — איך הער דיין פּיל־דייטיק־רבי׳אישן „אָכן״,
אוי׳עך, אָכן — באַגלייט מיט דיין טראַגישן שמייכל,
רעדט דיין שווייגעדיק דריי מיט אַן אויג — דער בעל־שכל,
ווען דו לייענסט אַט־איצט אַ ט ־ ד אַ ס ליד, און ווילסט לאַכן,
נאָר, דו לאַדסט מיך איין טרינקען אַ ביר — זישע לאַנדוי.

אַ, דו, מוזע! טו־אַן היינט דיין שוואַרצע גירליאַנדע;
שוין! ניטאָ אויך דאָס פּנים, האַלב־רבי, האַלב־גזלן.
און ווער וועט זיך דערוועגן אַ קרוין אַמאָל פּסל׳ען?
און אַ שפּיי־טאָן איין פּרצוף, דער וועלט — פון ווערענדע.
גריס דער „מאַמען״ פון מיר אויך — איך קום! זישע לאַנדוי.

„געטאָ״ — מוטער־ווי׳

יענקעוו גלאַטשטיין, היינט — מיין דיכטער.
דיין — אָריגינאַליטעט.
אָפּטמאָל שווער — מיט לער־געוויכטער,
גלאַז־גלאָך — פּעקוליאַריטעט.

קוליעסט זיך — איך, זעה עקזאַקטער,
קוואַל־געשפּיגעלט — דיין פּאָרטרעט;
צום אינער־קוואַל־רעפלעקס — כאַראַקטער,
אַנדערשן זיך — דיין, קאָקעט.

איינפלוס — פרעמדע קינדער, הוליען,
אין דיין קליגלען זיך, נאַיוו;
דאָך, צום קוואַל־רעפלעקס, אין קוליען,
שיינסט מיר, גלייך — אין נעגאַטיוו.

אין דיין קוואל פון וועלט־געשפיגל,
שטראלט דיין טראגיק — מיט דער זון;
אויף די קינדערלאך, שפרייסט פליגל,
געטאָ־שכינה — מאמע־הון.

קרייצט דער שפארבער רויטקייט־שקיעה,
נעגל — האָקן, שנאָבל — קרום;
לאָזט זיך מוטער־האַרץ, ווילד, פליען;
שיצן אונדז, פון בלוט־קאַרשון.

כ'האָב מיט דיר, קוואל, מיט־געוויטיקט,
דורך דיין „וועלט — א גוטע נאכט;"
מיט דיין דיכטער־בלוט — באליידיקט,
נביאיש־קינדיש, אויפגעבראכט.

מיט־געוויטיקט דיינע סטראָפן,
דורך דער וועלטס בלוט דיקער לופט —
שטראָמט דיין וויי — מיין וויי פארלאָפן —
ווײ־געשריי! — דיין געטאָ־רוף.

נאכט. די סאָווע שארפט די נעגל,
אויף דער טויב פון גאָלדן איי;
שניידט דורך דונער־בליצן־רעגן.
געטאָ־טויב מיט שכינה־וויי.

דאָך, מיין הארץ — דיין הארץ־איראָניע,
אומבאנעם, פאַר „קינד און קויט!"
כ'הער דעם שוידערס קאַקאָפאָניע,
פאַר ד י י ן „געטאָ" — פיין־געבויט.

1938

אינעם דיכטערס „רוהע פּלאַץ"

ניט דאָרט, וואו צימבלען — צימבלען! מירטן גרינע — גרינען!
ניט דאָרטן בליט מיין אומה׳ס דיכטער׳ס „רוהע פּלאַץ".
וואו דעכער נעצן, רינען!... נעצן וועבן שפּינען!
דאָרט „גייט־צו־קינד" זיין ליד! און ס׳קעצלט זיך אַ קאַץ.

ניט דאָרט! ניט דאָרטן, וואו פאַנטאַנען־שפּריצער שפּריצן;
ניט דאָרט, וואו צעדער הויך די וואָלקן „קיסט" און „קיסט"...
אויף טרעפּ צעבראָכן־קרום, מיט שפּיצן! צייג׳יק קריצן!
אַ! דאָרט! וואו ס׳דופּטעט — ס׳דופּט פון מיסט און מ׳ניסט און — מ׳ניסט!

אַ, דאָרטן „רוט" דער אומרו־דיכטער פון מיין אומה!
דאָרט גילדט, דאָרט גילדעט זיך זיין גילדנער „דיכטער־טראָן".
אויף טרעפּ, וואָס — וויינען! וועגן — קלאָגן! קלאָגעדיק־קרומע,
דאָרט פירט צום טיר פונם טראַגיק־דיכטער יאָסלסאָן.

אַ, דאָרטן הייצט מיין אומה׳ס דיכטער איצט די פּעטשערע!
דאָרט האָקט ער פּאַרפּל — אין עקסטאַז און פּאַטאָס־הילך!
דאָס ווייב קומט באַלד מיט איר געליבטן, קאָכט ער וועטשערע —
זיין ווייב איז יונג! זיין ווייב איז בלוט און — זויער־מילך!...

דאָרט גיסט ער פודן לייריק־טרערן — פולע צעבערס!
אויפן זעקסטן שטאָק, קלאָגט אָן פאַר גאָט, זיין זעקסטע ווייב.
ער האָקט! ער האָקט מיט קנאָבל איין, אויף וועטשערע — לעבער!
און פרעגט זיך האַרציק־חבר׳יש: צי כ׳שרייב? צי כ׳שרייב?...

און טיף־פאַרטיפט אין גרינע־אַרבעס־איבערקלייבן,
ער קלאָגט מיט טרערן־באָב: וואָס „לעצטנס שרייבט צעך ניט"...
איך ראָט אים האַרציק־חבר׳יש: אַז ער זאָל שרייבן —
דערפון טאָקע — „וואָס ס׳שרייבטצעך ניט" — זיין גרעסטע ליד! — — —

און פון מיין „געניאַלן" איינפאַל אַ כלומר'שט ניט־דערפרייטער,
ער ווערט צעמישט ! נעמט מישן טישן ! קערן בערג !
אויף טיש און בענק פאַרשטויבט, צעזייט צעשפרייט ער,
פון מער ווי טויזנט „דיכטער" אים געשענקטע „ווערק".

פאַר „ליב־געזאַנג", אַלס דאַנק־געשאַנק — דערלאַנגט צום דיכטער.
דורך יאָרן־לאַנג ביים קאָפּע־באַנק געבויט, פאַרטרויט.
אַ, דאָרט, וואו וואָלקנס רויך און רייד, זעצט גראָב, געדיכטער,
ביז „ליב־באַזונגענער" — אין רויך דערשטיקט — ליגט „טויט !"

און פון די אַלע רויך־געטויטע „אַ מ ת נ ה"
צום „ג ר ע ס ט ן פ ר יי נ ט" און „ד ע ם ק אַ ל ע ג ע י אַ ס ל ס אַ ן".
איך לייען — לייען מיט כוונה („ס'שיינט די לבנה !")
ביז כ'הייב־אָן פליען ! שפרינגען, רעווען ! פאַר שגעון.

*

ניט דאָ, ניט דאָרט ! דו, לעבן־דורשט — האַלב־עכטער דיכטער —
דאָס קאַרג־מיזערנעקייט צעקייט ביי אונדז דיין אָרט !
און שיכור — יאָ, צי שיכור — ניט, יאָגט דיך — טויט־ניכטער,
געדיכט אין וואַלד „לוסט־לעבן" בלאַנדזשעט קרום דיין וואָרט.

עך ! גלוסט דיך ווילד מיט תאוה־ליפּן אויסצוזויגן
דעם גאַנצן „זיין" — ערד־מאַמעס פולע נעקטאַר־בריסט !
נאָר ניט־דערפולטע טרער, דו, דורשט ניט־פולע אויגן !
פאַרנעפּלט דיך אויף וועגן קרום ! בעת ווײַמפּער — „שיסט" !!

ניט דאָרט ! ניט דאָרטן, וואו פאַנטאַנען־שפריצער שפּריצן !
ניט דאָרטן רוט מיין אומרו־דיכטער'ס „רוהע־פּלאַץ".
אויף טרעפּ צעבראָכן־קרום, מיט שפּיצן צייכ'יק קריצן !
דאָרט „גייט־צו־קינד" זיין ליד, דאָרט קעצלט זיך אַ קאַץ. — — — — —

דער איינציקער יידיש־„לעזער" — „איטשקע"

אַ, פֿאָלק, מיין פֿאָלק, מיין גרויס־קליין־פֿאָלק,
מיין פֿאָלק פֿון בוך, פֿון ליכט־באַרג סיני ;
מיט דינקייט־דינסט — דין־יושר־טאָלק,
אויף געצענדינערס בלוט־וועלט־בינע.

אויף עמוד־אש געפֿלויגן — ביז —
צום איין־און־איינציק־לעזער — א י ט ש ק ע,
היסטאָריע — מאַיעסטעט־קאַפּריז —
זי גלעקלט אים איר נאַרן־מיצקע.

באַווייזט זיך איטשקע אין קאַפֿעי,
אוי, נעמט מען נחת, ימ׳ען, שעפּן ;
ווי פֿליגן, מיט געשריי פֿון קלעי,
ווײ — נעמט מען אַרום אים זיך קלעפּן.

וואַרפֿט איטשקע וועמען צו אַ וואָרט,
איז, ווייס מען ניט ווי אָפּצושעצן ;
נאָר „גדולים" איז באַשערט דאָס אָרט,
גאָר נאָנט מיט אים, אינטים, זיך זעצן.

ס׳אַ שטופּעניש ! ס׳פּליסט באַרשט — ווי בלוט !
ס׳אַ טיי־און־קיכלאַכניש ! — אַ קעכלען ;
און ווער ס׳האָט גאָט־געבענטשטן מוט,
האָט ס׳גליק, אים, ווײרוך־דופט צו פֿעכלען.

אַ דיכטער „קנאַקט"־אים־פֿאַר זיין ליד,
נאָר איטשקע לאָזט זיך ניט „פֿאַרקנאַקן !"
ער האָרכט דאָס ליד — מיט אַפּעטיט —
צום קיכלאַך־כראַמסק — אויף ביידע באַקן.

מיטן אויער האָריק — ליד־געניט,
האָרכט שאַרף און — הייסט זיך איבערזאָגן ;
וואָרט יענער, אויסגעשעפּט פון ליד,
מאַכט איטשקע : ס׳טויג ! — אויף גרויסע קלאָגן.

און איטשקע לאָזט זיך וואויל־גיין — ברייט !
רייסט אָן רחמנות־שטאַרק — אַרונטער !
דאָך קושן אים — שטייט יעדער גרייט !
האַלט ס׳יידיש בוך דאָך, איטשקע, אונטער !

ברעכט ער דאָך דורך באַנקעטן־נעכט
פאַר דיכט־רום, גאָטס פאַרטאַלן־שלעסער ;
זיין שוואַכקייט, שטאַרק, צום שיין־געשלעכט —
טראָגט צוקונפט־דורות יידיש־לעזער.

(אין זיין באַצי צו אַ דיכטערין —
ציט גאָט דעם צי פון בראשית־שטייגער ;
איר ליד — לויכט דין, דורך „קרעפּ־דע־שין״,
צום שפּיל פון איר פיין הענטל־זייגער.

פאַרגאָסן שוועבט זיין לידער־בליק,
זיין ליד־דערפאַרענער, באַיאָרטער,
און צו איר לידער־האַרץ־טיק־טיק
האָרכט זיין געהער, מער גאָלד־באַהאָרטער.

דאָ שטייט אים וועלט אין דורות־קאָן,
אַזש ס׳הויבט אים הויך איר ליד — דאָס „טריבע״,
און זי — גרייט ברייט אַ צו־עפן־טאָן
איר אָרון־קודש, פאַר זיין ליבע.)

אָ, פאָלק, מיין פאָלק, מיין קליין־גרויס־פאָלק,
מיין לייען־פאָלק, פון בוך־באַרג, סיני ;
עס רוט־ניט־איין דיין בוך־דערפאָלג —
אין איינציק־איטשקע־לעזערס שכינה — — — —

„לאַ קאָמעדיאַ — פיניטאַ!"...

I

שוין. „נאָך אַלעמען" — שוין; „לאַ קאָמעדיאַ פיניטאַ!"
שטיל. מען טראָגט מיך אַרויף פונעם אונטערשטן שטאָק.
זיבן קריטיקער — „ערן־וואַך" — היטן מיין מיטה.
שוין דאָס זיבעטע מאָל דער פאַראיין פון מיין ליטע
דרייט זיך אום, מיט דער בלומען־קאַרעט, אַרום „בלאָק"...

דאָך, דאָ, האַרץ מיינס, אויף האַרטן — נאָך בלוטיקסט צום צ אַ ר ט ן,
ווערטן לידס לעזער־איטשקע — יידיש־מבול׳שע טויב —
מיט זיין גרויסן פאַרלאַנג, דעם געגאַרטן, צעשפּאַרטן,
וואָס כ׳האָב אים אויף מיין גרוב, נעבעך, לאַנג געלאָזט וואַרטן;
מיט זיין פרייד־ליד, צום דרוק, אויף לוויה׳שן שטויב.

ציט זיך ש י י ן די לוויה — וואָס מ׳דאַרף שוין ניט שענער!
יעדער פלעכט זיין באַנקעטן־דערפאָלג־פּלאַן — צום גראַם;
יעדער „פ ר י י ס" וויל זיין גרעסער ווי דער און ווי יענער,
אין וועלטס קאָקראָוטשעס־וועט־לויף, פון קאָקראָוטש־קונסט־קענער —
לויפט פאַרלויפן לויף־קאָקראָוטש־קונסט — „י אַ ־ ט ע ב ע ־ ד אָ ם!"

און — עס ציט זיך די שוואַרצע פּראָצעסיע דורך גאַסן,
שרייבער־דיכטער־שטאָלץ — פלאַטער־קראַוואַטן פון קרעפּ!
מיינע ווערטער, שאַרף־פאַרביק, וואָס זיי פלעגן האַסן,
מיין ירושה, אויף מיין חשבון, פאַרטעמפּן, פאַרבלאָסן.
האָרכן פאָלקס־מענטשן, טרויעריק שאָקלען די קעפּ.

ריידן שכנים, די פשוט׳ע מענער און ווייבער,
פון מיין לעבן און טויט — שוידערט־אויף, אַזש אַ פראָסט!
ווי מען האָט „א י ם" געפונען אין קעלער, „ד ע ם ש נ י י ד ע ר",
פאַר אַ ליכט. ווי אַ ליכט אויסגעגאַנגען, ביים שרייבן;
פון די ראַצן געוועזן שוין צעגריזשעט די נאָז...

ניט געווען ווער דערלאַנגען דעם לעצטן שלוק וואַסער —
כאַטש זיין האַרץ, פאַר דער וועלט, האָט געשטורעמט — אַ ים!
פאַר גרויס ליבע, איז געבעך געוואָרן אַ האַסער,
און, פאַר׳עק׳ט, אַלס „משוגענער מענטש“, אַ פאַרפאַסער,
מיט דער פען אויף אַ ניט־קיין־פאַרענדיקטן גראַם.

II

און עס ציט זיך די לוויה. דער קעלער — פאַרשלאָסן.
שטייט אַ מיידל פאַרגליווערט... זי שטייט, שטייט און שטייט...
אירע טרערן צו מעסטן — ניטאָ גאָר די מאָסן!
גראַד, פונקט היינט, דאַרף איר אָנקוקן אַ פאַרדינער אַ חתן!
און פון פענצטער שרייט רויט איר רויט־שרייעדיק קלייד...

*

און עס איז מיין נשמה אין הימל געקומען;
גאָט אַליין האָט מיט טרערן געטאָן איר אַ קוש.
און באַזאַכט, האָט אַ מלאך פון גאָט, איר גענומען,
איר געפירט דורך פיל גערטנער פון רויזן און בלומען,
איבער וועגן אימפּאָרטירט־טייער־גאָלד־און גרין־פּליוש!..

און אַז זי, מיין נשמה — צו גאָט־פאַר׳דמ׳ט־איידל —
האָט דערפילט — דורך גאָט׳ס טרערן־בלוט־שאָפּונג, אין קוש,
אַז פון פענצטער שרייט רויט דאָס רויט־שרייענדיק קליידל
און דערהערט טיף אין הימל די טרערן פונעם מיידל —
האָט מיין נשמה פאַרטרערט — ווי! — דעם הימלישן פּליוש...

איז דער מלאך געפלויגן — צעבראָכן אַ פליגל,
אין די טרערן זיך אויסגעגליטשט! — ווי איז צו מיר.
האַרטער מזל מיין — וועלט בנינ׳ס בלוט־עוולות־ציגל —
אויך אין הימל, אויך דאָ, איז מיין מזל פאַרזיגלט!
און מען ווייזט מיר, פון יענער זייט הימל, די טיר. — — — —

„פאַרערער״

אָ, גרויס דער עלנד פון פּאָעט,
מיט דיר, „נ י ש ט אָ ק י י ט״ — יידיש־לעזער;
מען נויגט פאַר דיר זיך מיט געבעט,
מיט אָנגעשפּיצטע רומזוכט־נעזער.

אָ, שלוכצע, יידיש גרויס־טאַלענט,
ס׳האָט מיאוס־פּיין אַזוי גערעגנט;
איך זע, ווי משה־לייב געגענט,
ביי דער קאַפּיי זיך אָנגעגעגנט.

איך שטעל־אים־פאַר מיין שוועסטערקינד,
אַלס זיין גיגאַנט־טאַלאַנט־„פּ אַ ר ה ע ר ע ר״;
און משה־לייב שטראַלט הויך־צעזינט,
זיין בליק, דורך בריל — שיינט בלאָער, קלערער.

ער ווערטלט, לאַכט — לאַכט יענער אויך,
צו משה־לייב׳ס צעשויבער־צויבער;
נאָר באַלד צערינט זיין פלאַם — אין רויך,
אַז: זיין „פּ אַ ר ע ר ע ר״ איז — אַ טויבער.

יאָ — זיפץ איך — טויב! אַזש ווי די וואַנט,
דער זון, מיין מומע שאַשע־פייגעס.
און משה־לייב — ברענט, רויטער בראַנד,
צום טויט געפירט מיט מיר אַ ברוגז. — — — —

„אַהיים — צו דער מאַמען"

פון ערגעץ־ווייט, פון יענער זייט די זיבן ים׳ען,
רופט, אויסגעשטרעקט צו מיר, אַ בלאַסע האַנט, געהיים:
קום, עלנט קינד מיינס, צו דער אייביקייט — דיין מאַמען,
קום, קינד מיינס, אַפּרוען פון פאַלשער וועלט — אַהיים...

געווען אַ ניט־קיין־איינגעגעבענע סעקונדע,
ווען דו ביסט דאָרט געקומען אין דער פרעמד — אַהין;
דיין בליק, דיין טרער־פאַרנעבלטער, דורך צער געצונדן,
געווען צו דין, פאַר גראַבן משפט — פאַלשן דין...

עס וואַרט אויף דיר, פאַר בלוט־וויין־זינגעדיקע „עמער" —
די וועלט, משוגענע, מיטן יאַק פון משוגעת:
„דער וועלט־משוגענער"! אַט לאַכט ער צו די קרעמער!
די שטיינער, האַרט פון גת, מאַכט ווייך זיין בלוט — פאַר שפּאַס!

און זינט דער מבול, רינט דער מבול פערל־טרערן;
אַלס טויב, אויף נאָכן־מבול־פּגרים, גלאַנצט פעט די ראָב:
„דו זינגסט מיר גאָר לבנה! — קראַקעט ראָב — זינג שטערן!...
„דו זינגסט מיר אַרבעס — קראַקעט ראָב — זינג באָב!"...

אָ, מאַמע, כ׳הער דיין רוף, פון איבער זיבן ים׳ען;
די זון פאַרגייט, וועט אויפגיין, כ׳לאָז אין וועג זיך גיין...
איך קום, איך קום — איך וועל שוין לאַנג זיך דאָ ניט זאַמען.
נאָר ווער וועט אויסקערן די וועלט?... אַזוי ניט ריין.

פון ערגעץ־ווייט, פון יענער זייט די זיבן ים׳ען,
רופט, אויסגעשטרעקט צו מיר, אַ בלאַסע האַנט, געהיים:
קום, עלנט קינד מיינס, צו דער אייביקייט — דיין מאַמען,
קום, קינד מיינס, אַפּרוען פון פאַלשער וועלט — אַהיים — — —

ביים אַנשטאַלט „אַראָפּבאַרג“

ס׳ציטערט־אויס אַזאַ ציטעריק אַלטינקער צער,
מיט די אַלטינקע, דאָ, מיט אַ ציטעריק פּיסעלע;
נאַשן־אויס ס׳ביסל זון אויפן האַרטן טראָטואַר,
זופּן־אויס, ביז צום דעק, פון לבנה־מילך־שיסעלע,

בלאָנדזשען, טופּען אַרום אין די ווייסינקע זעקעלעך,
צו דערצאַנקען דעם זון־אויסגאַנג־אָדערן־קנויט;
״ערגיץ״ צילעווען צילאָז, אָן שטייך, מיט די שטעקעלעך,
זופּן בענקשאַפט־געטראַנק, פון דעם אָוונט־ים־רויט.

ס׳הענגט פון הימל די אַלטקייט־בייטש, אָט־אָט — זי פאַלט!
אַזאַ האַרטע, פון יאָרן פאַרטריקנט־פאַרקנוטיקטע;
„גאָט אין הימל, רייס־איבער דעם פאָדים — מיט גוואַלד;
לאָז אַראָפּ מיט אַ מאָל — די מינוטן צעבלוטיקטע.“

אַזאַ עופ׳על־היפלאָזקייט פלעמל־צעקנויטלען זיך,
ניט־דערברענטע חלומות דורך נעבל פון וואָר;
ביז דער לעצטער מינוט שפּילן ליבעס און רויטלען זיך,
און צום עלטער־באַרים — לייגן צו אַ פּאָר יאָר.

גייען אידעלעך, ציטעריק־געאָרעמט מיט אידענעס.
און מ׳דערקלערט זיך אין ליבע — פאַר פריילעכקייט „קיבעצדיק“;
קאָקעטירט מען מיט יאָרן, פון יוגנט „אַנטליענע“,
מיט אַ צולייג־צוריק־גאָב — אַ צען, צו די זיבעציק.

און, אַז „ע ר“, טויזנט־אויגיקער, ווינקט און ער רופט,
מיט זיין לופט־קוש־געטראַנק, דעם טויט־גיפטיקן,
טוט מען אים אַזאַ שטויס, אַזש ער פליט אין דער לופט —
זייגער 9 קומט די „שוועסטער“, די שלאַנקע רונד־היפטיקע.

מ׳לייגט אים אָפּ אַלץ אויף שפּעטער — אויף 1—2 ביינאַכט,
ווען שפּיטאָל־וועגנט־ים־שטילקייט צעכוואַליעט זיך ברויזנדיק;
שלייכט ער שטיל זיך און פידלט אויף העלדזער — זיין שלאַכט,
און פאַרשווינדט אויף די הויקערס פון שאָטנס, שטיל פויזענדיק.

ס'ציטערט־אויס אַזאַ ציטערדיק אַלטינקער צער,
מיט די אַלטינקע, דאָ, מיט די ציטריקע פּיסלעך;
זופּן־אויס ס'ביסל זון אויפן האַרטן טראָטואַר,
נאַשן־אויס פון לבנה די לעצטע מילך־ביסעלעך — — —

אַלע אָוונט שוועבט אַ יידעלע

אין דעם אָוונט־ים כוואַליעס־געברויז פון די שעפער,
אַלע אָוונט, אין שטראָם, שוועבט פאַרביי אַ קליין יידעלע;
איז אַ פרעסער פון קליידלעך? און אפשר אַ שטעפער?
ער דערמאָנט מיך: מיין זיידעלע שפּילט אויפן פידעלע.

גאָט! ווי זיס און ווי ליב — מען קאָן אויסגיין פאַר גוטסקייט,
ווען דאָס יידעלע שוועבט, ווי ער שטעלט קליינע פיסעלעך;
וויפל פראַכט, עלעגאַנץ, טראָגט זיין גאַרנישט־געפּוצטקייט,
ווי אַ גוטער געטראַנק, וואָס מען זופּט עס צוביסעלעך.

פון זיין ברוין־גרויליך בערדעלע קרויזט זיך אַ שיינקייט,
וואָס קיין שפּראַך האָט דורך וואָרט, נאָך ביז איצט, ניט אַרויסגעקרויזט;
און די קינדערשע אויגן — צע'שכינה'טע ריינקייט —
ס'האָט נאָך ליד, אַזאַ גרויסקייט פון האַרץ ניט אַרויסגעגרויסט.

אַזוי שוועבט ער פאַרביי, מיט די זון־רויט־פאַרגאַנגען,
אין פאַרנאַכט, ניט דערוואַקסן, אין צו־ברייטער בעקעשע;
אין געקעסטעלטע פלודערלעך, צו־ברייט, צו־לאַנגע,
אין דעם העל־גרינעם הוט, דעם העכסט־מאָדיש־פאַצעטישן.

האָט אַן איידים, אַ זון — פון בראָדוויי־אַדוואָקאַטן —
אים געשענקט אָט־דעם גראָז־גרינעם צו־גרויסן קאַפּעליוש;
נאָר ווען איך, איך דערזע אים — מיין זיידן, מיין טאַטן, —
פליט מיין האַרץ אים אַנטקעגן, אין ציטער־פאַרכאַפּעניש.

אַלע אָוונט, עס ציט זיך דער שטראָם פון די שעפער,
שטראַלט פאַרביי, אונטער זון־רויט, אין שטראָם, דאָס קליין אידעלע;
אפשר איז ער פון חתונה־קליידער אַ שטעפער?
ער דערמאָנט מיך: מיין זיידעלע שפּילט אויפן פידעלע — — —

„געקוילעט אָן אַ מעסער!"

נאָך שוידערט־אויף אין מיין געביין מיין קינדהייט־טרויער.
מען האָט מיין טאַטן „בלאָ־און־גרין" פון טייך געבראַכט.
ס'האָבן שאָטנס קרום דורך נאַכט מיט טויט געלויערט,
מיט ווייסע ציין, דורך שויבן־שוואַרץ, אַריינגעלאַכט.

*

פאַראַן אַ וואָרט אַזאַ: „געקוילעט אָן אַ מעסער!"
האָט אויסגערעוועט אָט־דעם וואָרט זיין לייבן־בריל.
עס וואַקסט זיין שאָטן, ס'וואַקסט דער טרויער העכער, גרעסער —
ער דרייט זיך, לויפט — געיאָגט פון שאָטנס שוואַרצן ציל.

זיין פייער־בליק ברענט דורך דעם הימל, גאָט, דאָרט אויבן.
זיין פּנים — קאַלך, דער קינביין — שאַרף, פאַרשאַרפט די נאָז.
די פינגער, קראַמפּנדיק, וויברירן אויף די שויבן.
זיין האַרץ זעצט דורך דעם שויבן־גלאָז, דורך אויגן־גלאָז.

און אָט — אַ ריס זיך מיט אַן אימפּעט איבער פעלדער.
ער לויפט. עס שרייט פון אים: „פון גזלה ווערט מען רייך!"
איך לויף אים נאָך. אַ שד קרימט־נאָך זיין קול פון וועלדער.
און אָט — פאַרשלונגען האָט מיין טאַטן שוואַרצער טייך.

*

מיט תורה־ווערטלעך האָט באַשווינדלט דיך „ר' עליע",
מיט שמייכלען זיסע — אַלע טעמ'ען! — ס'רעגנט מן;
לענג־אויס געגלעט די ברייטע באָרד, די גאָלדיק־געלע,
און אויסגעשלענגלט, אויסגעקנוילט דיר דעם נדן.

די שאָטנס שפּאָטן: „דיך פאַרקנוילט אין שלאַנגען־קנוילן,
אין תורה־פּסוקים־ים פאַרשלונגען דיין פאַרמעג".
מיט שלינג־און־שלאַנג־צונג דיך פאַרפלאָנטערט — טויזנט־גרוילן,
דיין לעבן וויסט, ווייט־ווייט אויף קינדס־קינדער — פאַרמעקט.

*

טראָגט יעדער גזלן, יעדער גנב, זיין כלי־זין,
דער „א מ ת ׳ ע ר״ — צום ברעכן שלעסער — מעסער, דלאָט;
נאָר דער מאַסקירטער — דורך רב פּפּאַ׳ן און אַביי׳ען,
פאַר׳גנב׳עט זיך אין הארץ — מיט מ אַ ר ק ס, מיט ק ו נ ס ט, מיט ג אָ ט.

*

אָ, טאַטע, טאַטע! איז דיין טויט, צי לייד מיינס, גרעסער,
איז דען אַ דעק פאַראַן צום ליידן גהינום־טייך?
אויך מיינס ווי דיין בלוט, שרייט: „געקוילעט אָן אַ מעסער" —
אָ, וואָרט! גלייך וואָרט, איז דען צו דיר דאָ אַ פאַרגלייך?

האָסטו געגומען יענעם שפרונג צום קירצסטן אומוועג,
אום ניט באַגעגענען דיין קוילער אויף דיין וועג;
נאָר איך — מיט מאָרד־געצייג, אויף וואַקלדיקן שטום־וועג,
אין מיין אַגאָניע כ׳צאַפּל אויס די לעצטע טעג.

קום איך, געקוילעטער, אַהער — קומט אויך מיין קוילער;
מיט פרעמדן ליד־יאַריד, מיט זנות — העכסט אַמוזאַנט!
שטיי איך געקוילעט אויסגעשטעלט אַ שענדלעך־הוילער,
פאַר אונדזער שענדלעכקייט, פון שונד — צו שפּאָט און שאַנד.

די קראָען רויבער־זינגער קראַקען: „היטלער!" „גזלה!"
און בלישטשען פעט אויף דעקלאַמאַציעס „רויב — מיט שטויב",
דעם שנאָבל שאַרפנדיק, דערשמעקן די נבלה,
שטייט קראָ, אויף שוויין געריטן, זשעדנע, פאַר מיין שויב.

דורך שויבן־בראָך פון רויב־און־גוואַלד־צעבראָכענעם יחיד,
אויף וויסטן ווינט זיי חוכא־טלולא׳ן — שאָדן־פרייד,
דורכן שויב קלאָגט ווינט פון „קיינעמס־לאַנד" מיט וועלט־בראָך־יאָך־ייד;
געבאָרן ביידע פון דעם זעלבן אינגעווייד. — — — —

מיין „יחוס" מאָנט די קרוין

מיין „יחוס" — סם! אין גאָלד־געץ־טעמפּל,
פון גאָלד־געץ־טעמפּאָ — אויסגעלאָכט!
כאָטש קויף זיך איין אין יחוס־שטעמפּל,
פון דיקטאָטור־פּען פּראָלעט־מאַכט...

ווייל נאָך אַלס קינד, אין פיר יאָר עלטער,
בין שוין געווען אַ „פּראָלעטאַר";
ווען ניט די „שטעלע", וואָלט געהעזן —
פון הונגער שטאַרבן, אַ געפאַר!

האָב צוגעוויגט „אַ שוואַלב" — ס'פלעגט קוויטשען,
פלעג איך אים געבן קיין שטרוי —
זיין מוטער פלעגט פון פרי ביז פינצטער
גיין קנעטן — קרעכצען — דייזשעס — „אוי!"

אין אָוונט ברענגען אונדז אַ בייגל,
אַלס „גאַנץ" — צעשפּאַלטן האַלב־אויף־האַלב;
פאַר מיר, אַלס „שכירות" — האַלב, דאָס אַנדערע
פאַר אים, איר „עופ'עלע" — איר „שוואַלב".

דער „שוואַלב" פלעגט רייסען, פלעג איך מאַלן
געגנדז, קאַטשקעלעך, פאַר אים, מיט טינט,
מיט טינט אים אויסגעשמירט דאָס נעזל,
„געמאַכט אַ תכלית" פונעם קינד...

דערצו, פלעג איך נאָך קלייבן ביינער,
וואָס הינטיש הונגער זייט אין פעלד.
ר' לייב, דער קרעמער — אונדזער פּרנס —
פאַר ביינער צאָלט אַ „שלל מיט געלט"...

אַ גרויסן זאַק — אַ גרויסן פּייעם,
ביים וואָג, געפּאַקט אים, מיט אַ — פוס.
אַ פרומער ייד געווען ר' לייבל —
זאָל נאָר אונדז ביישטיין איצט זיין זכות.

און פאַרן פייעם פלעגט ער „געבן״
אַ הערינגל מיט „ליאַק״ — אַ כליק!
אַ שניידער־קינסטלערין, מיין מאַמע —
צעשניידן עס — אויף דרייצן שטיק!

און אַלעמען באַטיילט, מיט יושר,
פון קאָפּ, ביז סאַמע פּיצל עק,
און — פלעגט זי קוועלן, ווי מיר „פרעסן״!
און ניט פאַרזוכט אַליין קיין לעק.

געווען ביי אונדז אַ שלל מיט „פרעסער״,
„קינאָרעניש״ — אַ גרויס געזינט!
ס׳איז נאָך אַ „ג ל י ק״ — דער מאַלכאַמאָוועס
קומט אָפּט און כאַפּט אַוועק אַ קינד...

ווען „גאָט קאָכט וועטשערע״ — פון אָוונט,
פלעג איך גיין קלייבן האָלץ אויף וועטשערע.
יויך, „פיש־בולבע״ (אָן פיש — קאַרטאָפל!) —
„מיט־נישטע״ — פאַרפל רעטשענע!...

*

פאָן־וואָל, דער צורר־גובערנאַטאָר,
האָט מיין ברודער פאַרשיקט אין שליסלבורג.
פון יענער ערשטער־מאַי־דעמאָנסטראַציע
מיין שוועסטער הייסט: „די געשמיסענע״.

און קלמן־שבת׳ל דער מלמד —
מיין טאַטע — מיט תורה אויסגעווייקט;
ער „געמצעך״ צו מיין שוועסטער שיינקען
אַזוי מיט ווערטלעך — אויפגעלייגט:

...„את הקיסרית — סאָניאַ בת קלמן...
זי וויל גאָר, מיט אַ רויטע פאָן,
אַראָפּוואַרפן דעם „צער״ ניקאָלאַיען.
אַליין זיך זעצן אויפן טראָן...״

*

אין ראַטן־לאַנד איז איצטער „שיינקע"
אַ ריכטערין אינעם רעוו' טריבונאַל.
ווען קלמן־שבת'ל וואָלט'ס דערלעבן,
וואָלט ער געטרעלט, ווי אַ „נאַכטיגאַל".

*

קום, קינד, פיר־יעריק! ברויט און בייגל —
אַ וועלט! — דיין פּראָלעטאַריער־לוין;
מיט „יחוס" — רויטע פאָנען — מאָנען
ביי וועלט און קעניגן — דיין „קרוין"! — — — —

ערשטע טריט

שוין צייט — שוין גאַנצע עלף חדשים אויף דער וועלט;
איך רייס זיך אויס פון מאַמעס הענט אין זון צעקוועלט;
עס לאָקט מיך זען דאָס גאָלדן אויג פון גאָלד־נעם דרויסן.
איך שוועב, איך פלי — אין קורצן העמדל לאָז זיך פויזען.

און ס'ערשטע מאָל דערוויס איך זיך, אַז שוועל ברענט „הייס",
פאַר שרעק און אַנגסטן שלאָגט מיר אויס אַ קאַלטער שווייס;
איך קלאָג זיך פאַר דער מאַמען, פּיעשטשע זיך איר ווייזן:
אויף אָט־דעם „שלעכטן" שוועל, פון זון־געברענטן אייזן.

*

דאָס צווייטע אומגליק מיינס — דעם סטאָליערס הילצערן „פערד";
איך פלי, איך גרייך די הימלען, האָ־אָפּ! — צו דר'ערד!
דער שווערער קלאָץ ברעכט מיינע דריי־יאָר־דינע ריפּן,
עס שרייט דער טויט דורך קלעפּיק־בלוט פון מיינע ליפּן.

*

און איינמאָל: מאַמע! מ'האָט דער'הרג'עט „גאַנדז", מיין הונט.
כ'ווער קראַנק; איך וויל ניט לעבן! כ'וויל ניט זיין געזונט.
איך וויל מיין לעבן אויפן טויט פון הונט פאַרבייטן.
אָ, ווער וועט איצט מיין חבר זיין?! מיין „פערד" צום רייטן?

פיר יאָר

איך בין אַ דין, פיר־יעריק זקן־קינד געווען,
אָ, וויפיל אומרעכט, וויפיל שלעכטס שוין דאָן געזען!
און וויפיל גרויזאַמקייט, רציחה, אומגליק, קלאָגן
האָט קינדיש דינקייט שוין אין זיך פון וועלט געטראָגן.

עס ברענט דער פראָסט — אַ מענטש, אַ רויט שטיק האָס־און־כּעס!
די קישנס און מיין פ ע ר ד ע ל ע — ער וואַרפט אין גאַס!
און ער און זי, די זין און טעכטער — פייער פלאַמען.
מען שלאָגט מיין טאַטן! מאַמע, מאַמע!... מ׳שלאָגט מיין מאַמען!...

*

אַ הונט מיט שאַרפע ציינער שלעפּט אַ שאָפּן־באַק,
עס לויפט דער הונט, נאָך אים — דער קצב, ס׳פליט די האַק;
דער קצב, האָס און כּעס צעקאָכטער, שרייט אַ רויטער,
דער הונט אין בלוט, אויף שניי, נאָך צאַפּלט זיך אַ טויטער.

*

אַן אָוונט, אומעט, מ׳פירט אַריין אַ יונג — אַ „דעמב״!
מען שלעפּט אַרויף ביים „דעמב״ אַריבערן קאָפּ דאָס העמד;
מען שלעפּט אַראָפּ די פליודערן, מ׳בינדט אים... ציינער קריצן.
מען שמייסט, מען שניידט דעם הוילן לייב!... ביז בלוט נעמט שפּריצן.

און אָט ביי יעדן שמיץ פון רימענס שפּריץ מיט בלוט,
שטייט איינער ציילט די שמיץ און זינגט: גוט! גוט! גוט! גוט!
און אויף די הוילע ליטקעס זיצט רעב לייבל ליפּסעס,
און שאָקלט זיך צו יעדן שמיץ: „אָט נאַדיר שיקסעס״! — — —

דאָס בלינדע ייִנגל

אַ „שמולקע בלינדער״, בלאַסער ייִנגל — עלנט, בלינד.
איז, ווער ס׳האָט הענט געהאַט, פלעגט שלאָגן ס׳אָרעם קינד!
פלעגט ער אין לופט מיט פויסטן־פליגל פאָכן, פאָכן,
פלעגט ווערן „פריילעך״ — „טיאַטער״, „יום־טוב״ — אינדערוואָכן!

איך פלעג זיי שרעקן מיטן גיהנום... „יענער וועלט״...
„די מאַמע זאָגט: דעם יתומ׳ס מאַמע אין קבר שעלט...
ס׳אַ גרויס עבירה אַ בלינדן טשעפּען! ווייל ער זעט ניט...
זי זאָגט: ס׳אַ רחמנות אויף אַ שטומען! ווייל ער רעדט ניט...״

נאָר מאַטערן געווען איז זייער פרייד־געניוס;
מען פלעגט אַ „פּיסל״ אונטערשטעלן ביי זיין פוס.
און ס׳פלעגט דער קראַנקער, בלינדער יתום, „וויסטער קאַליקע״
אַ פאַל טאָן, וואַרפן זיך קאָנוואולסיע, מיט דער „פאַליקע״...

תשעה־באָב

מ׳עסט אומעט־שוואַרץ, מיט ווייסע לאָקשן — טונקל ס׳קלויז,
מען גייט אין הוילע זאָקן, מ׳זעצט ביי דר׳ערד זיך אויס;
דעם חזנ׳ס ניגון נעמט אין האַרצן טרויריק נאָגן
אויף חורבן ציון, ירושלים — אויען, קלאָגן...

מען נעמט פון שול־מיט איינן פול מיט אומעט־שטיל,
עס ראַנגלט זיך די פינצטער־שטילקייט מיט אַ גריל;
די לבנה קוקט פון הימל, האַרץ און פענצטער — אָפן,
ביז חורבן, אומעט, האַרץ, לבנה — אַלע שלאָפן.

מיט חורבן־טרער אין ברעם פאַרטריקנט שלאָפט איין אויג,
צום אַנדער אויג — צעפליען קומט אַ מאָנסטער־„פויג״
דער שנאָבל — קרום, פון צופיל שלייפן — אויסגעריבן,
און פינטלט מיט אַ ביטערן בליק — אַ דורכגעטריבן.

שטייט איבער מיר דער מאָנסטער — שלינגט ביימער אנשטאָט גראָז!
רייסט־אויס אַ באַרג און ווישט זיך אָפּ די מאָנסטער־נאָז...
באַשמעקט מיך... קוקט... און מיטן גרעסטן פאַרגעניגן
טרייבט מיטן עק די אָדלער־גרויסע בלאָע פליגן — — —

אַ שׂרפה

שטיל, כישוף־שטילקייט, שטערן־ליכטלעך, זומער־נאַכט.
אַ ווינטל סוד׳עט גרעזל, גרעזל וויגט זיך, לאַכט.
אַן עפּל פֿאַלט מיר אויפֿן קאָפּ, צעלאַכט זיך בלעטל...
און פּלוצלינג: גוואַלד! — אין פֿלאַם, צום הימל, שוועבט דאָס שטעטל...

מען שלעפּט די בעטגעוואַנט, מ׳פֿאַרגעסט אַ קינד אין וויג,
מ׳שלעפּט פֿאַר די הערנער פֿון איינגעשפּאַרטע ווייסע ציג;
עס פֿאַלן דעכער, ווענט און קוימענס — ס׳וויינען שטיינער,
עס פֿליען פֿונקען, ס׳קלאַפּן זיך אין מויל די ציינער.

די — ראַטעוועט אַ טאָפּ מיט לאָקשן, דער — אַ שטול,
מיט שעפּלעך וואַסער גיסן יידן אויף דער שול;
צום הימל רייסן זיך ילדות — ס׳וויינען קינדער,
און מיטן פֿלאַם גייט־אויף ס׳געשריי פֿון שמולקע בלינדער.

אַ שכנה שלעפּט אַ מעשן שטויסל, לויפֿט און שרייט:
— „אוי, גאָטינקע, קער אום דעם ווינט — אויף יענער זייט!"
מיט מיליאָנען אויגן שווייגט דער הימל, אויסגעשטערנט,
די באָבע קלאָגט: „ס׳האָט דר׳ אויבישטער אויף אונדז געצערנט!"

די גויים דעקן־צו דעם קלויסטער מיט אַ נאַס געוואַנט,
דער גלח פּרעפּלט מיט אַ צלם אין דער האַנט;
די גלאָקן קלינגען: גוואַלד! עס ברענט! עס ברענט! אַ שׂרפה!
— — — — — — — —
אויף־מאָרגן — שוואַרצער שנור פֿאַרצאַמט די גאַס, „מגפה!"

אַ חתונה

אַ שוועסטערקינד, געקומען פֿון קאַווקאַז, אַזש ווייט,
צוריק פֿון קייסער־דינען, ס׳היטל אויף אַ זייט;
פֿון ווייטן וועג, פֿאַרשטויבט, געשלעפּט זיך — אויסגעמאַרעט —
וואו „נח׳ס קאַסטן שטייט נאָך אויפֿן באַרג אַררט".

נאָך איידער איך בין דאָ געקומען אויף דער וועלט,
האָט ער — צו „סלוזשבע", צום „פּריזיוו" זיך דאָ געשטעלט,
און זיך „פאַרקאָכט" אין שוואַרצער שיינדעלען, פון זעזמער,
און אַט, נאָך פּורים, איז די חתונה — „שפּילט, קלעזמער!"

———◆———

אַ פרילינג — ס'האַרץ צעגייט מיט שניי פון דאַך, פון מיל,
איך עס ניט, שלאָף ניט, מעלאַנכאָליש, חלום שטיל;
אַ חתונה — אַ שוועסטערקינד, זי מאַכט אַ מינע...
„זי" פאָרט אַוועק — אין הערצל רוט־ניט־איין איר שכינה.

פון דעמאָלט־אָן — אַלץ אייביק־אייביק כ'בין פאַרליבט,
און, ווי געוויינלעך, ביי פאַרליבטע — שטאַרק „באַטריבט";
און ס'טרעפט, ווען כ'טרעף, ווי „זי", מיט לאָקן גאָלדיק־רויטע,
פאַרפעלט מיר אָטעם, בלייב איך שטום — אַ נאַר, אַ שוטה — — —

אַליין מיטן בוים

אַ שפּראָץ אויף טאָג — די מאַמע רייסט פון בעט זיך אויס,
זי טוט אַ כאַפּ אויף זיך דעם שווערן, גרויסן קויש;
אין מאַרק, אין גאַס — וואו ס'הודזשען פליגן, מענטשן־בינען,
די מאַמע לויפט אין מאַרק באַגינען — ברויט פאַרדינען.

דער טאַטע, שטיל, פאַרטאָג צום דאַוונען גייט אין קלויז,
און איינציקווייז, אַזוי, זיי שלייכן זיך אַרויס;
און מ'לאָזט אין הויז אַליין מיך שלאָפעדיקן איבער,
אין פאַרגעסן געסל, צווישן שלאָפעדיקע שטיבער.

איך כאַפּ זיך אויף, איך לויף אַרויס אין גרויסן הויף,
עס לויפט מיר נאָך מיין שאָטן — כאַפּ איך און — אַנטלויף;
לויפט־נאָך, דעריאָגט מיך, יאָגט מיך איבער לאַנגער שאָטן,
כ'וויל זען ווער־וועמען איבעריאָגן וועט געראָטן.

לויפט־אָן אַ ווינטל, טרייסלט־אויף דעם פלוימען־בוים,
און ס'פאַלט אַראָפּ מיר אויפן קאָפּ אַ זיסע פלוים;
אַ טרוים, אַ פלוים — צעטרוימט, צעפלוימט — צעפלאַמט אין גאַנצן,
איך כאַפּ דעם בוים אַרום, מיטן בוים — אַ לאָז זיך טאַנצן — — —

מיין פינפיעריקע געליבטע

מיליאָן־יאָר שרייט מיין פינף־יאָר האַרץ — פאַרוואונדעט שרייט.
...„זי" איז געקומען מיט איר מוטער פון דער ווייט;
פון איבער זיבן ים׳ען — אַפריקע, אַמעריקע.
מיט אַלע ים׳ען ברויזט מיין האַרץ, אַ, האַרץ — פינף־יעריקע!

איך לויף מיט מיין געליבטער קויפן בייגעלעך אין גאַס,
ס׳איז מיין געליבטע אומגעווייניגלעך שיין און בלאַס.
איר מאַמע זאָגט: זיי זיינען „גרינע", פרעמדע, „ניו־קאַמערס".
מיר קלייבן פון גאָרטן אוגערקעס, זי רופט עס — „קיוקאַמבערס"...

איר מאָדנער כישוף, פרעמדע שפּראַך, איר ציר־מאַניר —
עס דורשט מיין ליפּ, איר קאַרשן־אויג — טאָן אַ באַריר...
און מאָדנע: „אוגערקעס". אין זייער יידיש: „איגערקעס",
און גרעט, דערציילט זי, וואַשן קלאָר דאָרט, שוואַרצע — „ניגערקעס".

מיט דרך־ארץ שלינגט מען אירע פרעמדע רייד,
מען מעסט אויף זיך די קליידער, היט — ווי שיין עס קליידט!
נאָר מער פון אַלץ, מיט רושם גרויס, בערוישט דעם שטעטל —
צום רייבן גרעט, אַ גלעזערן געדונצלט ברעטל.

און איינמאָל — פּרי. אַ חלום. איך כאַפּ זיך אויף — ניטאָ! מיין גאָט!
מען לאַכט פון מיין געוויין. איך וואַרף אויפן טעלעגראַף־דראָט
צום לאַנד „אַמעריקע", צו איר, אַ ליבע־בריוועלע,
צוזאַמען מיט פון גאָרטן פרישע ציבעלע.

די מאַמע קושט מיך, פירט אין גאָרטן מיך אַריין,
זי פירט מיך „זען" ווי ס׳וואַקסן אוגערקעס אין לבנה־שיין.
נאָך איך, איך פלי אויף דער לבנה קיין „אַמעריקע".
מיליאָן־יאָר שרייט מיין האַרץ צו איר, מיין האַרץ, ס׳פינף־יעריקע — — — —

מיין זיידעלע „שפּילט אין טיש"

נאָך דער חופּה און טענץ, קאָך און טומל פון חתונה,
נאָך דער גילדערנער יויך, נאָך לחיימס, נאָך די פיש,
איז געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער, געלאַסענער,
מיט גרויס פאַרבט צו דעם זיידעלעס „שפּילן אין טיש".

צווישן ברייטע צע׳פאות׳ט־צעבערדיקטע יידן,
שוועבט מיין זיידעלע־גוטסקייט קלוג־אויגיקער יידעלע,
און די כלה — בלאַס, שמייכלט צום חתן באַשיידן,
דורך אַ טרער, גרייט אום כליפּ, פאַר דעם זיידעלעס פידעלע.

האָט דער זיידעלע, צאַרט, ווי אַ קינד אַ שטיל־שעמעוודיקס,
דאָס פיין פידעלע גענומען געאַרמט ביי דער פּאַליע;
מיטן בויגן אַ פיר און — אַן „אוי", אַזאַ קלעמעדיקס,
צאַפּלט, פלאַטערט, געיאָגט פון אַ שדים־טאַנד־כוואַליע.

אויען, זיפצן — אַ קוואַלן־פלוס־פליסטער גאַנט־ווייטיקער,
פון באַלאַגערטער ירושלים, פאַר׳אָבל׳טער;
עס גייט־אויף אַזאַ וועלט־געוויין־כליפּ, אַ פאַרצייטיקער,
פון די וועלט־יאָמער־פידלען, ביי די טייכן אַלט־בבל׳שע.

און מלאָכים צעכליפּען זיך, שטערן צעקלינגענדיק,
פון דעם פידעלעס האַרץ — שלאָגט דאָס האַרץ פון דעם וועלט־געברויז;
שדים פלאַטערן, דרייען זיך, קאַראַהאָד שפּרינגענדיק,
און אַ העגער־געקריי וועקט צו חצות, פון קאַטוך אַרויס.

שוועבט דער זיידעלע הויך, אין די עולמות־עליונים —
שוועבט אַ מלאָך אויף סטרונע־קלאַנג, דורכזיכטיק־בלאַס;
און דאָס פידעלע — אויב ניט פון זיידנס גאונות,
מוז דאָס פידעלע כליפּען פון וועלט־משוגעת!

ביז דאָס פידל גייט־אויס אין אַ ווייטער וועלט רופנדיק,
כאַפּן יידן מיין זיידעלען הויך אויף די הענט.
הערצער איבערפול־גבול, עמער־זמר — בגילופנדיק,
טאַנצן פענצטער מיט יידן, און סטעלע — מיט ווענט.

אַז מען האָט פון די פּלייצעס דעם זיידעלען אַפּגעלאָזט,
גאָר אין גאַנצן „אויס־מענטש", אַ קרייד־בלאַסן, צעהעטשקעטן,
האָט דעם זיידן עס זייער אַ סך געזונט אַפּגעקאָסט,
אָט־דער געצן־דינסט־טאַנץ, וואָס מען דרייט און מען געצקעט אים.

דער נאָך־וועטשערע־טאַנץ האָט צעזאָלצט זיך, צעפּעפּערדיקט,
ס׳האָבן פּעטערס און מומעס געטופּעט שטאַרק טומלדיק;
חתן־כלה — בלאַס־מידע, צעגעניצטע, שלעפּערדיק,
און דער זיידע — פאַרגעסן, שטיל־ווינקלדיק, אומעטיק — — —

מיין טאַטע דער פעלדמאַרשאַל

קיין פרומאַק איז מיין טאַטע קיינמאָל ניט געווען,
און ער פלעגט פון פרומאַקעס פיל צרות זיך אויסשטיין;
האַלעמאַי וואָס ער פלעגט די „הצפירה"־בלאַט לעזן
און למאַי שמונה עשרה צופרי פלעגט ער אויסגיין.

זיך אין קיין שום נסתרות קיינמאָל ניט באַהאַלטן,
גאָר אַן אָפענער מענטש איז געווען מיין טאַטע;
פון כפרות אַפילו ניט גאָר שטאַרק געהאַלטן,
דאָך, געגלויבט האָט ער שטאַרק אין די אותיות גימטריאות.

און ווען נאָר אַ גזר־דין אויף דער וועלט האָט געטראָפן,
און די וועלט — ס׳פאָלק ישראל — געמוזט האָט מען ראַטעווען,
פלעגט ער זוכן אין ספרים, האָט נעכט ניט געשלאָפן,
מיט דער גענדזענער פענע אַלץ טאָן און „גימטרעווען".

אויפן שלאַכט־פעלד קבלה — פאַרגעסן אַן עסן.
ווי אַ יענעראַל — פלעגט ער געבן סיגנאַלן, באַפעלן,
און מיט אַלפ׳ן, גימלען, מיט יודן און חיתן,
ווי אַ פעלד־מאַרשאַל פלעגט ער דעם שונא — פאַרשטעלן.

און ער פלעגט זיך באַוואָפענען מיט פסוקים־האַרמאַטן,
אין דער גרעסטער מלחמה פון גוג און פון מגוג;
אויפן שונא זיך וואַרפן מיט שורות סאָלדאַטן,
מיט גימטריאות־גראַנאַטן פאַרוואַרפן שווער־וואָגיק.

בלאָס, אין טלית־און־תפילין, גאַנץ שפּעט נאָכן דאַוונען,
אַז ער האָט שוין אין פלען אַלע שונאים גענומען;
פלעגט ער פעסט זיך מיט אותיות, מיט פסוקים באַוואָפנען,
און דערווייזן דעם רב: אָט, משיח מוז קומען!..

ער מוז קומען — אָט־אָט! אין די טעג, אין די צייטן —
און מיט פייכט־גלאַנץ אין אויג פלעגן קוקן בעל־מלאכות —
נאָר ס׳פלעגט שמייכלען דער רב, פון גימטריאות־באַדייטן,
און ס׳פלעגט לאַכן דער נגיד — דעם טאַטן צו־להכעיס.

נאָר מיט מופתים פון אותיות פלעגט דער טאַטע באַווייזן
(אויף צו־להכעיס דעם נגיד אָרעמעלייט פלעגן קוועלן)
אַז דער גביר וועט פאַרלירן די סקלאַדן פון אייזן
און דער טאַטע וועט ניט דאַרפן מיט די „גויים״ מער קנעלן — — —

מיין שוועסטערל

איך שפּיל זיך מיטן קינד, אין שאָטן, אויפן גראָז.
איר גרעסטע פרייד: ווען ס׳לאָזט זיך כאַפּן מאַמעס נאָז.
נאָר מאַמע מוז דאָך „ברויט פאַרדינען אויף צום לעבן״,
און אויפן קינד מוז איך איר העלפן אכטונג־געבן.

און, אַז די פריצטע פאָרט, איז — ברענט דאָך אַזש די ערד!
נאָר פּלוצלינג — הייסט זי אָפּשטעלן די הייסע פערד;
זי טוט די פריציש־גרויע אויגן אַ צעזשמורקע,
באַטראַכט מיין שוועסטערל: „טאָ טאָ יעסט ראַכקאַ צורקאָ?״

זיי וויקלען־אויס די פּאַרפומירטע לאָקן־קעפּ,
פון פריציש־איידעלע גאַרליאַנדעס, שוואַרצן קרעפּ.
זיי שמייכלען־זיס צום שמייכל־קינד, דורך גאָלד־מאָנאָקלען,
און מיט די לאָקן־קעפּ פול וואונדער — שאָקלען, שאָקלען.

דאָס קינד צעטאַנצט זיך ביי דער פריצטע אויף דער האַנט,
און כאַפּט־אַראָפּ פון פריצטעס קאָפּ דעם בלישטש־בריליאַנט.
זיי שפּאַרן־אָן אַן דעם דאַלאָן אַ באַק — מיט וואונדער;
זיי צלמ׳ען זיך — לאָזן טיף די קעפּ אַרונטער.

זיי פרעגן: וויפל ס׳איז ביי אונדז אין דעם געזינט?
ווי אַלט בין איך? און וויפל ס׳איז דאָס וואונדער־קינד?
—פינף יאָר — בין איך, און שוועסטערל — איז אַכט חדשים.
איז ווער איך רויט און איך פאַרטייטש: „מיעשאַנצי אַשעם".

דאָס קינד באַטראַכט אַלץ מיט אַן אָפּן, קלוגן בליק
און לאַכט מיט זיסן קול, אין וועלט פון גרעסטן גליק;
די וועלט שיינט פול מיט שיינקייט און קיין ליבשאַפט פעלט נישט —
באַהאַלט זי ס׳קעפּעלע אין קישן — שפּילט „באַהעלטניש".

*

אויך טויט שפּילט אין באַהעלטניש — וועלט־באַרימט־באַוואוסט —
ברענגט קינדערלעך „מתנות": קייכהוסט, „קאָקליוש"־הוסט.
דורך טאָלן, גנב׳יש, קומט פאַרטייעט זיך צעבערגן,
שיין שוועסטערל אין וויגעלע — דאָס קינד דערווערגן.

און איינמאָל, נאָך אַ הייסן טאָג, צום רויט־פאַרנאַכט,
האָט ס׳קינד די אויגעלעך אויף אייביק צוגעמאַכט;
אַ טיפן זיפץ — פאַרלאָשן זיך — שטיל אויסגעגאַנגען.
דער טויט — פאַרוויגט, פאַרוויגט — גלין־גלאָן — מיט טויט־געזאַנגען.

איך גיי זוכן גאָט

איך בין פינף יאָר שוין אויף דער וועלט. איך גיי פאַרטראַכט:
פאַרוואָס איז הימל ברענט אַ שרפה אויפדערנאַכט? —
„דאָס קאָכט גאָט וועטשערע!" — דערסודען זיך די קינדער;
„דאָס ברענט דער גיהנום, ברענען, בראָטן זיך די זינדער."

דאָרט,ביים צוזאַמענקום פון הימל מיט דער ערד,
ווייט, ביים בית־עולם, וואו עס פּאַשען זיך די פערד;
דער הימל קושט זיך מיט דיביימער, גרעזלעך, זאַנגען,
בין איך דאָרט זוכן גאָט, אין אָוונטרויט פאַרגאַנגען.

איך גיי און גיי, די רויטקייט טונקלט זיך גרוי,
מיט שטערן־ליכטלעך צינדט זיך אָן דער הימל־בלוי;
שטיל. טייכלעך לויפן, שטראָמען, פליסטערן, צערינען,
איך גיי און גיי און גאָט — איך קאָן אים ניט געפינען.

ביז — איך דערגיי... ביז — גאָר אָן ענד... ביז גאָר אָן סוף,
ביז — מיר באַפאַלט אַ מידער טרויער, זיסער שלאָף...
איך שוועב מיט גאָט און מיט מלאָכים אין גן־עדן — — —
ביז — ס'קומט אַ גויטשיקל און פירט מיך אָפּ צום ציידן.

זינט דאַן, שוין פיל מאָל פינף — אַט־דאָ־ניט־דאָ־געדאַכט —
און נאָך באַפאַלט מיך אַלץ דער רויט־און־בלוי־פאַרנאַכט
מיט אָוונט־אומעט, וואָלקן־כוואַליעס, רויט־געזאַנגען:
זיך לאָזן אויפגיין אין די הימלען — גאָט דערלאַנגען — — —

„די שוואַרצע"

גאָר שיין און קלוג איז אונדזער הון — ווי אונדזער ציג —
ווי גאָלד געגאָלטן האָט איר מזל — מזל׳דיק!
כאָטש איר, אויך, געבעך, ט׳ניט געפעלט ביי אונדז קיין צרות,
נאָר איר גרויס גליק איז — וואָס זי טויג ניט אויף כפרות.

און נעמען נעמט זיך איר צעשטראַלטער גליק דערפון,
וואָס סיי אין שאָטן, סיי אין זון — שיינט שוואַרץ די הון;
און אָט־דעם אַטלעס־בלישטש וואָס גאָט האָט איר געגעבן,
האָט זי געהאַט עס צו פאַרדאַנקען איר לאַנג לעבן!

דערצו האָט זי ביי מיר געהאַט אַ וועלט מיט חן,
און ס׳האָט פון חלף אויסגעקויפט איר מיין געוויין;
דורך מיינע טרערן, אַ כפרה פאַר איר ווען,
האָט זי יום־כיפור־קוילעטש פון מיין האַנט געגעסן.

פאַרן שטיקל ברויט געפירט מלחמה מיט דער ציג,
פאַר הערנער־שטאָך, האָט זי געצאָלט — מיט שנאָבל־פיק;
אַרום דער קאָרעטע — אומשטיינס געזאָגט, די גליקן! —
די ביט־פאַרגינערין, די ציג, לאָזט הון ניט פיקן.

און דורך אַ זייטיק גאָלדרינג־אויג, פאַרקלערט, טיף־קלוג,
פלעגט אָפט די הון צום טיש זיך טאָן אַ זינג: „קופּרוג"!...
אַ שפרונג־אַרויף און, מיט צע׳בריה׳ט־געלע פיסלעך,
אַרויסקאָרטשקען דעם לאַבן ברויט, פון ווייסן טישטעך.

און אָט, געכאַפּט אַ „שקיבע", צ׳עפנט פליגל — אַ־ו־ו־ף!
זי לויפט, זי לויפט — אין גראָז באַהאַלט זיך, ווייט אין הויף;
אין שנאָבל שלעפּט די אָפּגעשניטענע המוציא,
און שוין — פאַרשלונגען! שאַרפט דעם שנאָבל — פטור, יוצא!

נאָר איינמאָל, מ׳כאַפּט זיך — „ווי אין וואַסער!" — ש׳טאָ די הון!
מסתם אַ פוקס האָט איר פאַרצוקט, צי אַ קאַרשון;
נאָר פלוצלינג — „סקאָצל קומט!" — קוקט׳ס־אָן נאָר די „מערכה"!
„די שוואַרצע" פירט איר שוואַרצע הינדעלאַך־משפחה — — —

די ציג

געווען די ציג ווי אַ משפחה־גליד אין הויז —
ווי אַ „קלעק״ דער מאַמען, שבת, נאָכלויפן אין קלויז;
פלעגט גיין מיט אונדז אין געסט צו מומעס יום־טוב־טישן,
וואו צווייַ — די ציג אַ דריטע — אומעטום זיך מישן.

וואו נאָר אַ גאָרטן — זי איז דאָרטן! — נאַשט אַ לעק.
וואו נאָר אַ טאָפּ — אַהאַ! זי שטעקט איר נאָז — אַ שמעק.
וואו נאָר אַ שפּאַרע, צווישן שטעלכלעך — דורכגעדרונגען!
וואו נאָר אַ בוים מיט קאַרשן־בלעטער — הויך־געשפּרונגען.

געווען אַ ליבהאָבער פון האָבער, גראָבן באָב,
פלעגט באָמבלען מיט די אוירינג־פרענדז — גאָטס גאָב —
אויף גיך־גיך, קייענדיק, צי מ׳קוקט קלוג־זייטיק קוקן,
און טיף אין גראָז, זיך הינטערווייַלעכס, אונטערטוקן.

נאָר איינמאָל שבת — די זון שמעלצט אייזליכט דימענט־ציר,
מען עסט דעם טשאָלנט — קלאַפּט די ציג אין פירהויז־טיר;
איך עפן — לויפט די ציג מיט יאָמער־מ מ ע ע, מיט אימפּעט,
און האַרט ביים טיש — די ציג, געשטאָרבן — פון אַ „קינפּעט״.

איין יאָמער־מ מ ע ע און — שטיל, פאַרגליווערט ליגט די ציג,
מיין האַרץ — טיק־טיקט, ווי אפּגעשטעלט — צום לעצטן טיק.
דער דיל האָט זיך גענומען בערגלען, בערגן, האָרבן,
די ציג — אַ נאָענטער משפחה־גליד — ג ע ש ט אָ ר ב ן — — —

מיין זיידע

גערפעלט מיין טאַטן ניט דעם שעפערס קעניגרייך —
שוין ס׳צווייטע מאָל גערעאַטעוועט פון אונדזער טייך;
ער מאָלט די וועלט מיט מרה־שחורה׳דיקע פאַרבן:
„און ניט נאָר לעבן, לאָזט מען ניט — מ׳לאָזט אויך ניט שטאַרבן."

די מאַמע — בלאַס, זי גלעט מיין האַנט, די מאַמע — קראַנק,
און קראַנקערהייט בין איך איר קראַנקסטער וועב־געדאַנק;
און נאָך אַ טאָלקעווען אַ סך פון זיפּצן, ריידן,
איך זיץ אין וואָגן — ס׳פירט אַ גוי׳טשיק מיך צום זיידן.

דער זיידעלע — אַ גוטינקער, מיט ווערטלעך, קלוג,
עס נעמט מיין האַרץ מיך דורך, זיין ליבשאַפט־שאַרפער קוק.
ער טוליעט מיך צום האַרץ, זיין בליק פאַרציט אַ נעפּל,
ער גיט מיר מילך מיט לעקעך, קושט מיך אויפן קעפּל.

ער וואַשט און צוואָגט מיך, נעמט מיך וואַרעם אויפן שויס,
מאָלט־אויס אויף רויט און לערנט מיך דעם „אלף בית";
דער זיידעלע, אַ קליינינקער, אַ לייכטער, זשוואַווער,
צום שול — מיר קייקלען זיך פון בערגל — „ביידע־חבר".

נאָר, ווי דער זיידע — גוט, אַזוי די באָבע — שלעכט;
דער זיידע לאַכט: „דער קאַזאַק שעכט און בלייבט גערעכט".
דערפאַר נישטאָ נאָך אויף דער וועלט, ווי זי — אַ בריה,
און רק זי שמייעט, שייערט, קראַצט און שעלט: „חחחאָלעריע".

נאָר, קומט צו פרומקייט, איז די באָבע פרימער־פרום!
זאָגט תחינה׳ס, גייענדיק און שטייענדיק און אומעטום;
גיסט אָן אַ „טייכל" וואַסער אויפן טיש, צו „קריאת־שמע",
חלילה, טאָמער שלאָפט זי איין צו „לישועתך־קיוויתי".

נאַר, ס'איז דער זיידע גוט — איז מיר ביים זיידן גוט,
ער ווייזט מיר אַלץ, וואָס ער צעמייסטרעוועט און טוט;
קלערט־אויס מאַשינעס, רעדלעך, דריידלעך — „חוכא־טלולא'ס",
און פאַר די שוסטער פון די שטעטלעך — שניצט קאַפּולעס.

דער גרויסער גראַף, וויעלמאַזשני וואַגנער־דאַמעניץ,
פלעגט אַנקוועלן פון זיידנס חכמה, שאַרפן וויץ —
דער גרעסטער שררה פון דער געגנט דער באַוואוסטער —
דער זיידע לערנט אים, בשתיקה, פאַר אַ שוסטער.

און דאַרף אַ גביר אַ שיינע הויז — איז, בויט דער זיידע אויס.
אַ פּריץ וויל אַ ברויז — מיין זיידע „שטעלט" די ברויז;
אַן אָרון קודש, הירשן, לייבן — אַלץ־אַלץ שניצט ער,
און אַ מצבה, פול מיט גראַמען — ס'לעבט אַזש! — קריצט ער.

ביי אים „נישט קאָנען" — „ס'קאָן ניט זיין גאָר אַזאַ זאַך".
מיט פּריצים, „נאַטשאַלסטווע", שפּילט ער דאַמקעס, שפּילט ער שאַך.
אין גאַנצן קאַנט, פון ליבטש ביז טראַב און אַזש ביז סקידל,
מ'אַכט־אָפּ דעם זיידן „שפּילן טיש" — פּס . . . אַ שפּאַס זיין פידל!

ביי וועמען נעמט מען פאַר אַ קראַנקן זומער — אייז?
און ווער שניידט־אויס פון הינער־וואָליעס — „סם פאַר מייז?"
ווער היילט צעבראָכענע נשמות — מיט אַן עצה?
צו וועמען קומט מען נאָך אַ פלאַסטער צו אַ פּלייצע?

פאַרגלוסט זיך „איינגעמאַכץ" אַ טראָגעדיקער פרוי;
צעברעכט זיך וואו אַ וואָזע, צי פון שמאַלץ אַ סלאָי —
מען קומט צום זיידן — אַלץ צום זיידן! — טויזנט זאַכן!
מ'זאָל אַלץ דערציילן — קאָן מען שטאַרבן אַזש פון לאַכן.

אוי, קינדער, מ'קאָן זיך אַזש פאַרלאַכן ביז צום טויט!
פון אַלע הייזער, וואָס דער זיידע האָט געבויט;
פון אַלע זאַכן — דאָ געמעלדט, און ניט דערפאַרבן —
אין פרעמדע תכריכים, איז דער זיידעלע געשטאָרבן.

פון מיל אין נייעם הויז

עס טויכט זיך אויף אין טיף פון מיין געדעכעניש,
נאָכן וואַסער־בראָך פון מיל, דורך קריעס־ברעכעניש —
אין טייך, אין בניך, דאַך־אַראָפּ, מיט וואָגנס, טאַטשקעס,
דורך טויער, פענצטער, שווימען „קאַמער־הויז" די קאַטשקעס.

דער סטאַוו צעבלינצלט, בליצט אין זון — אַ גאָלדנער טאָץ,
אויף דאַמבע־קלאָץ זיצט, וואַשט זיך, וואַרעמט זיך די קאַץ;
און וואו דער בנין איז געשטאַנען, אויף די קלעצלעך,
גייט אַן וועלט־נעגל־שפּיל, פון זיבן געלע קעצלעך.

און ווייטער — שטיל, מיר קוקן גלייך צום גזלן־טייך,
וואָס דרימלט רואיק, נאָך צעברויזטן מערדער־פרייך;
דעם זיידנס אויגן — פלאַמען פייכטע, עלנד־טייכן —
ער רעדט צו מיר, ווי צו אַ גרויסן — זיינס אַ גלייכן.

און מיטאַמאָל — דער זיידעלע וואַקסט־אויס — הויך, גרויס!
ער טוט אַ בליץ: „איך גיי אין שטאָט און בוי אַ הויז!"
און באַלד געקויפט אין מאַרק אַ פלאַץ — געלאָזט זיך קאָסטן;
און מיט אַן אייל, מיט פלאַם אין אויג, דעם פלאַץ געמאָסטן.

מיט קרייד געצייכנט אויפן טיש צום צאָל און שפּאַן.
„שוין פאַרטיק" — ווייזט ער מיר מיט פרייד — „דאָס הויז", דעם פּלאַן.
אַראָפּגעבראַכט אַ דאָרף מיט גויטשיקלעך און גויים,
און, אין אַ מזל'דיקער שעה, געשטעלט זיך בויען.

גייט אום דער זיידע מיט שפּאַגאַט און קויל — קוילט־אָן.
די גויטשיקלעך, מיט גרויסע העק, ווייזט וואָס צו טאָן.
קומט „מיטאָג" — שטעלט דער זיידע „מאָנאָפאַלקעס" בראָנפן.
די גויטשיקלעך, מיט פייכטן אויג, דעם זיידן חנפ'ען:

— „דאַי באָזשע שטאָשטשאַ! נאַש פאַן יאָסעל דאָברי זשיד“.
און מ׳וויקלט אויף די טאָרבעס, מ׳צלמ׳ט זיך, מיט אַפּעטיט.
מען לייגט אין מויל פּאָוואָליע „קעסטעלעך“ „סלאָנינע“
און מ׳טוט אַ יאָג זיך — טאָמער פאַלט אַ ברעקל בלינע.

און אָט, „פּאַרשניאַשקעט“, כראַפּעט שוין „איוואַן כראַפּון“.
און אָט אין הערצל, פריילעך־גאַלדיק, שפּילט די זון,
און אָט שוין פּאַרטיק ס׳הויז — מיט סוכה־דעכל־פליגל,
און אויפן דאַך דער קוימען — וואַכט מיט רויטע ציגל.

איך לויף פון חדר — טאַנצט פאַר מיר מיין האַרץ מיט פרייד,
מיין חוט־השדרה שפּילט דורך זעל און אינגעווייד.
אין „יוסף מיט די ברידער“ טו איך זיך פאַרוואַנדלען;
די רייכסטע יינגלעך שטופּן זיך מיט מיר צו „האַנדלען“.

דער שטאָלץ פון שטעטל איז מיין זיידנס נייע הויז,
איז מיט דעם זיידן און מיט מיר די שמחה גרויס;
איך קום פון חדר — העלף איך אים מיט טשוועקעס, האַמער.
דאָס בויט דער זיידע איצט פאַר אורחים צו — אַ קאַמער.

האָט ס׳קעמערל אַן אורח אַלע מאָל געהאַט,
עס טרעפט ס׳קומט אָן אַן אָרימאַן, אַ „ריסטאָקראַט“;
אַ מגיד, צי אַ חזן, צי דאָס „גוטיאָר ווייס אים“.
און קאָן אין הקדש דאָך ניט זיין מיט די הקדשים.

זיי טרעפן שוין צום קעמערל, פון ווייט, אַהער,
שווער, שטויב־באַשטיוולטע, מיט פּעק און הערצער — שווער;
אין זייער ווייטן, קלוגן בליק פון לענדער־וואַנדער,
פון זיידנס הויז דערציילן זיי זיך איינס־אַנאַנדער. — — —

דעם זיידנ׳ס אַן אָפּגעפּונענע שוועסטער

אַז ס׳איז די נייס אויף אורחים־ברייטער וועלט אַרויס —
דער חנוכת־הבית מיט דעם זיידנס נייעם הויז,
פון מגידימלעך פּעכאָטנע טריט, אין שטויב פאַרשריבן —
אין וואָגלען מיד, פון שלעכטער וועלט, מיט בלוט געטריבן.

... האָט איינמאָל זיך פאַרלאָפן אָט אַזאַ מין זאַך:
אַ בויד איז אָנגעלאָפן מיטן ווילנער שליאַך,
אין שקיעה־רויט, ווי מיט אַ ראָד אָט־אָט אין שבת;
מיר גרייטן זיך אין שול — עס דאַוונען שוין די זשאַבעס.

גרויס, גרויס דאָס רעטעניש, מיט סודות־פול־באַדייט.
עס לאָזן זיך פון בויד אַזעלכע שיינע לייט,
מיט שטילע קוואַלן שעמעוודיקע חלום־אויגן —
וואָס בלאָנדזשען דורך אַן אומעט־וואָלקנדל פאַרצויגן.

און קעפּלעך שוואַרץ־געכוואַליעט, שוועבן קינדער צוויי,
איך גאַף, איך קאָן מיין בליק ניט אָנזעטן מיט זיי,
דאָס ייִנגל — שוועבט אין אַ „מאַטראָסקע״. און דאָס מיידל —
זי שוועבט אין רויט־בלאָ־גרין־געקעסטלט־סקאָטסקן קליידל.

און באַלד אַנטפּלעקט זיך דאָ דער תהום, דער גרויסער סוד,
אַז קומען קומען זיי פון ווייט־ווייט — אַזש פון בראָד!
איר נאָמען, אויב דער זיידע געדענקט, איז: „שרה אסתר״,
און זי, שרה־אסתר, איז דעם זיידעלעס אַ שוועסטער.

דער זיידעלע האָט שיער געחלשט! ער געדענקט...
אַ שוועסטער... יאָ, אַ שוועסטער... ער׳ט נאָך איר געבענקט,
יאָ, ער געדענקט.. ווי אין די עולמות עליונים,
געבליבן קינדער, קיילעכדיקע דריי יתומים.

דעם עלטסטן, האָט מען צוגעכאַפּט פאַר אַ סאָלדאַט.
און אים, דעם זיידן — באַשטאַט ביים שוסטערשן וואַרשטאַט,
ווען מ׳ האָט געקוילעט, ביי דער מיל, זיין טאַטן־מאַמען,
אַן עלטערע שוועסטער, מיטן מאַן און קינד צוזאַמען.

מען איז געזעסן נאָך דער וועטשערע, גערעדט,
גערעדט, גערעדט, מיט אויגן פייכט, פאַר לבנה שפּעט,
מ׳האָט אַלץ דערציילט זיך וואָס דורך יאָרן איז פאַרלאָפן,
און וואָס ס׳האָט איינעם און דעם אַנדערן געטראָפן.

דער שבת הייליק איז אין הייליקייט אַוועק,
קומט וואָכעדיקע וואָך מיט וואָכעדיקן וועג,
איז שוין קינאָרע דאָ אַ היפּשינקע משפּחה:
אויפן זיידנס שטערן אַקערט־קאַרבט דער אָקס אין סאָכע.

מ׳איז אָפּגעוועזן אַ וואָך און — טעג אָן אונטערשייד.
שוין — אויסגעלאָזט זיך אַלע מעשות, גאָר די רייד;
און ווי דער דאָרשט פון זון־לבנה־שטערן־שטראַלן
וואָלט אויסגעטרונקען אַלע טיפע בענקשאַפט־קוואַלן.

דער זיידע האָט דער שוועסטערס טואַכץ זיך דערוואוסט,
און אָט דאָס טואַכץ איז דעם זיידן ניט צום גוסט:
זיי פאָרן „איבער דער וועלט״ אין אַלע עקן, קאַנטן,
און מ׳שפּילט קאַפּעליע — „מוזיקאַנטן״ — קאָמעדיאַנטן.

און מיטאַמאָל, אָט שוין, זיי קלייבן זיך אין וועג,
דאָס הויז איז פול מיט סאַקוואַיאַזשן, קאָלדרעס, פּעק.
און שפּראָץ אויף טאָג, די נאַכט האָט אָנגעהויבן טאָגן,
האָט אין דער וועלט אַראָפּגעקייקלט זיך דער וואָגן.

איך הער די בויד, איך לעצטן דונער איבערן בריק,
אָט קליין, אַ פליג . . . און אָט פאַרפליט . . . שוין — אויסן בליק.
מיין האַרץ פלאַצט אויס פון אונטער שווערע בענקשאַפט־ריגלען,
מיין האַרץ אַנטלויפט אויף שאַרף פונעם מיידל־אַנבליק־פליגלען.

און אויך מיין זיידע שטיל געבליבן פּוסט און שטיל,
ווי יענע רעדער פון זיין פּוסט פאַרלאָזטער מיל.
און ס׳האָט דער זיידע לאַנג אין שווייגן טיף געליטן,
און ווי די מיל — מיט פליגל־בראָך, זיך שטאַרק געביטן — — —

ביים קוואַל

שאַ, שטיל, פליו־פליו, און פליו־פליו־פליו.
עס פליסט, עס פליסטערט שוואַרצער קוואַל;
אין שטיין און מאָך גאָט׳ס שטילסטע רו,
דורך קוסט און צווייג, געקושט פון שטראַל.

שטיל, לויטער, לויטער — הייליק־ריין,
איך שלייך זיך שטיל, איך האָרך זיך צו,
מיך שפּיגלט, פאַרשט, זיין טיף־פאַרשטיין:
ביסטו דער זיידע? איך — צי דו?

און מיט דעם זיידנס ווייזהייט־שטראַל
דורך פייכטע אויגן, טויבן־מילד,
גלעט, וואָרקעט, רעדט צו מיר דער קוואַל,
אין סודות, טיפע, איינגעהילט:

— „וואו איז דיין שוואַרצער לאָקן־קרויז?
דיין אויגן־פלאַם — אַ וועלט געברענט,
ווי, איינגעשטילט דיין ים־געברויז —
כ׳האָב דיך, מיין קינד, ווי ניט דערקענט.

ווייזט־אויס דו קומסט פון ערגיץ־ווייט,
מיט צייכנס פון אַ פאַלשן לאַנד;
איז גראָב דער דין ביי יענע לייט,
גאָט׳ס ליבע־קוואַל — דער קוואַל פון שאַנד.

איז קרעמלען דאָרט, דעם לידס באַרוף,
וואו ס׳האַנדלט נאָר די שאַנד אַליין.
ווער ס׳האַנדלט ניט מיט זעל און גוף —
דעם ווייקט דאָרט דורך גאָט׳ס בלוט־געוויין.

און ס׳פרעגט זיין בליק דאָס רעטעניש
פון גאָט־און־שכינה־כישוף־רינג —
וואו מענטש שלינגט מענטש, ווי פיש שלינגט פיש —
אין שלינג־און־שלאַנג־גאַנג־וועלט־פאַרשלינג.

און, ווי דער זיידע, רעדט ער שטיל:
פליו־פליו, פליו־פליו, מיין עלנד קינד.
און ער דערמאָנטביים וואַסער־מיל,
אין זיידעס מעשה׳לעך פאַרשפינט.

פאַרשפינט, אַזוי, ער שפינט און קלערט,
אין זיך פאַרטראַכט, אַזאַ פאַרטיפטס;
דעם ווייסן קאָפּ אַראָפּגעשווערט,
דורך שטערן־רונצל, טוט אַ זיפץ:

— „זאָג, קינד, וואָס איז מיט דיר געשען
אויף האַרצלאָז־ענגער גרויסער וועלט?
איך האָב דורך שוואַרצער נאַכט געזען
וואו ס׳האָט געבלייכט זיך דיין געצעלט.

אַ שטערן־גרין האָט אָנגעווינקט,
געבראַכט פון דיר אַ ווייטן גרוס —
דיין ליד, וואָס גאָט אַליין נאָר זינגט
צום אונטערערד־גאַנג טרערן־פלוס.

אַז דיר געגאַנגען איז גאָר שווער,
האָט מיר פאַרטרויט זיין פליו־פליו־פליו;
און ס׳האָט געברענט אין פלוס דיין טרער,
וואָס גאָט אַליין טריפט־אויס — שו־שו...״

*

שאַ, שטיל, פליו־פליו, און פליו־פליו־פליו.
עס פליסט, עס פליסטערט שוואַרץ דער קוואַל.
אין שטיין און מאָך גאָט׳ס שטילסטע רו,
דורך צווייג און קוסט, געקושט פון שטראַל. — — — —

צו דער זון

(אַלעגאָריע)

פאַרשטאַרט, טיף־פאַרטראַכט, קוקט די ווערבע
צום שאָטן־געשפּיגל, אין טייך;
פאַרוויקלט אין צווייגן און בלעטער,
גראַציעז און עלאַסטיש, דין, לייכט.

טוט אַ ווינטל אַ שטיף — האָט חרטה,
די צווייגן — אַ נויג לייכט די קעפּ;
און פאַרפלעכטן זיך, טונקען זיך, טובלען
מיט י ע נ ע, אין וואַסער, די צעפּ.

שטיל, די מיטאָג־זון — פייער־בראַנד, פלאַקער,
דאָס פעלד ליגט פאַר׳חלש׳ט און שווייגט;
קיל, אין שאָטן פון ווערבע — דער פאַסטוך,
ער פייפט און ער רייט אויף אַ צווייג.

די זון טריפט איר גאָלדענעם האָניק —
וועלט, לעבן — שטראַלט לויטער, טריפט זיס;
די פאַסטושקע פליעסקעט אין וואַסער
די פרוכטבאַרע, מעכטיקע פיס.

אין געבראָכנקייט־שפּיגל פון וואַסער,
אין רייץ פון פליעסק־רעדעלעך־לייב —
באַהעפט זיך די ערד מיטן הימל,
באַהעפט זיך די וועלט — אין מאַן־ווייב.

ציען וועלדער די שאָטנס אויף פעלדער,
עס ציט זיך די זון צום פאַרגייִן;
און דער פאַסטוך פאַרזאַמלט די סטאַדע,
שניידט איבער דעם טייכל — אַהיים...

דער פאַסטוך — אויף שפּאַס, אויף געלעכטער —
בויגט דעם בוים קעגן שטראָם טיף — אַראָפּ;
און ער טרייבט די חזירים, צו שפּרינגען,
אויפן קאָפּ פון דעם בוים, אין גאַלאָפּ!

זעט דער בוים זיך אין וואַסער געשפּיגלט,
און די זון — גאָלד אין פּורפּור פאַרגייט;
— — — — — — — — — —

זעט דער פּאַסטוך גאַנץ פרי, ביים באַגין־גאַנג,
דער בוים — צו דער זון, הויך געשפּרייט.

אָט, פון אונטן־אַרום — רונד געבויגן,
זיך אַליין, דורכגעפלאָכטן, זיין גוף;
ווי דער אות פון געשריפטס־לאַנגע־„ץ" —
א־ו־י־ף! זיין קאָפּ, שטאָלץ — צום זון־לעבן־רוף!

שטיל; אָוונט; די פּאַסטוכער רוען
ביים פייער, דורך בלאָען זייל רויך;
דערציילט זיי דער פּאַסטוך, דעם וואונדער,
פון בוים, „צו דער זון, אין דער הויך" — — —

אומעטיק־פרייליעך

אומעט, אומעטיק וויינען די ווינטן סוף־אָדר,
אַזאַ אומעט־רחמנות וויגט אומרו — באַרוט;
קוואַלט מיט פרייד־געוויין ווי פון געבורט, יעדער יאָדער —
רעגנט יונג רעגן, יונג ווינט, מיין מיליאַניעריק בלוט.

זאָל יונג ווינט אַזוי זיס און ליב אומעטיק צערטלען,
יאָמערט, רעגנס! זאָל פרייליעכער ס׳אומעטיק זיין!
ס׳ווילט זיך טיילן זיך, האַלבן זיך — פערטלען —
זיך פאַרוואַנדלען אין וויין־אַראָמאַט, לופט און שיין.

זאָל די זון, צוהילף ווינטן, מיט גאָלדבעזים קערן,
מיך, אין אויפלייז צעשמעלצן — אין רויכלעך פון שניי —
פאַר דעם אויסלייז פון דורות, אין ווי פון געבערן,
שוועב איך — בליאונג־שטויב, אויפלייז — צום פרילינג־פּאַרזיי.

אומעט־פרייליעכער ווינט־געוויין וועקט יעדן יאָדער,
אַזאַ אומעט־רחמנות, אַזש פרייליעך־ליב־גוט;
שפּילט סוף־אָדר־געוויין דורך מיין סטרונע־נערוו־אָדער —
יונגער ווינט צינדט מיין יונגפלאַם מיליאַניאַר־הייס בלוט — — —

ערב פרילינג

בײַטשט דער װינט — װיאָ־װיאָ־װיאָ! יאַ־װאַ־הו!
פליט דער װינט אויף מיליאָן־מיליאַס פערד;
װאַך שוין אויף פון דײַן שלאָף און דײַן רוה —
אויף — צום פרילינג־טאַנץ — „מאַמעלע" ערד!

גאַפט א גרעזל, אין שנײ־שמעלץ פון זון,
קװעלט די זון: „װי סע לערנט צעך שטײן"...
טוט א ציטער, באַטראַכט דעם ארום,
טוט א זיפץ — נעבעך, עלענד און קלײן.

װאַכט שוין אויף! — שמײסט דער װינט — װיאָ־װיאָ־װיאָ!
רײסט די בוימער־טשופרינעס און שרײַט:
— אָט, עס שלאָגט שוין צום פרילינג די שעה,
שוין נ״ס־ניסן — שוין בליען באַלד צײַט!

יאָ, — פּאַטשקעט און קראַקעט די קראָ:
— ס׳איז פאַראַן אַ װעלט אַרבעט צו טאָן!
אויף־אויף! פוילאַקעס, װאָס האַלט מען אײַך דאָ?!
ס׳גײט און שטײט זײ גאָט׳ס װעלט גאָר נישט אָן!

גאַפט א בלימל, אין שנײ־שמעלץ פון זון,
אויף א בערגל — אַלײן — עלנד־קלײן;
טוט א ציטער־צוק, קוקט זיך ארום,
גלאָצט מיט װעלט־שמערץ, אין װעלט־מיט — אַלײן.

יו־הו־הו! װיאָ־װיאָ! — בײַטשט דער װינט,
רײַט אויף אײַז־קריעס־פערדלעך־צעברויז;
לויפט מיט טײַכן דורך װאַלד־לאַבירינט —
צו מיסטעריע פון אײביקײט־שויס — — —

מיט דער זון אויף די הערנער

לויפן ווינטן אין וואָלקן־וואַלד, וואָלקן־שאָף טרייבן,
ברומט דער שטורעם, שמייסט אַלץ וואָס שווער־ווינטערדיק־חושכ׳דיק,
און צעררייסט וואָלקן־פלאַכטעס, צעיאָגט וואָלקן־היישעריק;
ביז — עס עפנט דער הימל זיין רויט־בלאָ קליין שייבל.

ווי אַ בלום פונעם קנאָספּ, פלאַצט די זון פון די פלאַכטעס,
טאַנצט דאָס האַרץ שיר־השירימדיק, פרילינגדיק — פסחדיק;
און דער טירקלטויב טאַנצט, שאַרט א פליגל צום טייבל,
קאַוואַלעריש צעפעכערט, צעעפנט — צעפּראַכט עס.

שטאָלץ צעגוידערט — און דרייט זיך הקפות,
זייער טריי, שטאַרק פאַרליבט אין זיין אייגן פרום ווייבל,
לויט די אור־אַלט אַלטמאָדישע וועלט־פילאָזאָפיעס,
רופט דער טירקלטויב, וואָרקעט און פיקט פאַר א י ר קערנער.
און פון די אַלטע געצעלטן, פון שם־חם־און־יפת —
לויפט צום באַרג־קוואַל דער הירש, מיט דער זון אויף די הערנער — — —

וואָס איז ס׳גצאייל?

האָט דער פרילינג אויפגעשלאָסן
אַלע גאָלד־ און פּער־פּאַרטאַלן,
איילן פלוסן, שטראָמען פאַלן,
אויף באַרג און טאָל — פאַרזאמען בלאָזן.

וואָס איז ס׳געאייל? — פון שוואַרצע וועלדער
כוואַליעט זיך אויף פליינען, לאַנגען;
זיס־געזאַנג פון נאַכטיגאַלן,
לויפן קוואַלן דורך די פעלדער;
מ׳ווייס ניט וואו, וואָס, ווער — פון וואַנען —
זיך באַגעגענען מיט קוואַלן.

פאַרבעט מען פלאַטערפויגל בינען,
אויף דער שמעטערלינג זאָל קומען;
פיין פאַרברענגען מיט די בלומען —
ס׳וועט פון שיינקייט האָניק רינען — — —

פרילינג־משוגעת

אויף באַרג און טאָל, אין זונגאָלד־קלייד,
גייט־אָן — אַזעלכס! קומט־פּאַר — אַזאַס!
די זון גייט־אום אין פּוטער־פּאַס,
און שפּילט צום מאַי, אויף גאָלד־טראָמפּייט.

און ס׳ענטפערט מאַי אויף פּויק און באַס,
און טאַנצט און שפּילט אויף בלויער פלייט,
מעלאָדיעס — גרין מיט זונגאָלד־פרייד —
מיט פרילינג־פיבער־משוגעת.

עס זינגט די לענג צום אין־דער־ברייט,
פּאַר ליבע, ענג — פּלאַצט מאַרק, אין גאַס,
ווייל שיכור ווערט מען אַזש פון קוואַס,
פון עפּל־צוויט, אין לופט געשפּרייט.
גייט קאָפּ־פּאַרדרייט, וועלטס פּוסט־און־פּאַס,
מיט קאַרשן־צוויט — צעזעצטערהייט — — — —

פאַרבייסט מיט אייז

צעזעצט אויף טעץ קלינגט זון־טרעוואָגע:
אַ וואַרע מאַכט! דער פרילינג גייט!
אַזאַ פאַרדרייעניש פאַרדרייט —
ס׳גייט־אָן א יום־טוב, מיט א חגא!

גאַר מיט אַמאָל — און ביסלעכווייז,
אויף וואַלד און פעלד, אין פּראַכט־געשפּרייט;
ער קוועלט צעקוואַלט, טרינקט קוואַלן פרייד,
פאַרשלינגט מיט שניי, פאַרבייסט מיט אייז.

אויף ווינטל רומפּלט, פייפט און ברומט,
מיט האָפן, גלויבן, פלאַנצט און זייט;
אויף לאַן און בייט, שטייט בלום און קווייט,
מען חנ׳דלט זיך, אין גראַז, צעבלומט.
אַ ווינטל לאַכט, סוד־איינגעזשומט:
צי ז י פאַרשטייט? — וואָס פאַר אַ רייד?! — — — —

אָנגעלייגטע געסט

סע לאַכט די זון מיט פולן מויל:
אויס — אויסגעקערט, אויס — שניי! אויס — פרעסט!
מיר האָבן אָ נ ג ע ל י י ג ט ע געסט —
אין אַלטן קוימען; איז אונדז וואויל!

עס טשוויטשערן די פ י י נ ע געסט —
זיי ציטרן, נעבעך, נאַקעט־הויל;
נאָך קאַלטער נאַכט, צום זונגאָלד־קויל —
אוי, שוועלבעלעך, אין קוימען־נעסט!

פיפּצט ניי־געבאָרן פייגעלע,
וועלט־פּיעשטשעניש, פּאַר מוטער־שוואַלב;
און ס׳עפנט זיס אַן אייגעלע
צום זונאויפגאַנג, פאַרזשמורקעט האַלב.
און ס׳צופּט פון וואָרים־בייגעלע —
פאַרפלייצט דער וועלט מיט רחמים־זאַלב — — —

אייביקייט־הונגער

אָ, טאַטע־פּאַטער, האַרציק־גוטער,
ערשט אויסגעפּיקטע — פריש פון איי —
און, גאָט, מיין גאָט — ס׳אַ וועלט־געשריי —
מיט אָפן פּיסק, צו שוועלבל מוטער.

א רויטער גיהנום — יעדער פּיסק!
זיי ווילן פרעסן — נעבעכינקעס;
און ווערים־אייער־לאַנדערינקעס —
אויף אָ נ ב י י ס ן — ווי זיס! ווי זיס!

פון מוטערס פּיסק — נאָך מיטן דאַמף —
אוי, וויי דער וועלט — ווי הונגעריק!
די ו ו אָ ל י ע ס פול — מיט ליידיקייט,
מיט „וועלט־שמערץ״! — „לעבנס־קאַמף״!
ס׳ווערט אַלץ פאַרשלונגען — מיטן בליק!
שוין ניש „ג י ׳ ע ס ׳ ט״ — אַן אייביקייט — — —

ערב אַטאָם־פרילינג

דער פרילינג פליט אויף לופטשיף־ברום,
אויף טויט־דערפינדונגס הויך־געדאַנק;
דעם טויט פאַראַקערט מאָנסטער־טאַנק,
מיט טויטן־טאַנץ אויף וועגן קרום.

דער שטאָלן־פויגל־עראָפּלאַן
פליט בלענד־צעשטראַלט אין מאָרגנרויט;
פאַרבט רויט דאָס פעלד און זייט מיט טויט
לייגט א י י ע ר ־ בראַנד — פון גיהנום־וואַן.

מיט פרילינגס טויט — אויף פרילינג גייט
זיין מאַיעסטעט — דעם שד'ס געלאַך;
מיט באַרג אין טאָל פון שד צעדרייט,
פאַרדרייט, פאַרקערט, מיט שד־געקראַך,
מיט לונג און לעבערס איינגעווייד,
צעבליט — אויף גרינעם בוימער־סכך — — — —

כ'האָב ניים פאַר אייך

הארכט קינדערלאך, כ'האָב מעשהלאך, פאַר אייך — צען הונדערט,
וואָס כ'האָב ביז היינט דערציילן, ניט קיין צייט געהאט;
כ'האָב ניים פאַר אייך, גאָר וויכטיק־גרויס — גאַנץ אָפּגעזונדערט!
וואָס שרייבן שרייבט אפילו ניט קיין צייטונג־בלאט.

גאָר שפּאָגל נייע נייס! גרויס וואונדער, איבער וואונדער:
דער פרילינג־לעב מיט וועלט־גרויס־פּראַכט האָט אויפגעפּראַכט,
דער גראָז־און בלומען־טאַנץ צערונדיקט זיך אַלץ רונדער,
צום זון־פול־מויל־געלעכטער — הויך אַרויפגעלאַכט.

די זון געאַרמעט מיטן רעגן, קאָקעטירן,
און הוידען זיך און שוועבן אויף, אין גראַציע־טאַנץ,
און הימל־ערד — אין פרייד אנציקטע — אפּלאָדירן!
און טוען־אָן אויף זיי, דעם רעגנבויגן־קראַנץ!

אין קאראהאד מיט וועלט, מיט קינדער־טאטע־מאמע,
שוועבט, גרוים די שפע פון באשאף — ווער גוט אונז גינט;
דאָך, קיינער קלאפט פון ערגיץ ניט קיין טעלעגראמע,
ווי ס׳וואָלט די נייס, פאַר מערק, קיין אויפמערק ניט פארדינט.

דער אלוועלט־קאראהאד גייט־אָן! — גייט זון־צעקלונגען!
אויף גרין־צעגראָזעניש — בליט גאָלד־צעבלומעניש;
דאָס קליין־קליין הארץ — צעבערגט זיך הויך, אויף בערג צעשפרונגען,
און זיי — קיין פּיפּס! מען נעמט עס איין א שטומעניש!

זיי בריינגען נאָר, פון טויט פאַרוויסטונג — בערג מיט נייעס!
וועלט־איבערקערעניש! — פון העכסטער שיסעניש!
אזש חיה־מענטש, האָט גאָר פארשעמט אין וואלד די חיות,
מיט וועלט־צעשטערעניש און בלוט־פארגיסעניש.

פון באָמבעס־קראך, צום זון־קלאנג טויב! צום בלום־פארב בלינדע!
דערציילן נאָר פון וועלט־בראָך — וועלט־צעבערכעניש;
און אויף דעם גראז־צעבלומעניש — כ׳האָב מורא, קינדער,
וועט באלד פון וועלט — ניט בלייבן קיין געדעכעניש!

מיין שענסטע וועלט, מיט מעשות־לידער — זון־צעצונדען!
וואָס כ׳האָב ביז היינט, דערציילן, ניט קיין אָרט געהאט.
איר נביא־וואָרט, מיט וואונדער־וואונדן וועלט־געבונדן!
וואָס שרייבן שרייבט אפילו ניט קיין מאָרגן־בלאט.

איז איצט, צום מאי, דעם נביאס וואָרט ווייט־ווייט פארלאָפן,
אויף נביא׳ס אייביק־נייע פרייהייט־ווינטעלאך.
וועט פרילינג בריינגען ס׳בלאט פון מ אָ ר ג ן — גלויבן, האָפן;
וועט זיין אויך אָרט פאַר נביאס וואָרט — האָפט! קינדערלאך! — —

1916

איבער נאַכט — אין מיטנדרין

שטיי־אויף, האַרץ, זע, וואָס „ס׳טוטצעכאָפּ!"
דער וואלד צעגרינט ביז הימל־זוים;
דער רעגנבויגן שפּילט אין טראָפּ,
מיט ציטער־פּראַכט, אויף קוסט און בוים.

קום — שוועבן! גיב א הענטעלע!
כאַפּ מיט דיין בליק די וועלט ארום;
פון העלער הויט, גאָר פּלוצלונג, זע:
צעגרינט, צעהעלט, קוועלט גרעזל, בלום.

דו גאַפסט פאַרכאַפּט — אַזוי פיל פרייד;
די וועלט גייט איבער אין דיין כוס —
מיט רעטעניש, וואָס מאָנט באשייד,
פאַר טויזנטס־ווייסט־אַליין־ניט־וואָס.

אזוי פיל פּראכט — גאָר אומגעריכט,
מיט גאָלד־געבלענד אויף יונגען גרין;
אזוי פיל טאנץ־סימפאָניעס־ליכט,
גאָר „פּלוצעטאַלבן" — „מיטנדרין".

זעסט־ בנאמנות! איבערנאכט
דער קאַרשן־בוים — שניי־ווייס־געהילט;
די שפּיל פון בראשית, טיפס פארטראכט,
אַלפאַרבן־שפּיל — גאָט׳ס פּראַכט צעשפּילט.

גרויס — זון געמעלד! דין — גאָלד־געמאָלט.
בלענד — גאָלד־געטונקט אין פרילינג־רייך.
שפּרונג — ציגעלעך, אויף גרין, אין גאָלד.
שפּיל — קאַטשקעלעך, אויף גאָלד־בלענד־טייך.

און אַט — פֿאַרשאַטנט שוואַרצער קוואַל
פֿון אונטער שטיין, גרין מאָך, זיפּצט שטיל;
די צווייגן שווייגן — „גנבֿ־שטראַל״
— „געפֿונען קוואַל״ — — — באַהעלטעניש־שפּיל.

אַ פֿויגל, בראַנדז־ברוין, זייטיק קוקט,
הין־הער־געוויגט אויף רויטער רויז;
האָרכט־צו צום קוואַל־געזאַנג, טיף־קלוג,
און אין געזאַנג־צעגאַנג — גייט־אויס.

זע, קינד, שלהבת־יה! האָרך, זע,
וואָס ס׳טוט־צעך־אָפּ היינט אויף דער וועלט!
עס ברענט די אייביקייט — דער סנה,
אין טראָפּן טוי, מיט וואַלד און פֿעלד.

קום, מעלאַזאַנדאַ! פֿליען — קום!
פֿלי — איידער גלי אין בלי פֿאַרשווינדט;
קום — איידער נאָך דו קוקסט זיך אום,
האָרץ — אויסגעשפּינט. קומט האַרבסטן — ווינט————

קאַפּויר

עס פֿליוכעט, רעגנט — גאָט׳ס רחמנות
אויף עלנדע, אויף ווייטיק גרויס;
דערפֿרישט וואַלט רעגן די וואַזאַנעס —
פֿאַרדאַרט מען נעבעך זיי אין הויז.

קאַלט. וואַגלער קאַרטשען זיך אין שלאַקסן,
רחמנות־אויגן, עלנט, גלאַץ;
פֿאַרשפּאַרט אין הויז — מען לאָזט ניט וואַקסן
אַ בלימעלע — פֿאַרוועלקט ביים שפּראַץ — — —

מיט דער ווילדער הון

שטיל, גאָלד און גרינער אינדזל — אונטן,
פון אויבן — פייער־אויג, די זון;
און איבער אונדז — פאָכט רעדער־רונדן,
מיט וואַלד־געשריי די ווילדע הון.

אין עכאָ — שרעק־געשריי פון פויגל,
שרייט־אויס מילאָן־יאָר בראשית־טרוים;
באַטראַכט אונדז זייטיק מיט אַן אויגל,
און קרייזט אונדז אום פון בוים צו בוים.

שטיל. ווינטלעך לינד, און מער — נישט קיינער,
נאָר מ י ר, איין ביידע — מ י ר — איין־צוויי;
און אויבן נאָר דער פויגל — איינער,
מיט אומעט־פריילעך וואַלד־געשריי.

זינגט אינדזל גרין און ים — צופוסן,
זינגט מיטאָג־זונגאָלד פייער־בראַנד;
מיליאָניאָר־ווייט ברענגט ווינטל גרוסן,
צו אונדז, מיליאָניאָר־ווייטן לאַנד.

צו־גרויס די וועלט דאָ, פאַר אונדז, ביידן,
אויף אונדזער אינדזל רונד און קליין;
געקליידט אין זונגאָלד־קלייד, באַשיידן,
זינט בראשית, שוועבן מיר אַליין.

און ווי דער באַרג־קוואַל שטראָמט פון אויבן —
א י ר לאָקן־שטראָם צעכוואַליעט פליסט
אַריבער אירע פלאַטער־טויבן —
צעשטראַלטע פערלמוטער־בריסט.

פלאַמט אינדזל, זון־באַהעפט געצונדן,
רויט ברויזן ים און אָוונט־זון;
און איבער אונדז — פאָכט רעדער־רונדן,
מיט וואַלד־געשריי, די ווילדע הון — — —

באַהעפטונג־געזאַנג

ס׳איז געווען דער מיסטעריעס בלאָ־פלאַמיקער קטורות,
דער באַהעפטונג־עקסטאַז פון דעם וועלטבאַשאַף־רוף;
דאָס כליפּ־פידל־געוויין צו דער תורה פון דורות,
נאַקעט־פריידיקער קינדיש־געזאַנג פון דעם גוף.

ס׳איז געווען דאָס פרייד־לייד פון די פּירות גערייפטע,
האָניק־גאָלדטריף אין זוניקן בלאָ־ראָזן רויך;
היפּטן, בריסט — פידל־סטרונעס צום פלאַצן פאַרשטייפטע,
מיט געזאַנג פון באַפרוכטונג, צום פּראַכטיקן בויך.

ס׳איז געווען דאָס באַהעפטונג־געזאַנג פון די גלידער,
דורך דערשעפונג, דערשעפונג פון אויפלייז־מינוט;
פאַר דעם אויסלייז פון דורות, דאָס ליד פון די לידער,
אין פאַרכישופטן רינג זינגט דיין בלוט — שטיל־באַרוט — — — —

מיר און דו

מיר — רעטעניש פון דיינע צאַפּל־פישעלעך,
אין דיין בלאָ צייט־פאַרטרייב־ים — אונדז צום פישן:
מיר — דיינע רחמים־נשמה־טרערן־קישעלעך,
וואו דיין באַשאַף־חרטה־טרער טוט פליסן.

דו — גרעסטער פרוכפערשעפער, מיר — דיין אָרעם ווערק,
דו — שטעלסט אונדז אויס דיין ווערק אין דיינע היכל׳ען;
דו — פלאַדזשעסט אונדז אין יאָמערטאָל, אויף פרוכפער־בערג,
דו — גייסט אויף יאַגד אויף אונדז, מיר — חנפען, שמייכלען.

דו — אַלט, אין אייביק־יונג, האַלטסט נאָר מיטן יוגנד־דור,
וואָס אים צוליב ליבט מאַמע־קו, אָקס טאַטן;
זאָל זינגען לויבן דיר, דיין נאָבלער יוגנט־כאָר,
פאַר זיין הנאָה פון דעם קעלבלס בראַטן — — —

מיט־זומער־נאַכט

. . . אויף שטערן־סטרונעס שפּילט די נאַכט איר שטילסטן סטיל:
האָרך, עמעץ סוד׳עט זיך! נעם שטאַרקער מיך אַרום. —
— ניט שרעק זיך, קינד, פֿאַר דער לבֿנה׳ס שטערן־שפּיל —
פֿאַרטרויט די רויטע רויז אַ סוד — דער ווייסער בלום.

— אַז ווינטל וועגן עפּל, סוד׳עט איין צום בלאַט,
דעם סוד פֿון שלאַנג און אָדם־חוה אין גן־עדן —
— און ס׳קומט אונדז מזל־טובֿ: ס׳האָט אַלץ איצט חתונה געהאַט.
אַ שאָרך, שטיל, האָרך, די שטיינער — זינגען! שטיינער — ריידן!

— מיט וועמען, הייסער הירשן־בליק, דו, שענסטער מיין,
האָט אַלץ, מיט מזל, איצט־ערשט, חתונה געהאַט?
— מיט אַלעמען — מיין זעל־גאַזעל, מיין שכינה־שיין:
מיט שטערן און לבֿנה און מיט בוים און בלאַט.

— די שטיינער זינגען, וועגן וועמען? וועגן וואָס?
צי קאָנסטו, ליבער, מיר דאָס רעטעניש באַשיידן? —
— דער קוואַל, דער נאַכטיגאַל, די שטיינער און דאָס גראָז
זיי זינגען, ריידן, וועגן וועלט־אַל, צו אונדז ביידן.

— אַז ס׳ט חתונה געהאַט די קאָסע מיטן שטיין —
אַזש פֿונקען פֿליען פֿון אַ שערבל מיט אַ שטשערב!
— אוי, כּלה, טאַנץ, מיט קאַלעפּלאָר אין טוי־געווייַן,
טאַנץ, פֿעלד, מיט גאַרבן ווייַץ, געאָרעמט פֿון דעם סערפּ.

— ווייל: ס׳ט חתונה־געהאַט דער בוריק מיט דער מער,
און עפּעס איז דער מער מיט לאַקריץ און קעבעבע.
— און אָט־אָ טאַנצן פּעטרעשקעס מיט רעטעכער,
די קאַווענע, די רעבעציך, מיטן קירבעס, רבי.

— זיס, פידל־זיס, קוואַלט זיפץ־געזאַנג פון נאַכטיגאַל,
איז ער אויך זיבן־כישוף שיין, ווי זיין געזאַנג ?
— דער נאַכטיגאַל — שיין, כישופדיקער פון דעם שטראַל,
אין שוואַרצן סודות־קוואַל, פון אָפּבליאַסק שטערן־גאַנג.

—קרוינט אים, ווי דיך, דייןווילדע כוואַליעס־קרויזן־קרוין,
וואָס מיך פאַרגינען ניט, צו־להכעיס, אַלע מיידן ?
— יאָ, קינד, זיין קרוין, אין זונגאָלד — בלאָ און גראָ־בראָנז־ברוין,
אין שאָטן — גראָ־פאַרהילט, ווי זיין געזאַנג — באַשיידן.

— די נאַכט איז ווייס, די נאַכט איז קיל, די נאַכט איז שטיל ;
דאָרט זינגט זיין אייביק שטילקייט־ליד דער וואַסער־פאַל.
— און פאַר דער אייביקייט־לבנה־שטערן־שפּיל,
זינגט־אויס דעם אַלוועלט שעפערס רוהם דער מאָרגנשטראַל.

— ער זינגט צום שעפערס שפע־שאַף־אַלוועלט־באַוואוין,
וואו ס׳זיפּצען שטיל אין פליסטער, טיף־געהיימע קוואַלן —
— די שכינה טובלט דאָרט איר פּערל־טרערן־קרוין,
פאַר אירע עלנד־קינדער, זינגער — נאַכטיגאַלן.

— זעסט, קינד, דאָרט ווייט, פון הינטער באַרג־קייט־קאַראַהאָד,
צום טייך־רעפלעקס, גייט־אויף גאָטס זונגאָלד פּראַכטיק אויג !
— פאַרנויגט זיך מאַיעסטעטיש פּראַכט־האַרמאָניע־גאָט,
צום מינועט, לבנה־שטערן־טאַנץ־פאַרנויג.

— לבנה־שטערן מוטער־קינדער־מינועט,
פאַרגייט, גייט־אויס, מינאָר, צום זונאויפגאַנגס פּאָרטאַלן —
— און ס׳קומט דאָס הירשן־פּאָר אין זון־ראָד סילועט,
צום פרישן טראַנק, צום הירשן־טראַנק, פון באַרג־קרויינס קוואַלן — —

אונטער די שטערן

פראַכט, שטערן־נאַכט און איך, מיין גרעסטע ווייניקייט,
אין שטערן־יאַרמלקע ברייט אויסגעצויגן;
פראַכט נעמט אַרום געטריי מיין אַל־אַליינקייט,
מיר קושן־אויס איינס־אַנדערס עלנט־אויגן.

דורך פולע טרערן־בעכן אויגן־עלנטקייט,
מיר, צוויי, פאַרשטייען זיך, מירביידע — שווייגן;
מיין שווייגן פאַרשט איר טיפע וואוילגעפעלנקייט,
אַלס ענטפער — פאַלט אַ פייגן־בלאַט מיט פייגן.

עס טוליעט מיך די נאַכט, מיט קושן סוד׳עט מיך,
בייסט איין אַ פייג אין קוש אויף מיינע ליפּן;
עס וויגט מיך איין דאָס בלאַט, צום הימל הוידעט מיך,
נעמט שטערן־סודות אויף מיין שטערן זיפּן.

כ׳בין שוועסטער בלאַט, פון יענעם ברודער פייגנבלאַט,
פון מוטער וויסן, פייגנבוים אין עדן,
וואָס אָדם האָט מיט חוה׳ן זיס ניט פיינט געהאַט,
און צום פאַרזוך, פון שלאַנג געלאָזט זיך ריידן.

ווייל אין גן־עדן — צווישן אונדז איצט ריידנדיק —
איז אָדם דאָך אַ מענטש, און גלוסט געניסן;
און אָפּזאָגן דער שלאַנג — צו יונג, באַשיידנדיק,
איז אָדם דאָך אַ מענטש, מיט לוסט צום וויסן.

כאָטש פאַר גרויס מורא, נאָר פאַרזוכט, ס׳פאַרבאָטענע,
פון עץ־הדעת, נאָר געגנאַשט — צו־קנאַפּ געגעסן;
דערפאַר דאָס קין־בלוט, מיט שלאַנג פאַרקנאָטענע,
מיט — גאָרניש־ניש געלערנט — גאָרניש־ניש פאַרגעסן.

אויך דיין לוסט שיינט צום וויסן זיס בן־אָדמ׳דיק,
אויך דו האָסט וויסן־טראָפּ, אַ פייג גענאָסן;
פאַרקניפּט מיט חוה׳ן נאָפּל־גאָלדנפאָדימדיק,
ביים בלעטער־פּיין־געניי דיין בלוט פאַרגאָסן.

דיין וויסן־לוסט פֿאַרשט קערנדלעך, צאָל הונדערטער,
פֿון מוטער־טראַכט פֿון פּייגן־זאַפֿט, דעם האָניק;
ווען נאַכט ווינקט־אָן מיט שטערנדלעך פֿאַרוואונדערטע,
שפּילט־אויס איר פּראַכט אויף גאָלד־וויבריר־האַרמאָניק.

צו זיין האַרמאָנישן באַשאַף־מיסטעריעשאַפֿט,
וואו שטערן לעשן זיך, פֿאַר אײנגערע צו שטראַלן,
און דורות נייע פֿון זיין בראשית־בריה׳שאַפֿט,
אין שכינה־אויסשטראַל שטראַלן־אויף און פֿאַלן.

צום טאַטן „שפֿע־שאַף״, קניט מוטער קריאַטור,
זיין ביז אין־סוף־שאַף אייביק־ליבע־שקלאַפֿין;
געצירט אין ציטער־פֿלאַטער־גאָלד דורך טיף־לאַזור,
פֿאַרשייט צום פּוץ, אין פּראַכט פֿון רייצונג־שאַפֿן.

צוליב זיין שאַף־גענאַד, זיין אייביק־פּרוכפּערקייט,
לאָקט מוטער־טראַכט גאָלד־פּייגנזאַפֿט, אונדז, בינען;
צום האָניק־רעטעניש אין בלומענשטויב פּיין־דופּטיקייט,
אין בינשטאָק־צירקוליר — זיך, כישוף־קרייז געפֿינען.

גאַרט שמשון־נאַר, צום דלילה־כיטרן אויסגענאַר,
ווי אָדם אָדער־וואָרצל, יאָדער חוה׳ן,
צום מוטער־טראַכט, זיס פּייגנזאַפֿט אַריינגענאַר —
מיט מוטערטראַכט וואולקאַן־צעברויזטער לאַווע.

שרייט שמשון־לייבנקראַפֿט מיט האָניק־לייבנבאַק,
אין דלילה־בריסט, אין דלילה־טראַכט אַנטרונען:
ווען ניט געאַקערט מיטן קאַלב, וואָלסט אייביקייט
דאָס רעטעניש געווען נישט אויסגעפֿונען.

און אין דיין ליבע־טרייהייט־תהום פֿאַרלאָרענער,
ליגסט, שמשון־גבר, אין דלילה־בריסט שלענג זיסע;
דו, לייב אין שטייג — דו, טראַגיק־שער באַשאָרענער —
יאָגסט, אָל־געבלענדט, דעם מילשטיין אין דער תּפֿיסה.

דורך דיינע אויגן־תהומען, אויסגעשטאָכענע,
דיין בלוט־שטראָם פּלייצט צום שפּאָט פֿון פּלשתּים־ווילן;
איך הער דיין לייבן־בריל פֿון האַרץ צעבראָכענעם,
אין שטערן־נאַכט, פֿון אונטער וועלט־רויב־זיילן.

פראַכט שטערן־נאַכט און איך — מיין גרעסטע ווייניקייט —
אין שטערן־יאַרמלקע, ברייט אויסגעצויגן;
פראַכט נעמט אַרום געטריי מיין אַל־אַליינקייט,
מיר קושן־אויס איינס אַנדערס עלנט־אויגן — — —

אַ חתונה אין שטעטל

יעדעס האַרץ קוואַלט אריבער, מיט אייביקייט־כלה,
חוה׳ס טאַליע, ווי אַ פידל, שפילט אויף אָדמ׳ס א ריפּ;
און ווי חתונה־האָבן האָט אַ לץ, היינט, מיט אַ לע —
טוט אין אלעמענס האַרץ, זיס, מיט האָניק א כליפּ.

עס גייט־אויף מיט גרויס לעבן, היינט, פריילעך דאָס שטעטל,
עס רופט אויס צו די הימלען, פון קוימענס, דער רויך:
— עס האָט חתונה היינט דאָס שיין מיידל חוה־עטל,
און די וועלט רוישט און קאָכט זיך — אין גילדערנער יאָיך.

ס׳פלייצט מיט גאָלד־אוצרות זון, אויף די שטרויענע דעכער,
קלינגט אין שויב אָן פון שול און פון קרעטשמע און קראָם;
און ס׳געבויגן קליין שטעטעלע וואַקסט ביי זיך העכער,
ביז צום טאַנץ מיט די שטערן, גייט־אויף — כאַדראַם.

און מען זינגט און מען רידלט, מען ראַמט און — סע טוט זיך!
און מען שייערט, מען שמירט־אויס די שטיבער מיט ליים;
מען הענגט פאַרהענגלעך אויף, און מען צוואַגט זיך, מען פוצט זיך,
מען גייט־אויף מיט א האַרץ — צו די הימלען, געהיים.

און מען וועלגערט רובאַשקעס און בלוזעס און העמדער,
טאַנצן וואַלגער־האַלץ־קאַטשלקע — וועלטשאַפט־באַהעפט;
אַלץ, מיט אַלע, באַהעפט היינט, דורך רעטעניש־בענדער,
און דאָס רעטעניש־באַשייד — האַרץ אין האַרצן־ציל, טרעפט.

און אָט טראָגט זיך פון פורן מחותנים די שורה,
פונם וואַלד אַראָפּ־באַרג — אַזש עס דונערט די בריק!
אַ קליין יידעלע, הינטער א גרויסער באַנדורע,
שוועבט פאָרויס, זיי אַנטקעגן, און ברומט מיטן סמיק.

שניידער, שוסטער און דינסטמויד — הויכפענצטער־געזעלשאַפט!
ווי מען וועגט'ס און מען מעסט'ס, יעדן וואָרט וואָס גערעדט!
און אויף סטרונע־וויבריר, פאר דור־דורותשאַפט וועלטשאַפט,
שוועבט דורך זיפץ — ווער־פאַר־וועמעס־באַשערטקייט־געבעט.

שוועבן שטאָלץ יונגען, מוידן, צערויטלט־פאַרפלאַמטע,
בלישטשעט שוואַרצאַפּל־„מענטשעלע" אַנדערש אין קוק;
הערצער צאַפּלען צום וועלט־זיין — ניט זיין וועלטס פאַרזאַמטע,
חוט־השדרה, דורך אַקסל, גייט־אויף מיט אַ צוק.

און אַז ס'צימבלט דער צימבל, פאַרגייט זיך די פידל
מיט אַן אומעטיק־פרייליכס, אויף באַרג און אויף טאָל;
און דער בדחן גראַמט יעדערן אויס, מיט גרויס טיטל,
און ס'גראַמט־אויף צו די הימלען — מיט פלייט, פייפעיאָל.

און דער שטאָט־באַק, הייגט, זאַטער, פונם חתונה־צימעס,
שאר־ירקות, פון שאַלאַכצן־זאַפּט — פון כל־טוב!
ער שוועבט קלוג, נאָך די קלעזמער, דורך אויגן־פייכט־תמימות,
צום געבערג־פייף, פון — אייביקייט־ציגנטום־רוף.

ס'באַגרייפן אויך די חזירים, אַז „גרויסעס קומט'ס פאַרעט!"
און פאַרקרייזלען, גראַציעזער נאָך, ס'עקעלע־קרויז;
זיך אויף יידישע הויפן זאָט — „אַנגעקינאַרעט",
און מען טענצלט גאָטס שירה, צום צימבל, פאַרויס.

מוז, אין צימבל־פלייט־פידל דאָך אויפגיין די שכינה,
וואָס הויבט־אויף פון דער אשפה, באַזעלט דעם פאַרשוק —
אַ ראָז, זשוואָוו „דבר אחר'ל", דראָטיק־שפּרינגדזשינע,
וואַרפט מיט זיך, אויסער־זיכיק! און דרייט מיטן שנוק.

יעדנס הארץ קוואַלט־אַריבער מיט אייביקייט־כלה,
שוועבט מיט כלה־גאָט־שכינה, אויף יעדערנס ליפּ;
און ווי חתונה־האָבן האָט אַלץ, הייגט — מיט אַלע —
חוה'ס טאָליע, ווי אַ פידל — שפּילט אויף אָדמ'ס אַ ריפּ — — —

(ווילנע, 1906)

אַ זומער־נאַכט

מסתם האָט גאָט הנאה גרויס דערפון געהאַט,
און גראָז־שפּרינגערס, אַ גאַנצע כאַפּטע — אָנגעמאַכט!
אָט שטייט אַ שפּינגער־פּאָרל אויפן מיטן בלאַט,
און מ׳נעמט עס איין אַ שטומעניש, ביז — אָנקום־נאַכט.

קומט־אָן די נאַכט — טוט ער אַ טאַנץ — אַ קראַקאָוויאַק:
צי קאָן מען ניט דיין האַרץ אַ נ ט ל י י ע ן, קסאַקעס קסאַק?
ער טוט אַ פידל מיט די פליגל פון זיין פראַק:
ווייל אָן דיין האַרץ — גישט ווערט מיין לעבן קיין פּיעטאַק!

ווייל, צווישן אונדז דאָ, פילאָזאָפיש ריידנדיק,
מיר גייט עס קנאַפּ אום זיך אַליין, פאַרשטייצעך עס;
נאָר ס׳איז די זאַך אַ צווישן־אונדזערס־ביידנדיק,
צוליב די שפּרינגער, צוקונפט־דורות, גייטס מ ע ך עס.

מאַכט זי צו אים: — אויב דיר איז ליב, קסאַק־קסאַקעס קסאַק,
איז מיר דאָך ניחא, אַדרבא! — ביסט ניט קיין בראַק;
אַ דריי פאַר אים זיך אויפן קאָרעך־גרין־כאַדאַק:
ביז אייביק, דיר — מיין האַרץ! — קסאַק־קסאַק־קאַזאַק!

נאָר זי איז דאָך ביז גאָר גאַנץ פרום און „אָ נ ש ט ע נ ד י ק״,
ער זאָל ניט מיינען — גלאַט אַ גאַסיק־אויסגעלאַסענע;
און, אָט־אַזוי, איר ווייבער־חנדל אָנווענדנדיק —
זיי שפּרינגען, כאַפּן ס׳בלעטל־קוויטל, צו דער חתונה.

ס׳אַ חתונה! „ס ע ט ו צ ע כ אָ פּ ע ט!״ — שפּרינגערלעך!
פּאָר לבנה־גלאַנץ, גרויס טאַנץ, קליין חברה היישעריק;
בדחנים־דיכטערלעך, פון גוואַלד־קונסט, זינגערלעך,
אימפּראָוויזאַטאָרן, וואָס מאַטערן אונדז הייזעריק:

— שפּילט־אויף, קלעזמאָרים! אַ געהויבנס! אַ וויוואַט!
דער שפּרינגעריק, דער גלאַוונער מאַכעטענעסטע;
טוט־טיך־טון ש ל י י ד ע ר ן דרשה־געשאַנק — אַ רעטעך־בלאַט!
פון די רעטעכער פון ליצק־קראַוויצק, ביים קוואַל „דיוועניששקע!"

און פייער־פליגעלעך, מיט ליכטלעך, דרייען זיך,
עס פידלען, פּייקלען, צימבלען, גריפלען, קנאַפּערלעך;
עס שפּרינגען, האָפּקען, גורדע־גאַרדע פרייען זיך,
אין האָקוס־פּאָקוס־קאָזשלקעס כאַפּ־לאַפּערלעך.

מיט קונץ פון כאַפּ־לאַפּ, העכסטע דיכטונג זאַכעניש,
פאַרפלאַכן טיפס אין פלאַך־קונץ — וועלט־פאַרפלאַכעניש!
און, אַך, ס׳אַראַ דערפאָלג! פאָלגט ס׳פאָלק־געלאַכעניש —
ס׳אַ חופּה׳ניש! אַ שטופּעניש! — שעפּ־נחת׳ניש!

עס לעבט אַ טאָג — ביי נאַכט — קליין חברה זשומערלעך,
פאַר וועלט־שמערץ, נעבעך, שלאָפט קיין נעכט ניט, די קאַפּעליע־קונסט
פאַר צרות, נעבעך, שלאָפט ביי־טאָג, ס׳גרויס־טומל־מאַך;
און ביז ס׳ווערט טאָג, איז — עפן זיך, אָ, הימל־סטעליע רונדס!

מסתם האָט גאָט קיין אַנדער אַרבעט ניט געהאַט —
אַ גאַנצע נאַכט: „קסאַק, קסאַק! קסאַק־קסאָקעס־קסאַק־קאַזאַק!"
אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַר אָט־אָ דער־אָ גרויסער ט אַ ט,
כ׳פאַרזעץ מיין לעצטן פראַק און — טאַנץ דיר האָפּטשיק־טשאַק — —

אין לעצטן האַרבסט־שטראַל

מיט שטומען אומעט, פולע אויגן,
דורך בעכן־שטראָמען וועלדער־סודות;
מיט האַרבן ספק־סוף געבויגן,
האַרבסט־אָפּ דער האַרבסט זיין לעצטן חודש.

ארומגעפליקט די זקנים־בוימער,
די בלעטער־קרוינען — אויף דער מיעזע;
די שווער־בכבוד׳יקע טרוימער
פאַרקלערט, סעריעזע — מיסטעריעזע.

זיי גלאָצן שטאַר צו קופּעס בלעטער,
אַרום, אויף שטומע קרומע ערטער;
צעמישט מיט צווייגן, אַלטע ברעטער,
וואָס שלעפּט־צענויף דער אומעט־גערטנער.

פון פּוסטן ווינט אַ טויט־פאַרלאַכטער,
דער ווייַנשטאָק — אָפּגעוויינ׳ט — געפאַלן;
פון גראָז נאָך נידריקער — פאַרפלאַכטער,
ווייַנט־אויס זיין וויין, אין בלאַסע שטראַלן.

אַוועק דער טראָסל שוין, צום דרום,
פאַרשטומט דעם וויפּערווילס געזאַנגען;
דער קליאָן, ביים שטאַל, זיפצט נאַקעט, אָרעם,
דער נעסט — אין גראָז; דער שוואַלב — געגאַנגען.

די האָניק־בלום ווינקט מיט אן אויגל:
— שוין, שוין! אַ לעבן אָפּגעפּאַטערט!
מיין פליטער־פלאַטער האָניק־פויגל,
אין האָניק־לאַנד — אַוועקגעפלאַטערט.

אין אומעט גלאַנצט דער ווילדער אַסטער:
— צום דרום שניידט דעם ראַבינס שנאָבל.
און צו די וואָלקן פייפט דער פּאַסטעך:
— נאָך, דאַנקען גאָט, דאָ בלייבט דער וואָראָבל.

די קלוגע ציגן האָפּקען, שפּרינגען,
פאַרטשעפּען צווייגן מיט די הערנער;
מיט גראַציע קרויזט זיך זייער שווינגען,
אַזעלכע נאַשערס! — נאַשן דערנער.

— האָסט שוין אַמאָל געזען אַביסל?
מ'זאָל נאָר ניט געבן קיין עין הרע;
מ'האַלט־צו דעם צווייג אין שפּאַלט פון פּיסל,
ווייל טויזנט טעמ'ען שטעקט אין קאָרע.

שלאָפט־איין דער טייך אין סוד־געהיילטקייט,
— פּליושק פּליושק — מאַכט רעדעלעך די זשאַבע.
פרעגט שטיל דער וואַלד: — צי שטערט זיין שטילקייט?
זיפצט־אָפּ דער טייך: ניין — אַדעראַבע...

אָט לאַכט די זון פון וואָלקן־טירל:
— קומט, זעט! כאַ־כאַ! וואָדען? — אַוואַדע:
— דאָס לויפט פון באַרג־קוואַלס זילבערשנירל,
אין פול־גאַלאָפּ, די הירשן־סטאַדע — — —

נ י אַ ג ר אַ

ניאַגראַ,באַשאַף־טרער, וואָס איך קום צו דיר מער —
דורשט מיין אויג אַלץ ניט פול,ווייבט מיין האַרץ אַלץ ניט זאַט ;
יעדעסמאָל קוואַלט מיין טרער צו ד י ר — וועלט־באַשאַף־טרער,
וואָס ס׳האָט בראשית, ביים וועלטשאַפט, חרטה געהאַט.

טרער, חרטה־רעפלעקס פון זיין זונגאָלד־געשטאַלט,
האָט דער שעפער געווייבט אויף זיין שאַף, נישט געראָטן :
פון זיין מענטשן־מין — שלאַנג־גיפט און פאַלשקייט און גוואַלד —
וואָס מיט אָדם, אין ליים, על פי סיבה — פאַרקנאָטן.

טרער — ניאַגראַ, טרער — שעפערס געזאַנג, טרער — געברויז,
אין דיין ליוסטרעס־סימפאָניע, וועלטס טרערן־פאַל־קוואַל —
טאַנצט ניאַגראַ־באַלעט פון נירוואַנישן שויס,
קאָפּ־אַראָפּ, האָפּ־גאַלאָפּ, שטראַל־צעפּראַל — קאַלאָסאַל.

הוראַ־ראַ־ראַ ! אַלעגראַ־ניאַגראַ, מאַסק־באָל —
טאַנצט וועלט־נימפן־מיליאָן, אויף ווייס־שוימיקע פערד ;
הוראַ, רייטן פון ווייטן פאַרצייטן־צעקוואַל
פאַר דעם אייביק־בראשית — פון הימל און ערד.

גאַף איך, גליווער, פול אויג — טויזנט־אויגיק־געגאַרט,
שטיי איך, שוועב איך, גיי־אויס אין דער שכינה׳ס געזיכט ;
איך שוועב אויפגעלייזט, טוי־טריף־נירוואנא־פאַרשטאַרט,
אויף סימפאָניע־פאַרב־בויגנס, זון־טראָפּן־שפיל־ליכט.

שפריי־געוואַשן, שפריי־דורכזיכטיק — אויסער ערדס זינד,
מיט פאַרגעבונג פון זקן, מיט טעג — איבערפולט ;
מיט געשריי צום באַשאַף פון געבאָרענעם קינד,
שרייט גאָטס שטילקייט אין מיר, מיט באַשאַף — א י ב ע ר ׳ ג ב ו ל ׳ ט.

קום, רצח, אָן האַרץ — מיליאָן־האַרציקער — קום !
דיינע הענט, מיט מיין בלוט, הענגען אָפּהענטיק, שווער ;
קום, דו, פרוי, אָן אַ זעל ; ס׳נעמט מיין האַרץ דיר אַרום,
און פון זיך אַליין קושט דיינע וואונדן, מיין טרער — — —

1919

#ווינטער

ווינט מיט שימל דער הימל פון וואָלקן־טשוגון,
זיך צעפּיעסטשעט פּאַר גאָט, דער פּלאַקסון און פּיעסטון —
ווי אין זויער־מילך־ים, אין סעראָוועטקע־טיף,
וואָלט אים אונטערגעגאַנגען זיין סמעטענע־שיף.

און פון אַלטן און קאַלטן „כמורוק און קאַרגון",
קריכט די קאַלטע, פאַרפרעמדטע, דערווייטיקטע זון;
פויזעט שווער, כאַפּט דעם אָטעם, אויף יענער־זייט־באַרג,
רוט זיך אָפּ, פויזעט־צו, שטראַלט צום וואַלד, קאַלט און קאַרג.

און פון וואָלקן־וואָל שאָל, דורכן נעבל־וואואַל,
שטרעקט זי אויס אַלט און ציטריק־צעבראָכן אַ שטראַל;
שטעלט זיך אָפּ, טוט אַ גלעט איר בן־זקנימל־קוסט,
און ווייך־מוטערלעך טוליעט די בערג צו איר ברוסט.

נעמט־אַרום די הויל־נאַקעטע רוי־ברוינע קעפּ,
און פאַרהילט זיי אין וואָלקן־ראַצעמאַרענעם שלעפּ;
קושט און גלעט זיי, פאַרוויגט זיי: אַי־ליו־ליו־ליו־ליו...
מאַכט די באַרג־קוואַלן־כשר'ע אויגעלעך צו...

שלאָפט — שלאָפט, וועלדעלעך, קינדערלעך זיסינקע, שלאָפט,
ס'וועט נאָך, מ ע ר צ ע ש ע ם, גוט זיין — לעבט, לערנט און האָפט;
אַלץ אין ליכט פון ליד־תורה — ווער גוטס אונדז נאָר גינט!
אַלץ גייט־איבער — פון צפון, אויף פליגלען, מיטן ווינט.

ווינט קומט זעגן, דורך וואַלד, מיט זיין נאַכט־פּראָסטיק־זעג,
און ער לויערט אויף טרויער־פאַרמויערטע טעג;
פייפט אויף זויערמילך־וואָלקנס און לאַכט פון דער וועלט,
און שטעלט־אונטער אַ פיסל דעם באַרג־קוואַל — פאַרשטעלט.

לויפט און סטראַשעט די טייכלעך מיט פראָסט און מיט שניי,
טאַנצט אויף לאָנקעס, ברעכט בוימער אין בלינד־בלענד־זאַוויי;
ווייל, אַז ס׳גייט איינעם גוט — מאַכט ער חוזק פון דער וועלט!
שרייט: אויף כבוד און געלט איז דאָס וועלט־ליד געשטעלט!

און אָט, קינדערלעך, פּלוצלינג — ער קומט! — מיט־אַמאָל!
טיף אין שניי ליגט די פּאַשע, פרירט ס׳וואַסער אין טאָל;
און איר עפנט די אויגעלעך אויף אין דער פרי —
אַלץ פאַרשנייט — ביז די קני! מעקען שטאָלן מיט פּי.

און פון אַלע קי, טרויריקער רעוועט איין קו —
יאָמערט־אויס צו די בערג אַזאַ חלף־שניט־מ־מ־ו־ו!
און צום טאַנץ פון אַ בלאַט, מיט אַ ווייט־וועלטן־קלאַנג —
וויגט זיך אום, מיסטעריעז — קלינגט אין פענצטער, אַ זאַנג — — — — —

דאָס מינדסטע נעגעלע

אַ, האַר פון די וועלטן! רבונו של עולם!
זאָלן מיר אלע אזוי לעבן — מ׳קאָן שטארבן פאַר שיינקייט;
האָסט, גאָט, אַ באַגריף דען ווי שיין ס׳איז דיין וועלט?!

דו האָסט, גאָט, זיך אַליין פּשוט פראָסט איבערטראָפן,
מיט דיין וואונדער און וואונדן־באַשאַף פון דיין וועלט;
ס׳איז באַדאַי אזש כדאַי שוין צו ליידן די שטראָפן,
פון דער חצופה מיט חניפה־זנות־כבוד־און־געלט,
וואָס גלאָרעפיצירט, טריאומפירט אויף דיין וועלט.

ווייל אַפילו די שפל׳קייט — זי, וואָס מאַסקירט זיך,
אין רעגנבויגן־פּראַכט פון ליד־ריינקייט־חנ׳קייט,
זי, די שלאַנג, קאָן מיט גיפט ניט פאַר׳סמ׳ען דיין וועלט.

*

ווייל, אַ, גאָט, ניט ליד „וואָרט״, ניט ליד „פינדזל״ פאַרמאָגן
פון דיין מאָלברעט „בראשית״ די רעגנבויגן־פאַרבן,
וואָס פאַרמאָגט דאָס מיסטעריע־געמעלד פון דיין וועלט.

כאָטש פאַרבלאָטיקט־פאַרבלוטיקט קלאָגט ערלעכקייט־ריינקייט,
יאָמערט גרויס אויף דיין בלוט־פעטן קוגעלע־ערד —
דאָך, חוץ קעצעלעך־ציגעלעך־גענדזעלעך־שיינקייט,
און דיין יונג־פרויען־פראַכט, און ווער רעדט נאָך גאָר — פערד ! ?
גרויסער גאָט, איז נאָך שענערס פאַראַן אויף דיין וועלט !

פון אָן עופ׳עלע ס׳פיטשעניאָנטשינקע פינגערל, ס׳נעגעלע —
אַ, האָר פון די וועלטן ! ווי גרויס ! מ. קאָן שטאַרבן !
מ׳קאָן אויסגיין ! זאָלן מיר אַלע אזוי זיין אויף דער וועלט — — —

אין פייערשראַנק

דער טראַגיק־גאַל־פּאָעט, וואָס לאַכט דורך טרער,
„טאָג־נאַכט׳יגאַלט״ און בליצט דורך דונער־לאַך ;
פאַרגלייכט מען אים, צו „טויזנט און איין זאַך״ ! —
נאָר, אַל־פאַרגלייכן — טאַלן־בערג־קרום־שווער.

מיליאָן מאָל פונקט פאַרקערט ; גלייך — אומגעפער —
ווי איצט אין דעם סאָנעט — גאָטס שרייב־פאַרמעק,
שווער־מזל־בייטש פאַרפאָלגט — פאַרקערט אַוועק —
ניט ער — זיין קרום־פאַרגלייך־ווערט — פאָפולער !

פון מגידס משל, מיט דעם מיליאָנער,
אין וועלטס פאַרגליכן „מעשה בבאַנקיר״ ;
...„וואָס ער האָט מער — אַלץ מער מיט אים — „דער מער״...
און — וויי ! וואָס ס׳איז געשען צום „אָרמן״ גביר !

ער ! — מיט די „קוואַדריליאָנען ! !״ אין זיין באַנק —
האָט זיך אַליין — פאַרהאַקט — אין פייערשראַנק !״ — — —

מזל — דיין מאַיעסטעט

אָ, דו מזל, דו בלאָנדזשעדיק נאַרעלע, דו,
צווישן־הימל־ערד־מעלקעדיק גילדערנע קו;
אַט, דו לויפסט מיך פאַרביי — ס׳פּלאַצט דיין גילדערנער־אייטער,
און — אַ שמיץ מיטן עק און — אַ פלי־אַוועק — ווייטער.

טוסט אין האַרץ זיס אַ שמיץ מיטן גילדערנעם עק,
מיט אַן אויג־ווינק אַ בליץ און — אַ האָפּקע אַוועק!
נו, איז וואָס איז דאָ, מזל׳ע, דאָ זיך צו שעמען? —
׳וואָלט דיך האַרציק געוואָלט, ווען כ׳וואָלט קאָנען דיך נעמען.

סטייטש, ווי קאָן מען ניט וועלן דיך, מזל׳ע, דו?
שייך צו זאָגן, אָ, נאַרעלע, מעלקיקע קו —
מ׳דאַרף פון אייזן דאָך זיין, מיט אַ האַרץ פון אַ גזלן,
מ׳זאָל ניט וועלן מיט דיר זיך, אָ, מזל, באַ׳מזל׳לען.

נאַר, ווי קאָן איך — איך, באַרג־שווער־פאַר׳לידער׳טער יאָלד,
כ׳האָב אַ האַרץ דען צו מעלקן דיין קעלביקן גאָלד? —
אַז פאַרכאַפּט האָט מיך ליד מיט וועלטס טויזנט־פאַך סכ׳ן,
פאַר דיין גאָלד־געמעלק־„האָהייט״, מיט גאָלד־גלייך צו מאַכן.

און איך זינג און איך מעלד פאַר דער וועלט דאָס געמעלד,
ווי עס גייט גלאַט אויף פּוטער דיין גאָלד־רום־געמעלק;
ווי מען קראַצט דיך, מען מעלקט דיך, ווי מ׳האַלט פאַר די הערנער,
ווי מען צאָלט דיר פאַר גאָלד־מילך מיט שטיינער און דערנער.

ווי מען שינדט דיך אַ פעל און מען שפּאַרט אין די „בענק״.
ס׳גייט „אויף טיש און אויף ביינק״, און דיר — גיט מען אַ קרענק!
שייך מען מעלקט! ? — אַזש אַ רויך זעצט פון מעלקשאַפט־רום־„פעקטרע״;
און דו — מעקעסט! און דרייסט מיטן עק — אויף עלעקטרע.

ביז גאָטס צאָרן־פלאַם זעצט פון דיין נאָזדרע — אַ שרעק!
לויפסט און טייטלסט צום הימל פאַרקאָטשעט דעם עק;
און מיט צאָרן־פלאַם פלייצט דיין פאַרכשרטער אייטער —
ביז די ווייטסטע ווייטן און — אויב ניט נאָך ווייטער! — — — —

אונטערן חלף פאַר דיין תורה

יאָ, אמת, גאָט, ניטאָ דער טאָג, די נאַכט, פאַר אונדז,
וואָס פידלדט ניט אויף אונדזער האַלדז, וועלט־שחיטה־קונסט;
דאָך ווער, ווי מיר, פאַר דיין לבנה־זון־מנורה,
האָט נאָך אַזוי הנאה פון דיין וועלט־ליד — תורה? —

יאָ, גאָט, דיין „פ ע ל ק ע ר ־ ו ו א ל ד" רוישט אויס זיין ווילד־וואַלד־וואונטש:
אויף אונדזער סטראַדיוואַריוס־האַלדז, זיין פידלען־קונסט;
און ווער, ווי מיר, קוואַלט־אויס אַזויפיל בלוט און טרערן,
פאַר אַל דיין רחמים־קוואַל, אין שטראַל פון זון און שטערן? —

יאָ, אמת, גאָט, ניטאָ די רגע, שעה, פאַר אונדז,
וואָס פרואווט ניט אויס, אויף אונדזער האַרץ, די מעסער־קונסט;
דאָך, ווער, ווי מיר, האָט נאָך אַזאַ גרויס פאַרגעניגן,
פון מענדעלסאָנס, בעטהאָוועגס, מאָצאַרטס טרויער־ניגון? —

יאָ, גאָט, דיין „פעלקער־ב ל ו מ ע ן־גאָרטן" — ס׳קליינס און רונדס —
טראָגט שנאה, קעגן סיני־בלום — ואהבת־קונסט;
און ווער, געביין־געוויין באַצאָלט, ווי מיר באַצאָלן —
פאַר דיינע ברויזנדיקע ים׳ען, בערג און טאָלן? —

יאָ, אמת, גאָט, נישט איין מינוט באַרוט פאַר אונדז,
וואָס מ׳לערנט ניט אויף אונדזער קאָפּ די פלאָקן־קונסט;
דאָך, ווער, ווי מיר, מיט קאָפּ, האָט נאָך אַזאַ הנאה —
פון תוספות, רש״י און אַ שטיקעלע מהרשאה? —

דיין „פ ע ל ק ע ר ־ ר ע ג נ ב ו י ג ן" — גאָט! — שפּילט קעגן אונדז:
צו בלאָס זיי, אונדזער פאַרב, פון דיין לא־תרצח־קונסט;
און ווער, ווי מיר, אָ, גאָט — אין ליכט פון דיין מסורה —
האָט אויסגעטריפט אַזויפיל העלדזער — פאַר דיין תורה? — — —

מוטער רחל טרער

קלאָגט דורך שכינה־זון, דורכלויכט־טרער, מוטער־טרער — רחל,
וואו זי וואָגלט דורך לאַגערן שטעכיקן דראָט;
אין די שטעכיק־דראָט שטייגן, אויף שיף־בראָך־בטחון,
מיט איר טרער אויף בריטאַנישע וועלט־ימ׳ען שפּאָט.

פאַלט איר טרער, אויף דעם פעלקער־בראַנד וואַנזין און צאָרן,
אויף די שכנימלעך „אונדזערע" פון „קוגעלע" — ערד;
סטייטש! אומזיסט זייער פּראַצע! געשוו׳יצט ביי „קאַסטיאָרן",
איז נאָך, דאָך, וואָס געבליבן פון אונדז — ניט צעשטערט!

אונדז, די „שורקעס", „מאשעניקעס", פּאַלש־כיטרע „זשידעס",
זייער בליק קנוילט אונדז דורך — ימ׳ען שלאַנגען, מיט סם;
איוואַן גראָזני־ירגזן ברויזט גרויזאַם גרויס — חידוש —
סטייטש! מיר האָבן געגאַרט זיי! אַנטלאָפן פון פלאַם!

ס׳וועט דער גלח אונדז קיינמאָל די זינד ניט פאַרגעבן! —
ניט אַפילו פאַר גאָלד־געזאַנג פון לאָרעליי!
און מיר בלייבן זיי שולדיק דעם גאָטס אייביק לעבן,
ביז — מיר וועלן באַצאָלן, שטאָט גאָלד־געצאָלט — בליי!

פרום, פאַרשעמט, מיט אַראָפּגעלאָזט טרויעריקע אויגן,
אויפן שיידוועג שטייט מאַריע, פאַרשטיינערט אין שטיין;
קומט אַ טויב פון פאַרבלוטיקטן קלויסטער צעפלויגן,
וואָרקעט־אויס פאַרן שטיין, מוטער־רחלס געוויין.

טריפט דורך שכינה־זון דורכלויכט־טרער, מוטער־טרער — רחל,
שוועבט אויף גאָר־דעם וועלט־לאַגערן שטעכיקן דראָט;
אין די שטעכיק־דראָט שטייגן אויף שיף־בראָך־בטחון,
וויינט די טרער, דורך בריטאַנישע ימ׳ען — פאַר גאָט — — — —

אונטער גאָטס טראָט

בריטאַניע! פילסט נאָך ניט גאָטס וואָרט — גאָטס דונער־קלאַפּ!
ניט ווייל „דזשאָן־בולס" נשמה־פּעל איז גראָב און האַרט;
ניט ווייל ביסט ווייט פון גאָט — אין ווייטן וועלט־פאַרכאַפּ —
קאָן גאָט ניט גרייכן דיך! נאָר גאָט — האָט צייט! גאָט — וואַרט!

איז קעגן גאָט אַרויס שד־היטלער, אָפּן — בליץ,
נאָר שד־באַטרוג, פאַרפלאָנטערט־„קלוג" — איז דיין מעטאָד;
און דו, „דזשאָן־בול", וועסט קריגן שפּעט דיין לעצטן שמיץ!
ווייל מער געדולד צו שלאָגן דיך, מוז זאַמלען גאָט!

וואָס ניט דערענדיקט האָט דעם היטלערס אַש און גרויל,
טוסטו, דזשאָן־בול, פאַרענדיקן דעם „אייביק־איד";
לאַך! שפּאָט! האָסט ניט געלערנט נאָך, אַז: שווערד און קויל —
צעשמאָלצן ווערט אין האַרץ, אין פלאַם, פון נביא־ליד.

ווען פון דעם „דזשעט" האָט שד־וויברירט גאָטס מילבל־וועלט,
ווי גרויס, אין בלוט, האָט זיך געוויגט בריטאַניעס ערד? —
— ווי גרויס עס קנעלט מיט וועלט דער נביא אַליך — און קנעלט,
אין אַקעראייזן אויסצושמידן קללה שווערד.

אויף דעמאָנס גיהנומס שוועבל־וועגן פון צעשטער,
האָט אויסגעבליצט זיין גיפט, אין העל, דער שלאַנג־גערמאַן;
דאָך, נאָכגיין נביאס אַקער־וועג, איז אַליך דיר שווער,
און אויסבליצן, ווי דער גערמאַן, וועט אויך בריטאַן.

איז גאָטהייט — צייט, דאָך אייביק אויף ד'רצייט — מיט צייט,
וואו ס'טראָגט צייט־מוטערטראַכט פון דיין פאַרברעך, דיין בראָך!
דער בלוט־אימפּעריעס ענד געענענט, פון זיבן־ימ'יקייט,
דער נביא הערט איר אומקומס אָנקום־פליגל־פאָך.

אָן נביאס ליד, וועט גיין „דזשאָן בול", מיט זיין אָטאָם,
מיט אַלדע שיפן פון זיין לופט־ און וואַסער־פלאָט;
דיין „זון־פאַרגאַנג", מיטן פעלקער־זינקען־גאַנג אין תהום
אָן נביאס אַקער — וועט צעטרעטן דיך, גאָטס טראָט! — — —

„פאָרעם און אינהאַלט"

אָ, אם, מאַמע! אוי, אימי!
הראיני, השמיעני... —
ס׳רינט אין רינשטאָק — מיין פלי־מי!

בין, פון ליד־האָניק־בינשטאָק,
ס׳רינט דיין גלי־מי, פאַרדינסט־טאָג —
אין זיין „קונסט־פאָרעם"־רינשטאָק.

מעגן קוועלן בייטש־דייטשן,
(מיט בריטאַניע־קוואַל־בייטשן),
ער — טוט „קונסט" טאָן פאַרטייטשן!

ער — דער קונסט׳ס „וועלט־באַרימטער",
אַלס „אונמידלעכער גרינדער" —
פון זיינע אייגענע קינדער!

ער — בלאָזט הויל־נאַקעט־אָרעם,
תרועה, תקיעה און שברים —
אַלץ — אויף לידס „אינהאַלט־פאָרעם"!

ווייל ער ווייס ניט, אַז שפּין האַלט,
זינט גאָט׳ס וועלט־אָריגין־אַלט —
פאָרעם־וועב — פאַר בין־אינהאַלט;

וואו וועלט־לעבן־האַרמאָניק
הומט מיליאָן־מאַל־מיליאָניק,
ס׳ליד פון בין־אינהאַלט־האָניק.

אָ, אם, מאַמע, אוי, אמי!
קום — הלבשיני — הכניסיני —
ס׳רינט אין רינשטאָק — מיין „גלי־מי" — — — —

אינהאַלט:

	זייט
נחמו	3
וואָטאַן	4
הילף	5
בלוט-בעדער	6
שווערד און אַקער	7
צווישן ערד און הימל	8
דויטשע פינקטלעכקייט	9
„ס'ביבל-פאָלק"	10
אַלע נסים	12
ווי-נאַכט	13
האַנט פון קאַלכאויוון	15
אידן-זייף	17
דעם גאַנג	18
ניט אומזיסט	20
ואָהבת	21
צוריק-קומער	23
טרייסט-געגרויסט	25
מיט ספר-תורות	26
מיין פאָלק	27
צו דיר, מיין פאָלק	29
אין כאָר פון וועלט-אַמונה	30
דער נביא-נאַר	31
פון וועג פון ענתות	32
געזאַנג פונם נביא	33
צום תליון — אַן אָדע	34
סיידן איר האָט חרטה	35
מיין פאָלק וועלטס-מינאָריטעט	36
מה נאה אילן זה	37
דיין קרוין פון רחמנות	38
קראַקאָוויאַקען	40
דער יעזוס-לאַך	42
ווי אַ דעליריאום	43
קריג און זיג	44
וואָלט דיך שאַפן געמוזט	45
תורה	48
אויב ניט נאָך העכער	49
זאָל איבערפערלען	50
ווען איך וועל ניט זיין	51
ווייטאָק-בנין	52
לייג זיך און לאַך	53
וועלט-צעריסנקייט	55
אין קנויל	56
באַלאַדע פון שטיין	57
מעטראָפאָלים	58
מעשענעם רעליץ	59
געפינסט מיך ניט, מיין שאַץ	61
מיין עלנד אומארמען	62
צום פאַרבאָרגענעם ראָב	62
גליכהייט	63
ס'רעטעניש געליזט	64
אין קרעמער תהום	65
פליענדער טראַפיז	66
וואָס טראַכט אַן אָפגעהאַקטער קאָפ	67
פרידלעכע שטאָט	68
אונטער פידל-געכליפּט	69
געשריי פון וועלט-אַליינקייט	69
סאָנעטן ביים ים	71
אַ נאָענטער	73
תפיסות, דולהייזער	74
דער בייגל-טאַנץ	77
אָלד פעל	79
עלעגיע פון הונט	80
קאַליקעס-אינדזל	81
קאַזעמאַט	82
מעדיטאַציעס	83
אויך איך טרעף	87
פאַרנעם פונם נביא	88
ליד — גאָט	89
אָ, היינע	90
וועלט-באַשאַף באַטייליק	91
עס קאָן זיין — איך ווייס	92
וואָס דו רייסט דעם אָרעאָל	93
עפּעמערע-טראַנסצענדענטאַד	94
פאַרפלאָנטערט	95
אין זיין אייביק-באַגין	97
קונסט, ווי איז אונדז	98
פאָעזי	100
זאָל חלילה ניט אַראָפפלאַצן	100
ווען ניט דאָס ליד	102

	זייט
צינד אָן דעם יאָמערטאָל	102
איך — ביי דיר	104
די קרוין	104
לעצטע רגע׳ס	105
תחינה	106
וואָס מאַכט דען אוים ווענוּעס	108
בת השירה — אידישע טאָכטער	108
ליד	109
אויפן	111
לידער	112
איבער מיין צוקאָפּנס	113
סאַקאַוויאַזשן	116
באַרימטע ניט-באַרימטקייט	117
פיל-פאַרשפּרעכענדע	119
בת השירה	119
קינ׳ען די קרוין	120
געלאַטעט	122
מיין מי	124
מיין סטיל	126
זיבעטאַלבן	127
געלאָדן מיטן פּאַק	129
ריינקייט-באַרוף	130
מיין טרויער	131
פּערל-שטויב	132
מיין ריטם	133
געקומען — מוז גיין	134
מיין תפילה	135
ליד — אמונה	136
גזלן הור ליטעראַטור	137
דעם אייביקן גאַנג	139
מענדעלי	141
פּרץ	142
ראָזענפעלד	143
א. רייזען	145
ראָלניק	147
צו דער מאַמען	148
משה לייב	149
גרים דער מאַמען, זישע לאַנדוי	151
געטאָ מוטער ווי	152
אין דיכטער רוהעפּלאַץ	154
איטשקע	156
קאָמעדיאַ פּיניטאַ	158
פאַרערעריי	160
אַהיים צו דער מאַמען	161
ביים אַנשטאַלט	162
אַ אידעלע	163
געקוילעט אָן אַ מעסער	164
מיין יחוס	166
ערשטע טריט	168
פיר יאָר	169
ס׳בלינדע אינגל	169
אַ שרפה	171
אַ חתונה	171
אַליין מיטן בוים	172
פינפיאָריקע געליבטע	173
מיין זיידעלע שפּילט אין טיש	174
מיין טאַטע	175
מיין שוועסטער	176
זוכן גאָט	178
די שוואַרצע	179
די ציג	180
מיין זיידע	181
פ:ן מיל אין הויז	183
אַן אָפּגעפונענע שוועסטער	185
ביים קוואַל	187
צו דער זון	189
אומעטיק-פרוילאך	190
ערבֿ-פרילינג	191
מיט דער זון אויף די הערנער	192
וואָס איז ס׳געאייל	192
פרילינג-משוגעת	193
פאַרבייסט מיט אייז	193
אָנגעלייגטע געסט	194
ערבֿ אָטאָם-פרילינג	195
כ׳האָב נייס	195
איבערנאַכט	197
קאַפּויר	198
מיט דער ווילדער הון	199
באַהעפטונג-געזאַנג	200
מיר — און — דו	200
מיט-זומער נאַכט	201
אונטער די שטערן	203
אַ חתונה אין שטעטל	205
אַ זומער-נאַכט	207
האַרבסט	209
ניאַגאַראַ	211
ווייטער	212
מינדסטע נעגעלע	113
אין פייערשראַנק	114
מזל	215
אונטער חלף	216
אונטער גאָטס טראָט	218
פאָרעם און אינהאַלט	219